19877

# א ראמאן פון א פערד גנב

## און אנדערע ערצעהלונגען

פון י. אפאטאשו




ליטעראַרישער פערלאַג

256 איסט בראַדוויי, נויארק.

# אינהאלט.

זייט:
א ראמאן פון א פערד־גנב (1912) — — — — — — — — 3
אויף יענער זייט בריק (1910) — — — — — — — 128
אין וואלד (1914) — — — — — — — — — — — 149
דער משפט (1914) — — — — — — — — — — — 171
ציגיינער (1914) — — — — — — — — — — — 191
שאטענס (1915) — — — — — — — — — — — 227
מארים און זיין זוהן פיליפ (1913) — — — — — — 243

Copyright by Joseph Opatovsky
1917



## 1

שבת נאָכמיטאָג.

סנאָפּעס גליהענדע שטראַהלען האָבען אריינגעשטראָמט דורך דעם אָפּענעם פענסטער, רעפלעקטירט און צוויי זילבערנע זיילען האָבען זיך בעוואויגען אין דער לופט. צווישען די זיילען איז געלעגען א ווייסע פעטע קאַץ מיט א שווארצע לאַטקע אויף דער נאַז. די פאָדערשטע לאַפּקעס אויסגעצויגען, די מאָרדעטשקע מיט די גרינלעך־פערזשמורעטע אויגען איינגעטוליעט אין די לאַפּקעס. עס האָט זיך געדאַכט זי חלום׳ט. עס איז דורך א פליעג. די קאַץ האָט א שליידער געטהאָן איהר עלאַסטישען קער־פער, געכאַפּט די פליעג, זיך באַלעקט, געלעגט זיך אין דער זעלבער פאָזע און גע׳חלום׳ט ווייטער.

שלמה „קראַדניק“, א הויך דאַרער איד מיט א שיטער בערדעל איז געשלאָפען אויף א פערינע נעבען טהיר. טראָפּענס שוויים, ווי אר־בעס, זיינען ארוים אויף זיין גרויסען שטערען, וועלכער האָט זיך צונויפ־געגאָסען מיט זיין גלאַנציגען פליכעוואַטען קאָפּ, די טראָפּענס שוויים זיינען געשטאַנען א ווייַלע, נאָכדעם זיך פארקערעוועט, און לאַנגע וואסער־פעדים האָבען זיך אראָבגעשנירעלט איבער שלמה׳ס דאַרליכע באַקען.

חנה, שלמה׳ס טאָכטער, א מויד פון א יאָהר עטליכע און צוואַנציג, איז געשטאַנען נעבען שפּיעגעל און זיך געקעמט די האָר. זי האָט עטוואָס אויפגעהויבען איהר שטייף געקראָכמאַליעט קלייד, געמאַכט עטליכע טריט צוריק, אויסגעשטעלט קאָקעטיש א פוס ווי צום טאַנץ און זיך צו־שמייכעלט.

— נו, גענוג זיך שוין צו פוצען! — האָט שרה, חנה׳ס איינגערע

שוועסטער, שוין אויך אַ מיידעל אין די יאָהרען, זיך אָנגערופען אַרויס־געהענדיג — וועסט בערקען אַזוי אויך געפעלען!

— זאָלץ דיר אין די אויגען! — האָט איהר לאה נאָכגעשריען. זי איז דורך עטליכע מאָל די שטוב און איז אַרויס.

תרצה, שלומה׳ס וויב, אַן עלטערע אידענע אין אַ רויטער „באַר־כאַנקע“, אין אַ קאָלירטער שלאָף־קופקע אויף דעם אָבגעגאָלטען קאָפּ, איז געזעסען נעבען אָפענעם פענסטער, זיך אויסגעשובען אַ בריקעוו און מיט אַ שמייכעל אויף דעם פּנים זיך צוגעהערט, ווי חברה האָבען דערצעהלט מעשיות.

אונטער׳ן פענסטער אויף אַ פיער־פיסיגע באַנק זיינען געזעסען עט־ליכע עלטערע פערד־הענדלער אין די וועסטען, די טובענע היטלעך מיט די קליינע דענקעס פערשאַרצט און גשמועסט:

— צו כ׳קאָן אליהו „ווילנער“? — האָט אָנגעהויבען אַ געלער איד מיט אַ געפּלעקעלט פּנים — אַ גנעלעכטער כ׳לעבען! כ׳האָב דאָך ביי איהם געאַרבייט איבער צוויי יאָהר. אויף אַלע ירידים מיטגעפאָהרען, צוזאַמען געגעסען. דער בחור פלעגט „אַריינשיבען“ אויף איין זיץ אַ גאַנץ זייטעל קעלבערן־פלייש, ווי כ׳בין אַ איד! איבער איהם טאַקע, בין איך דאָך געזעסען צעהן חדשים איבער׳ן „קובעל“ — — —

חברה האָבען זיך צושמייכעלט.

— איהר לאַכט, נור גלויבט מיר ס׳איז אַ רחמנות אויפ׳ן יונג! ער האָט דאָך קיין בייזע גאָל נישט!

— אַ קלייניגקייט עפּעס — האָט זיך תרצה אָנגערופען, און בשעת־מעשה אַריינגעפּאַקט אין מויל אַריין אַ פּולען לעפעל אויסשובעכץ — צעהן יאָהר זיך יאָגען נאָך אַ גנב! איהר ווייסט, שוין איבער צעהן יאָהר ווי פּאָליציי יאָגט זיך נאָך איהם אין די ראַדזענאָוועד וועלדער! און ווען נישט „סטאַך“ וועלכער האָט זיך פערליעבט אין אליהו׳ס „קאָכאַנקע“ און איהם איבערגעגעבען דער פּאָליציי, וואָלט מען איהם נאָך עד היום נישט געכאַפּט! כ׳האָב זיך איבער גע׳חדוש׳ט — האָט תרצה ווייטער געזאָגט — דער יונג איז דאָך געווען ווייט פון אידען, די גאַנצע צייט זיך אַרומגעשלעפּט מיט דער „קאָכאַנקע“, און פון דעסטוועגען האָט מען דורך

דער גאנצער צייט נישט געהערט, ער זאל איבערפאלען עפעס א איד, ער פלעגט אלץ איבערפאלען רייכע פריצים, גלחים.

— יא — האט איינער א ברום געטהאן — מען וועט מיט דעם בחור לערנען בלק.

— וויים איך וואס? — האט א דריטער געענטפערט. — געטראפען ס'ארט! פערגעסט נישט, אז אליהו פלעגט אריין דורך א קוימען, איינשלעפערען אלע אין שטוב, אויפהאקען קאסעס, איבערלאזען א קוויטעל אז ער, אליהו, איז געווען און ארוים! נישט דאס ערשטע מאל וואס מען משפט אליהו'ן. היינט פער'משפט מען איהם און מארגען איז ער ווידער מיט זיין באנדע אין די ראדזאנאווער וועלדער. איהר האט אבגעזארגט פאר איהם!

— ווען כ'דערמאן זיך — האט דער געלער אנגעהויבען און אבגעהוסט — ווי אליהו האט אמאל געשטאכען א שקץ, שטעלען מיר זיך האר און נעגעל קאפויר. הארכט:

— דאס וועט זיין... כ'וויים.... נו יא, באלד: דא וואוין איך צעהן יאהר, אין דארף צוויי, און דריי ביי פאניע'ן, נו, וויפיעל איז עס? דאכט זיך...

— א יאהר פופצעהן — האבען זיך עטליכע אידען אבגערופען מיט אמאל.

— המ, שוין פופצעהן יאהר! די יאהרען לויפען! נו, בקיצור ווי האלט איך? יא.

— דער „רימאקער" שרה האט געהאט א גניאדע קאבילע מיט ווייסע לעטשעלעך איז זי ווערט געווען א פינף הונדערט קערבלעך. אליהו ווארפט אן אויג אויף דער קאבילע און שלעפט מיך נאכט איין, נאכט אוים נאך רימאקעס. בקיצור, מיר האבען די קאבילע נישט געקאנט נעמען. כ'האב געמיינט אז דער יונג קריגט די נכפה. ענדע „זשניוועס" מאכט ער צו מיר: הער, אין „הויף" איז היינט יום־טוב, די פאראבקעס האבען א גאנצע טאג געזאפען און שלאפען געווים איצט ווי געהרג'עטע, קום, מיר נעמען היינט די קאבילע. בקיצור, מיר האבען מיטגענומען „קאסטעקען", דעם לעשניק'ס זוהן. איך בין געבליבען שטעהן אונטער'ן פארקאן, ווי ווינען

אריין אין דער סטאדאָלע, ארויסגענומען עטליכע בונטען שטרוי, צו־שפרייט איבער׳ן הויף, ארויסגעפיהרט דאָס פערד. מאכט זיך א זשרע־באקעל איז מיט. אונטער׳ן הויף האָט דאָס זשרעבאקעל אפּנים זיך פארבענקט נאָך דער מאמע און גענומען הירזשען אָהן אויפהער. אליהו האָט געהייסען ארונטערפיהרען דאָס זשרעבאקעל אין ריוו און דאָרט עס איבערלאָזען. דער שקץ פארקערעוועט צום ריוו, נעהמט ארונטער דעם זשרעבאק. מיר שטעהען און ווארטען. מיט אמאָל צורעוועט זיך דאָס זשרעבאקעל אזוי אז דאָס בלוט אין די אָדערן איז מיר פארגליווערט געוואָ־רען. מיר זיינען ארונטער אין ריוו: דער בחור שטעהט און שניידט דעם זשרעבאק איבער דעם האלז מיט זיין טעמפּ מעסער. כ׳זאָג אייך, אזא אימה איז מיך בעפאלען! אליהו איז געווען בלאס ווי קרייד, האָט א שפּיי געטהאָן דעם שקץ גלייך אין פּרצוף אריין, געזאָגט „פּשא־יוכא“ און ארויס.

דעם גאנצען וועג האָט אליהו א וואָרט נישט אויסגערעדט, איינגע־קוועטשט די פויסטען, אראָבגערוקט דעם הוט איבער די אויגען און גע־שפּרייזט. אז מיר זיינען צוגעקומען צו דער „אָלשינע“ האָט זיך אליהו אָבגעשטעלט, אָבגעמאָסטען קאָסטעקן מיט זיין אויג:

— „פּשא־קרעוו“, פאַרוואָס האָסטו גע׳שחט׳ען דעם זשרעבאק?

קאָסטעק איז צומישט געוואָרען, געוואָלט עפּעס זאָגען, נור אליהו האָט איהם א פּלאָס געטהאָן אין פּיסק אריין.

קאָסטעק האָט ארויסגעכאפּט פון דער כאָליעווע א מעסער. אליהו האָט זיך א שליידער געטהאָן אויף קאָסטעק׳ען, ארויסגעכאפּט דאָס מעסער און איהם דורכגעשטאָכען ווי א זיפּ, קרעכצענדיג: „עסט שחט׳ען א זשרעבאק? עסט שחט׳ען?“ — — — —

דער געלער איז געבליבען שטיל. די אידען האָבען אראָבגעלאָזט די קעפּ, זיך פערטראכט.

— געווען א מאָל צייטען! — האָט זיך אָפּגערופען מיט א זיפץ א גרויער איד מיט א גראָבע נאָז און א האלב־אויסגעקראָכענע וואָנצע — אפּנים פון טאבעק שמעקען — האָט בשעת מעשה ארויסגענומען א שקע־טעלע געמאכט פון קאָרע און מכבד געווען דעם עולם.

די טהיר האָט זיך מיט אַ מאָל אויפגעפראַלט און אַ הויך, ברייט־בייניגער יונג מיט אַ פּאָר בלויע, קינדישע אויגען איז אריין אַ פער־יאַכמעטער. ער האָט אראָפּגעכאַפּט דאָס היטעל, געטהאָן אַ שליידער אויפ׳ן טיש און אַ קוטשמע פלאַקסעסענע האָר האָבען זיך צושאָטען אי־בער זיין פערשוויצטען שטערען.

— מאַמע, כ׳שטאַרב עסען! כ׳האָב נאָך היינט פון דער פריה אָן גאָר נישט אין מויל געהאַט!

— לויפט מען נישט ארום אַ גאַנצען טאָג! — האָט תרצה גע־ענטפערט.

— נו, מאַמע, מיר וועלען זיך שוין שפּעטער אויסשמועסען! איצט וויל איך עסען!

שלמה האָט זיך איבערגעטרייסעלט, געפּיהלט פּאַסקודנע אין מויל און געגומען שפּייען:

— תרצה! תרצה! כ׳שטאַרב אַ טרונק!

תרצה האָט איהם דערלאַנגט אַ וואַזעלע מיט פלוימען־יויך. שלמה האָט עס אויסגעזופּט, זיך בעלעקט, זיך איבערגעצויגען און זיך געשמאַק צוגענעצט.

— נו, זאַנוויל, — האָט זיך שלמה געווענדעט צו זיין זוהן, וועל־כער איז געזעסען איבער אַ שיסעל געזאָדענע הוהן מיט חלה און גע־מאַהלט מיט די צייהן, — וואָס הערט זיך עפּעס מיט אליהו׳ן?

— וואָס זאָל זיך הערען? מען האָט דעם בחור געבראַכט אַ גע־שמידטען אין קייטען! טאַטע, איז דאָרט געווען אַן עולם! קינד און קייט איז געשטאַנען און געוואַרט.

— גלויב מיר, ער וועט נישט זיצען! — האָט זיך שלמה אָנגע־רופען און איז צו צו זאַנוויל׳ען. — ווייסט, כ׳וועל דיר עפּעס בעסערס אָנזאָגען!

— וואָס איז?

— אַ „זמאָרע“ האָט זיך אריינגעכאַפּט צו די פערד.

— וואָס? — האָט זאַנוויל געפרעגט אַ פערוואונדערטער. — אַ זמאָרע?

— יאָ, יאָ! די־האָט זיין באַלד פערמאַטערט די פערד. שוין עט־

ליבע טעג ווי כ׳זעה אַלע אין דער פריה, אַז די פערד זיינען דערשוויצט. כ׳האָב גערעכענט די פערד זיינען חולה. היינט אין דער פריה ווי דו ביזט נאָר ארויס, הויב איך זיך אויף און געה אין שטאַל אריין — ס׳גיסט זיך פון די פערד דער שוויים, אין גרזשיווע זיינען איינגעפלאָכטען קאָ־לירטע סטייננעס; כ׳זעה ס׳עסק איז נישט גלאַטיג! כ׳דערצעהל עס דעם אַלטער דוכנע און דער זאָגט מיר: „באַ שלאָמאַ, ביזט זינדיג, א „זמאָרע״ איז אין דיין הויז״. בקיצור, זאַנוויל, מאַך זיך גאָר נישט וויסען פאַר דער מאַמע און נעכטיג היינט אין שטאַל. אַז דו ווילסט, נעהם מיט מיינע תפלין.

— ווייס איך וואָס?! — האָט זאַנוויל געענטפערט. — זי וואָלט שוין אַ לעבעדיגע פון מיינע הענד נישט ארויס!

## 2.

תרצה האָט אַראָפּגענומען פון טיש, אויסגעקעהרט די שטוב, ארויס־געיאָגט מיט אַ האַנדטוך די פליעגען, פערהאַנגען דאָס פענסטער מיט אַ ליילעך און איז אַרויס.

שלמה האָט זיך אָנגעטהאָן אין אַ רויטען שפּענצער און איז אַרויס פאַרשיטען די פערד אָן אָברעק.

זאַנוויל איז געבליבען איינער אין שטוב, האָט אָפּגעוואָרפּען זיינע לאַנגע פיס מיט די ליאַקירטע שטיוועל, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן דעם ווענטעל פון דער שטוהל און זיך פערטראַכט וועגען אליהו׳ן:

עס שוועבט פאַר איהם דורך אליהו „ווילנער" ווי פון בראָנז אויס־געהאַקט, מיט זיין הויכען שטערען, מיט דיקע, לאַנגע, עטוואָס אַראָבגע־לאָזטע וואָנסען. ער געהט אַ געשמידטער, פוןביידע זייטען זעלנער מיט אַרויסגעצויגענע שווערדען. ער געהט פעסט, דאָס פּנים קנייטשט זיך נישט, גיט זיך קיין ריהר, די אויגען קוקען אויפ׳ן עולם, זוכען עמיצען.

עס בעווייזט זיך אַ יונגע שקצה מיט אַ פּאָר בלוי־גרינליכע אויגען, מיט אַ לאַנגען, דיקען, פלאַקסענעם צאָפּ.

אליהו לעגט אַרויף זיינע געשמידטע הענד אויף זיין „קאַבאַנקעס" האַלז. די שיקסע צוואַוויינט זיך אויפ׳ן קול, נעהמט קושען זיינע גע־שמידטע הענד און שעפּטשעט עפּעס — — —

האָט זאַנגוויל אַ טרייסעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ, אַ בורטשע געטהאָן „פּשא יוכא" גלאָט אין דער וועלט אַריין און האַסטיג גענומען שפּאַנען, האַלטענדיג די הענד אין די הויזען קעשענעס׳ איבער דער שטוב.

ער איז זיך עטליכע מאָל דורך די שטוב, זיך אויסגעצויגען אויף

דער שלאָף־באַנק, פערלעגט די הענד צו־קאָפּענס, אויסגעשפּיגען און זיך פערטראַכט:

די בלאַסע רחל מיט די שוואַרצע אויגען, מיט די לאַנגע שוואַרצע האָר ביז איבער די קניהען זיצט יעצט מיט איהר אַלטען פאָטער אין דער שטרויענער בודע, וואָס געפינט זיך אין מיטען פעלד.

אַ גאַנצע וואָך איז רחל כמעט אַליין אין פעלד, היט די גערטנער, גיט אַכטונג אויף די שיקסעס וואָס אַרבייטען דאָרט און שיקט אָפּ דאָס גרינס נאָך פרייסען, וואו איהר פאָטער פערקויפט עס. אויף שבת קומט ער אַהיים און דעמאָלט נעכטיגט רחל מיט איהם אין דער בודע.

שבת קומט זאַנוויל נישט אין גאָרטען אריין. רחל האָט איהם אָנגעזאָגט נישט צו קומען, דען דער פאָטער וועט האָבען גרויס עגמת נפש זעהענדיג אַז זיין טאָכטער חבר'ט זיך מיט בחורים.

אין מיטען דער וואָך, שפּעט ביי נאַכט, גנב'עט זיך זאַנוויל דורך פערשיעדענע וועגען, מענשען זאָלען איהם ניט זעהן, און שפּאַנט אריין אין גאָרטען. דאָרט וואַרט אויף איהם רחל. ער לעגט זיך ביי איהרע פיס, ווי אַ געטרייער הונד, קוקט אין איהרע שוואַרצע אויגען, ריהרט ליכט אָן איהר קלייד זי זאָל ניט שפּירען און הערט זיך צו ווי זי דערצעהלט איהם מעשיות.

זאַנוויל רעדט מיט קיינעם ניט וועגען רחל'ען און קיינער ווייס נישט אַז ער קען זי.

אָט איצט ליגענדיג אַזוי אַליין, פיהלט זאַנוויל אַ שטאַרקע בענקשאַפט נאָך רחל'ען. דאָס האַרץ פערקלעמט איהם און ער פיהלט ווי זיינע אויגען ווערען איהם פייכט. ער בעשליסט פון מאָרגען אָן צו ווערען אויס גנב, ניט גריסען זיך צו זיינע בעקאַנטע און אין אַ קורצער צייט אַרום וועט די שטאָדט וויסען אַז זאַנוויל איז געוואָרען אַן עהרליכער איד. דעמאָלט וועט ער קומען צו רחל'ס פאָטער און זאָגען:

— ר' נתן!

דער אַלטער וועט איהם געבען אַ ברייטען שלום־עליכם, איהם אַ קלאַפּ טהאָן אין דער פּלייצע:

— יאָ, מיין זוהן, ב'וויס אַלץ... זעץ זיך!

זאַנוויל דערמאָהנט זיך אָבער, ווי ער פיהלט זיך דערשלאָגען, ווען ער טרעפט ר׳ נתן אַ שבת אין דער פריה. איהם דאַכט זיך, אַז ר׳ נתן ווייס אַלץ, קוקט איהם נאָך מיט פעראַכטונג און קלעהרט זיך געווים: אָט דער יונגאַטש, דער פערד־גנב האָט דאָס די העזה זיך צו שדכנ׳ען צו מיין טאָכטער...

רחל פרעגט איהם קיינמאָל נישט פון וואָס ער לעבט. זי ווייס געווים, אַז ער איז אַ פערד־גנב. נאָר זי וויל איהם נישט ערגערען — האָט זאַנוויל זיך גענומען טרייסטען — און די בייגקשאַפט צו זעהן רחל׳ען איז אין איהם געוואָרען נאָך גרעסער.

פיעל מאָל האָט זיך איהם געדאַכט, רחל ווייס נישט, אַז ער איז אַ פערד־גנב. אַנדערש וואָלט זי מיט איהם נישט גערעדט. און ער בעשטימט איהר אַלעס צו דערצעהלען. ווען ער טרעפט זיך אָבער מיט איהר, פערשווינדט ביי איהם דער געדאַנק און ער ווערט אין גאַנצען פערוואַנדעלט אין אַ הונד, וועלכער ליעגט און קוקט דעם בעל־הבית אין די אויגען.

אין גאַנצען עטליכע וואָכען ווי ער האָט זיך בעקענט מיט רחל׳ען. שפּעהענדיג ערב שבועות מיט׳ן טראַקט אהיים פון אַ נאָהענטען דאָרף, האָט ער דערהערט קומענדיג אונטער׳ן שטאָדט אַ געשריי. אויף דער צווייטער זייט פעלד זיינען געלאָפען צוויי שקצים מיט פולע זעק און אַ באָרפּים מיידעל איז זיי נאָכגעלאָפען און געשריען. זאַנוויל האָט זיי פערשטעלט דעם וועג. די שקצים האָבען די זעק אוועקגעוואָרפען. ער האָט איהר צוגעטראָגען די זעק. רחל איז געשטאַנען האַלב דערשראָקען מיט ברייט צועפּענטע אויגען און געשמייכעלט. זי האָט איהם געדאַנקט און עפּעס אַזוי געקוקט אויף איהם, אַז ער איז פון איהר ערשטען בליק אַ פערציטערטער געוואָרען. פון דעמאָלט אָן האָט עס איהם גענומען ציהען אין פעלד אריין. ער האָט זיך מיט רחל׳ען גענומען טרעפען אָפּ־טער און אָפטער — — —

זאַנוויל איז אַראָפּ פון דעם שלאָף־באַנק, גענומען שפּאַנען איבער׳ן חדר און זיך געפּלאַנט אַזוי:

אין דעם פּוילישען קלויסטער — דערצעהלט מען — איז דאָ אַ

גאָלדענע „מאַמע“ מיט בריליאַנטענע אויגען, איז זי ווערטה אין די הונ־דערט־טויזענטער אריין. ער וועט דאָרט אריין און די הייליגע „מאַמע“ ארויסנעהמען. פאַר דעם געלד וועט ער קויפען „דאָנסקי“ פערד מיט לאַנגע עקען, אַלערליי געוועהר. ער וועט צונויפנהמען אַ באַנדע לייטישע יונגען און אַוועקלאָזען זיך מיט זיי אין די „ראַדזיענאָווער“ וועלדער אריין.

זיי וועלען זיך אויסבויען אַ הייהל צווישען דעמבעס און דאָרט וועלען זיי וואוינען. די הייהל וועלען זיי בויען נישט ווייט פון דער „זשאָל־דעווקע“, אַז אין צייט פון אַ געפאַהר זאָלען זיי קענען אריבערשווימען נאָך פרייסען.

דאָרט וועלען זיי וואוינען פריי, יעדע וואָך וועלען זיי אַנזאָטלען די דאָנסקי פערד, נעהמען ביקסען און איבערפאַלען פריצישע הויפען, אָפּ־שטלען פאַרטיעס סוחרים, וואָס פאָהרען נאָך פּלאָצק, נאָך וואַרשע...

אין אַ קורצע צייט וועט זיך די גאַנצע געגענד פאַר זיי שרעקען. אָרימע לייט וועלען זיי ניט טשעפּען און מיט דער צייט וועט מען צו זיי קומען מיט יעדען משפּט. ער, זאַנוויל, וועט ווערען קיסר; די בלאַסע רחל מיט די שעהנע שוואַרצע אויגען, מיט די שוואַרצע האָר ביז איבער די קניהען וועט זיין זיין ווייב, זיין קייסערין! — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

## 3.

שלמה איז אַריין אין שטאַל, פערקאַטשעט די אַרבעל און אָנגע־שאָטען די פערד אָן אָברעק. די פערד האָבען זיך צוהירזשעט, געביסען די קאָריטע און פאַר גרויס שמחה פאַרוואָרפען די הינטערשטע פיס.

— נאַ באַק, פּרעסערס! — האָט שלמה אַ געשריי געטהאָן און אָראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש דעם שימעל צווישען די לאָפּאַטקעס. דער שימעל האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אין אַ זייט, ווי מען וואָלט איהם אָפּגעגאָסען מיט קאַלט וואַסער, און שלמה איז אַ צופריעדענער אַריין צווישען די פערד.

— ערגיץ אַנדערש אַ פערד אַרבייט מיט די זייטען, ווערט אויסגע־ריסען פאַר'ן ביסעל פּאַשע און דאָ? גאָר נישט! האַלט איך אַזעלכע צוויי קעסט־קינדער... חסיד'ישע איידעמס... נו, נו, וואָס ברוגז'דו זיך, וואָס? קאָסט געקריגען אַ מתנת־יד? וועסט באַלד אין דער מאָרדע אויך קריגען, דו געשוואָלענער! און דו? — האָט זיך שלמה געווענדעט צו דער קאָבילע, בשעת מעשה אָנגעכאַפּט איהר לאַנגען עק מיט וועלכען זי האָט זיך גע־פּאָכעט איבער די זייטען — וואָרט, וואָרט, מאָרגען, אם ירצה השם, פיהר איך דיך אין הויף אַריין, דעם שעהנסטען אָנער קלויב איך דיר אויס, נור געדענק? — האָט שלמה געקלאַפּט דער קאָבילע איבער'ן שטערען — זעה, אַז דער זשרעבאַק זאָל נישט זיין ערגער פאַר'ן טאַטע!

— די מכשפה מאָרדעוועט אייך, האַ? נו, זי וועט זיך שוין אַ וויסט יאָהר אויסרעכטען, די „זמאָרע“ מיין איך. זי וועט שוין פון זאַנווילס הענד קיין לעבעדיגע ניט אַרויס!

שלמה האָט אָנגעשניטען ווייסע מייערען אין רייפּלעך, געגלעט דעם שימעל איבער דעם גלאַטיגען האַלז, איבער דער מאָרדע:

נאַ, פרעס, ווער צוזעצט!

דאָס פערד האָט ארויסגעגעסען פון שלמה'ס האַנד, פון ליעבשאַפט האָט דער שימעל עטליכע מאָל א גלעט געטהאָן מיט די פייכטע ליפּען, ווי מיט נאַסע שמאטקעס, איבער שלמה'ס קארק און באַקען און זיך צוהירזשעט איהם גלייך אין פּנים אריין.

—אַ פערד בלייבט א פערד! — האָט שלמה א קלאַפּ געטהאָן דעם שימעל אין דער מאָרדע אריין, זיך אָפּגעווישט מיט'ן שפּענציר דאָס בעשפּריצטע פּנים, א גלעט געטהאָן דער קאָבילע איבער'ן רוקען און איז ארויס פון שטאָל.

שלמה האָט זיך אויסגעצויגען אונטער'ן עפּיל־בוים, וואָס איז געוואַקסען אונטער זיין פענסטער.

— די זון זעצט זיך שוין — האָט שלמה א טראַכט געטהאָן, זעהענדיג ווי עס צינדען זיך פייערליך אין די שויבען פון זיינע פענסטער, און ער האָט געוואָרפען א בליק צו דער „רזשיקע“, וואָס איז גערינען דורך גרינע פעלדער און ערגיץ זיך צונויפגעגאָסען מיט דער ווייכסעל.

אויף דעם ברעג פון דער „רזשיקע“, איינגעהילט אין רויטען, זיינען געלעגען יונגע בעלי־עגלות, שינדערס און סתם יונגען. טהייל זיינען געלעגען מיט די בייכער אראָפּ, טהייל מיט די פּנים'ער צו'ם הימעל, געזונגען חזנ'ישע שטיק און געקוקט אין צופלאַמטען הימעל אריין. ארום זיי האָבען זיך געפּאַשעט געפּענטעטע פערד.

פון דער צווייטער זייט „רזשיקע“ האָבען זיך געהויבען גאַנצע וואָלקענס שטויב — די בהמות האָבען זיך געשלעפּט אהיים.

עטליכע דיענסט־מיידלעך מיט קאָלירטע קוקאַרדעס אין די אראָפּגעלאָזטע צעפּ, זיינען דורכגעגאַנגען. די יונגען זיינען געוואָרען לעבעדיגער, זיך צוזונגען העכער, געוואונקען צו די מיידלעך. די מיידלעך האָבען גענומען שטופּען איינע די צווייטע, פאַרשטעלט שעמעוודיג די מיילער מיט די הענד און גענומען שטיקען זיך פון געלעכטער.

נישט ווייט האָבען איינגלעך געשפּיעלט אין „פּאַלאַנט“.

שלמה איז געלעגען, זיך געציפּט זיין שיטער בערדיל און בעטראַכט אַלץ מיט פערגעניגען.

אַ מחנה ווילדע גענז זיינען אַנגעפלויגען מיט אַ געפּילדער. זיי זייּ־נען געפלויגען זעהר נידריג. די ברייטע אויסגעשפּיצטע פליגעל האָ־בען לייכט געשניטען די לופט, דאכט זיך אָנגעריהרט די ערד. די גענז זיינען פערשוואונדען צווישען די ברייטע פעלדער אין דער פאָרם פון אַ דריי־עק.

— ביי נאכט וועט געווים רעגענען — האָט שלמה אַ טראכט גע־טהאָן און זיך צוגענעצט.

שלמה האָט באמערקט ווי בערקע האָט זיך אויפגעשטעלט, אפּגע־רייניגט זיין „סאקעל", זיך פערדרעהט די וואָנסען און גענומען געהן צו איהם. בערקע איז געווען צורודערט — ער האָט געהאַלטען אין איין אויפקנעפּלען און צוקנעפּלען דאָס סאקעל.

— גוט שבת, ר' שלמה, וואָס זאָגט איהר עפּעס צו דער חמימה ?

— יאָ, אַ באַקעניש, — האָט שלמה געענטפערט — נו, וואָס מאכס־טו עפּעס בערקע ? זעץ זיך !

ביי בערקען אין די אויגען האָט זיך צושפּיעלט אַ שמייכעל. ער האָט ארויסגענומען אַ ווייס טאַשען־טיכעל, עס צושפּרייט און זיך אַוועקגע־זעצט.

— ר'ווייסט דאָך, ר' שלמה, כ'וואָלט געוואָלט מיט אייך עפּעס רעדען — האָט בערקע געזאָגט אַ צוטראָגענער.

— ווייסען, ווייס איך נישט — האָט שלמה געענטפערט מיט אַ ניגון — נאָר אַז דו ווילסט — רעד !

— שוין עטליכע מאָל, ווי כ'האָב געוואָלט מיך אייך רעדען — האָט בערקע ווידער אָנגעהויבען און נישט געוואוסט וואו אהינצוטהאָן זיינע אויגען — ר'ווייסט דאָך... גאנצע טעג פעריאָגט... כ'האָב אייך געוואָלט בעטען... ר'ווייסט דאָך...

— וואָס ? ארויס מיט דער צונג ! — האָט זיך שלמה צולאכט.

בערקע איז רויט געוואָרען, געפינטעלט מיט די אויגען און זיך גענו־מען אויסקנאַקען די פינגער.

— ר' שלמה, וואָס זאָל איך אַ סך ברייען, ר'ווייסט דאָך, כ'בין נישט

מעהר ווי א פראסטער חי וקים, א בעל־עגלה הייסט עס, כ'וועל רעדען פראסט — אייער חנה געפעלט מיר זעהר... אויב איהר ווילט מיך פאר א חתן, טא מאכט מיר א געשפאן, קויפט מיר א פאר שקאפעס און כ'וועל ווערען א מענש מיט לייטען גלייך, פאהרען צו דער „ראמפע" אנ־לאדען א וואגען סחורה און טראסקען אין שטאדט אריין! כ'בין דאך נישט קיין פערפוילטער עפעל! ר'ווייסט דאך, ר' שלמה, אז כ'בין א יונג אן איינרייסער! גענוג געארבייט פאר פרעמדע, צייט צו מאכען שבת פאר זיך!

בערקע איז שטיל געווארען, זיך צושמייכעלט, אפגעווישט דעם שוויים פון שטערען און געטראכט בשעת מעשה:

— נו, גע'פטר'ט, אבי דורכגעקומען!

שלמה איז געזעסען און האט זיך קאלטבלוטיג אויסגעהערט וואס בערקע האט גערעדט. ס'עסק איז איהם געפעלען.

— בערקע — האט שלמה אנגעהויבען און איהם א קלאפ געטהאן אין דער פלייצע אריין — בנאמנות, כ'האב הנאה פון דיר! קום היינט ביינאכט צוגעהן מיט'ן טאטע, וועלען מיר זיך דורכשמועסען.

בערקע האט זיך אויפגעשטעלט א צופלאמטער, געגומען די הענ־„פאדבאקעס", צושפרייט די פיס און אין גאנצען האט ער אויסגעזעהן, ווי עפעס א מין אנגעגליהטע, צועפענטע צוואנג. ער האט צופרידען עפעס א בורטשע געטהאן, זיך געזעגענט און איז אוועק.

— ווען גאט העלפט און ס'מאכט זיך נאך עפעס א שדוך פאר שרה'ן אויך, וואלט מען זיי ביידען געמעגט פיהרען אין איין טאג אונטער דער חופה — האט שלמה ארייגעשמייכעלט אין זיין שיטער בערדיל, זיך ארומגעקוקט און דערזעהן א שטערען.

— נו, צייט מעריב צו דאווגען!

ער האט זיך אויפגעהויבען און זיך געשלעפט א צופריעדענער אין שטוב אריין.

---

בערקע האט זיך פארדרעהט אין א זייטיג געסיל, פריי אבגעעטהעמט

און פערדרויכערט א פּאַפּיעראָס.

ער האָט געשפּירט, אז א שווערע משא איז איהם איצט אראָפּ פון׳ן הארץ. שוין באלד א חודש צייט, ווי חנה שיקט איהם אלץ צו׳ם פּאַטער זיך דורכרעדען און יעדעס מאָל, ווען בערקע איז צוגעגאנגען מיט אן אויסגע׳חזר׳טע בקשה, האָט זיך איהם די צונג, ווי אויף צו להכעיס, א דרעה געטהאָן און ער האָט גענומען דערצעהלען פון גאָר עפּעס אנדערש. שפּעטער, אוועקגעהענדיג פלעגט ער זיך אויסקנייפּען שטיקער פלייש, ארומגעהן שעה׳ן־וויוז און האלטען אין איין שעלטען. און ווער ווייס, ווי לאנג עס וואָלט נאָך אזוי אָנגעהאלטען, ווען חנה וואָלט מיט איהם נישט ברוגז געוואָרען?

איצט האָט ער זיך געפיהלט אזוי פריש, גלייך ער וואָלט יונגער געוואָרען. און דאָס גאנצע עסק צו וועלכען ער האָט זיך אזוי געגרייט, און פאר וועלכען ער האָט זיך אזוי געשראָקען, האָט איהם ערשט אויסגעזעהן אזוי לייכט — ממש א קינדער שפּיעל.

אָט איז ער שוין געווען אין מארק. דאָ און דאָרט האָבען זיך געעפענט שפּייז־קרעמלעך. די קרעמערקעס האלב־שבת׳דיג אָנגעטהאָן זיינען געזעסען ב׳רחבות׳דיג און ארויסגעקוקט אויף דער גאַס.

אויף די טראָטואַרען האָבען זיך געצויגען לאנגע שורות שפּאַצירענדע. א שורה מיידלעך מיט פערריסענע קעפּ זיינען דורך. הינטער זיי זיינען געגאנגען עטליכע בחורים מיט איבערגעלעגטע קעלנער און זיך געוויצעלט. די מיידלעך האָבען געשטופּט איינע די צווייטע, זיך געשטיקט פון געלעכטער.

פון דער פּלאַצקער גאַס האָט זיך מיט אמאָל אריינגעשאָטען אין מארק אריין א מחנה אינגלעך מיט הילצערנע שווערדען. זיי האָבען זיך אויסגעשטעלט אין מיטען מארק און געוואָרט אויפ׳ן שונא — די אינגלעך פון דער וואַרשעווער גאַס.

און פון עפּעס אן אָפען פענסטער האָט זיך געריסען אין מארק אריין א לעבעדיגער, חסידישער המבדיל.

בערקע האָט אלץ בעטראַכט מיט ליעבע. ער איז יעצט געווען דער

גליקליכסטער אין דער וועלט. עס האָט זיך איהם זעהר געוואָלט, אַז אַלע שפּאַצירענדע זאָלען וויסען, אַז ער ווערט אַ חתן פאַר חנה'ן. ער ווערט שלמה'ס איידעם, זאַנוזילס שוואָגער! אַ קלייניגקייט עפּעס, זאַנוויל! ? דער גבור פון שטעדטיל! ביי דער „ראַמפּע“ וועט מען קוקען אויף איהם מיט דרך ארץ, נישט וואַגען זיך צו טשעפּען מיט איהם. און בערקע האָט דערפיהלט, ווי זיין ברייטע ברוסט הייבט זיך, ווערט ברייטער און ער האָט גרוים חשק געהאַט אויפצוהויבען די פּאָלעס פון סאַקעל און זיך לאָזען אין מיטען מאַרק מיט אַ טענציל. פאַר גרוים שמחה האָט ער גע־כאַפּט אַ קליין אינגעלע מיט אַ האַלצערנער שווערד, איהם אַראָפּגע־רוקט דאָס היטעל איבער די אויגען און גענומען מיט איהם שפּאַנען. דאָס אינגעל האָט זיך דערשראָקען, גענומען שרייען און געשליידערט מיט די פיסלעך. חברה האָבען גענומען אונטערטאַנצען פאַר פרייד, זיך קייק־לען פון געלעכטער.

בערקע האָט אַבגעלאָזט דאָס אינגעל מיט אַ קניפּ אין בעקיל און געשפּאַנט ווייטער.

פאַרבייגעהענדיג דעם שטאָדט־גאָרטען האָט ער באַמערקט דריי בעטלערס אויף אַ באַנק מיט טאָרבעס אויף די פּלייצעס.

— לאָזען זיי אויך וויסען אַז כ'ווער אַ חתן פאַר חנה'ן — האָט בערקע אַ טראַכט געטהאָן, צוגעגאַנגען צו די בעטלערס, זיי געגעבען עט־ליכע קופּערנע מטבעות און זיך צולאַכט:

— נאַ, בעט פאַר דער הייליגער חנה!

די בעטלערס האָבען זיך איבערגעקוקט און זיך צושמייכעלט:

— „וואַריאַט זשיד“.

---

ביי שלמה'ן אין שטוב האָט אַלץ אויסגעקוקט יום־טוב'דיג. די ווייסע פּאָדלאָגע איז געווען בעשאָטען מיט געלען זאַמד. דער קיילעכדיגער טיש איז געשטאַנען אין מיטען שטוב, געדעקט מיט אַ ווייס טישטוך. אויף דעם טיש האָט געברענט אַ לאָמפּ מיט אַ זעבצינער גלעזיל.

שלמה איז געלעגען אין קאַפּעל אויף דער שלאָף־באַנק, גערויכערט אַ דיקען סיגאַר און מיט הנאה בעטראַכט די גרויליכע קנוילען רויך, וואָס

האָבען זיך געצויגען פון מויל.

זאַנוויל איז געזעסען נעבען פענסטער און געלערענט זיין שווארצע „מאַרווע" סלוזשען. דער הונד איז געשטאַנען אויף די הינטערשטע פיס, עטוואס פערזשמורעט זיינע מאַנדעל־אויגען, געקוקט אויף זאַנוולען און נעדרעהט מיט'ן עק.

זאַנוויל האָט געפיהלט אין דעם הונד'ס בליק אַן איבערגעבענ־הייט, געכאַפּט „מאַרוועס" קאָפּ אין זיינע הענד און איהם געדריקט צו'ם פּנים.

דער הונד האָט זיך געטוליעט צו זאַנוולען, געקלאַפּט מיט'ן עק, איהם געלעקט, געוואורטשעט פאר שמחה.

ביים טיש איז געזעסען חנה אין אַ ראָזע בלוזקע און עפּעס אויסגע־האַפּטען אויף קאַנווע. חנה האָט זיך יעדע ווײלע פערטראַכט, אויפגע־הערט העפּטען און געפיהלט ווי די קאָלירען אין איהר פּנים בייטען זיך. זי האָט געוואוסט אז בערקע דאַרף באַלד קומען און דער קלענסטער סקריפּ אין שטוּב האָט פערכאַפּט דעם אָטהעם, געמאַכט דאָס הארץ קלאַ־פּען נאָך שנעלער.

תרצה מיט שרה'ן זיינען געשטאַנען אין קיך און געמאַכט פּלינזען.

— זאַנוויל — האָט זיך שלמה געווענדעט צו'ם זוהן — נו, ווי גע־פעלט דיר עפּעס דער שידוך? — דאַכט זיך אַ לייטישער יונג און דערצו אַ פערדיענער, האַ?

זאַנוויל האָט געזעהן, ווי חנה'ס פּנים ווערט פערפלאַמט און ווי זי בויגט זיך אין גאַנצען אריין אין דער קאַנווע, זי זאָל זיך מיט קיינעמס בליק נישט באַגעגענען.

— אַלץ גוט — האָט זאַנוויל געענטפערט — אָבער פאר וואָס פרעגט איהר נישט חנה'ן? טאָמער וויל זי איהם נישט?

— כאַ, כאַ — האָט זיך שלמה צולאַכט — זי וויל נישט? גלויב מיר, זי קען איהם פריהער ווי דו. נו, אויף אַ טשיקאַוועס — חנה, דער שידוך געפעלט דיר?

חנה איז נאָך רויטער געוואָרען און האָט ארויסגעברומט פון דער קאנוווע:

— לאָזט מיך צורוה!

זאנוויל האָט זיך פונאנדערגעלאכט, צוגעגאנגען צו חנה'ן און זי אנגענומען פאר דער גאָמבע:

— שעהמסט זיך טאָקע, חנה? דו ווייסט אז מען שעהמט זיך האָט מען קיינמאָל נישט התונה? און דערצו קריגסטו דאָך אַזאַ לייטישען חתן, מיט אַ פּאָר פּלייצעס ווי ביי אַ טשערקעס!

— לאָז מיך אָפּ! — האָט זיך חנה צובייזערט — מאַמע, לאָז ער מיך אָפּלאָזען!

— נו, זאנוויל, הער שוין אויף דיינע הינטישע שטיק! — איז תרצה אריין מיט אַ מענה־לשון פון קיך — וואָס ווילסטו פון איהר? דו מיינסט ס'איז דיינע מיידען? ! שלעפּען זיך ארום אונטער די פּלויטען גאַנצע נעכט. אויף מיין וואָרט, ווי בערקע כאַפּט אַ גליק! יעדע מאַמע וואָלט זיך געוואונשען האָבען אַזאַ שטיל, רוהיג קינד.

— אַ שטיל וואסערל גראָבט טיעף! — האָט שרה אריינגעשריען פון קיך.

— אָבער ווען מען האָט מען געכאַפּט מיט'ן פעלדשערס זוהן אויפ'ן בית־עולם? — האָט חנה געענטפערט מיט אַ ניגון.

— כאַ, כאַ, כאַ — איז שרה אריין פון קיך אַ צופלאַמטע פון פייער. האַלטענדיג די הענד פאַדבאַקעס — ווער ס'קוקט נישט אַן די צנועה? דאָס קען דאָך קיין צוויי נישט צעהלען! און פרעג זי נאָר...

— גענוג, גענוג — האָט שלמה אַ ברום געטהאָן אויף שרה'ן — ווער שוין בעסער פארשטומט!

פון אונטער'ן פענסטער האָבען זיך געהערט טריט, באַלד נאָכדעם אַ מאָדנע תקיעה פון אַ נאָז.

—די מחותנים געהען! — האָט זאנוויל אויסגעשריען אריינ־כאַפּענדיג דעם קאָפּ פון פענסטער.

חנה'ס פּנים האָט גענומען אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער פלאַ־

מען, זי האָט געלאָזט ליגען די ארבייט אויפ'ן טיש און א דערשראָקענע געקוקט אין אלע זייטען.

דער הונד, דערהערענדיג טריט, איז צו מיט א בילעריי צו דער טהיר.

חנה, נישט ווּיסענדיג וואו זיך אהינצוטהאָן, איז צו א בלאָסע צום הונד, איהם אָנגעכאַפּט פאר די אוירען און מיט איהם ארויס דורך דער קיך.

די טהיר האָט זיך געעפענט. משה „קאַפּ", א הויכער, דארער איד מיט א ציעגען בערדיל, מיט א קליין קעפּיל אויף דעם הויכען קערפּער, איז אריין. דאָס קעפּיל האָט זיך קוים ארויסגעזעהן פון די הויכע אקסלען און ווען נישט די פּאָר שווארצע אויגען, וואָלט מען דאָס קעפּיל גאָר נישט באמערקט. נאָך איהם איז אריין בערקע מיט אראָבגעלאָזטע אויגען, די הענד אין די הויזען־קעשענעס און דאָס טוכענע היטעל פערשארצט.

— גוט וואָך! גוט וואָך!

— ברוך הבא, ס'קאָציל קומט, וואס'ערע געסט! — האָט שלמה מיט תרצה'ן צוזאמען געזאָגט — זייט זשע מוחל, זעצט אייך!

משה האָט זיך אוועקגעזעצט, האָט אבגעאָטהעמט און גענומען ווי־שען דעם פערשוויצטען שטערען מיט א רויט נאָז־טיכעל.

בערקע איז עפּעס ווי צומישט געוואָרען, זיך פערוויטעלט, גענומען א שטוהל, זי בעטראכט, געבליבען שטעהן און גענומען מעלקען מיט צוויי פינגער א וואָנסע.

— נו, און דו, זאנוויל — האָט משה אָנגעהויבען — קיין עין־הרע א פארשוין אויסגעוואקסען! — פּשש! — וואָס מאכסטו?

— מען מאכט מיט די זייטען! — האָט זאנוויל זיך צושמייכעלט.

— און וואו איז די כלה? — האָט משה געפרעגט.

— די כלה האָט זיך פארשעהמט און איז אנטלאָפען — האָט שלמה געענטפערט מיט א געלעכטער.

— ס'מאכט נישט — האָט זיך משה אָנגערופען — א אידישע טאָכ־טער דארף זיך שעהמען! כ'האָב מיין אידענע, עליה השלום, נישט

געזעהן ביז צו דער חופּה און פונדעסטוועגען ? הלואי אויף אַלע אידישע קינדער אַזאַ שלום בית ווי ביי מיר איז געווען.

תרצה האָט דערלאַנגט שנאַפּס, טהעע מיט ציטרין, פּלינזען. דער עולם האָט געמאַכט עטליכע כוסות, געוואָרען אויפגערוימטער, זיך פאַר־נאַנדערגעזעצט.

— און די כלה איז נאָך אַלץ נישטאָ ? — האָט משה „קאָפּ“ און אויפגערוימטער געזאָגט און אריינגעצויגען אַ גלעזעל בראַנפען.

— גלויבט מיר, ר׳ משה, אייער בערקע וועט זיך נישט נאַרען. ר׳ שמעיהו דער דין וואָלט זיך נישט געשעהמט מיט אַזאַ טאָכטער.

— וואָס מיר שמעיהו ? — האָט זיך שלמה צובייזערט — שלמה׳ס טאָכטער איז אַזאַ יחסנ׳טע ווי שמעיהו׳ס !

— געוויס, געוויס — האָט משה אונטערגעבורטשעט און בשעת מעשה אריינגעפּאַקט אַ שטאַרקען שמעק טאַבעק. ער האָט זיך פאַר־קרימט ווי אויסצושיסען מיט אַ נאָס — נור געה זיי אַ בריה אַז עס ניסט זיך נישט.

— נו שלמה — האָט זיך משה אָנגערופען — ס׳ווערט דאָך שפּעט, לאָמיר שמועסען צו דער זאַך !

— פאַרוואָס דען נישט — האָט שלמה געענטפערט.

— און וואָס איז מכח נדן ?

— טאַטע, דאַכט זיך אָפּגערעדט מיט דיר זאָלסט זיך נישט מי־שען — איז בערקע אריינגעפאַלען אין דער מיט — ר׳ שלמה וועט מיר קיין שלעכטס נישט טהאָן !

— ווילסט נישט, ברויכט מען נישט — האָט משה געענטפערט — דו קאָנסט באַשטעהן — קאָן איך אודאי ! כאַ, כאַ, כאַ ! אַ געלעכטער כ׳לעבען !

— כ׳האָב שוין לאַנג געזאָגט, אַז בערקע איז אַ וואוילער יונג — האָט שלמה מיט אַ שמייכעל זיך אָנגערופען — נו, בערקע, וואָס טויגען די קונצען, דו שטעהסט דאָך ווי אויף הייסע קוילען, דיך טיאַכקעט דאָך צו חנה׳ן. געה, זיי זשע מוחל ארויס, און זוך זי אויף. מיר וועלען שוין דאָ

דורכקומען. כ'ווייס דען נישט? כ'בין דאכט זיך אויך אַמאָל אַ חתן גע־
ווען! תרצה, דו הערסט דאָך נישט, נו, זיי זיך מודה — האָסט עפּעס
געבענקט נאָך מיר? האַ, האַ, האַ!

— געה שוין, געה, דו אַלטער נאַר! — האָט זיך תרצה צושמיי־
כעלט.

בערקע האָט געוואָרפען אַ בליק פול מיט דאַנקבאַרקייט אויף שלמה'ן
און האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון שטוב.

---

שפּעט ביי נאַכט האָט שלמה מיט זאַנוולען בעגלייט דעם מחותן
מיט'ן חתן אַ היים. צוריקוועגס איז שלמה אַריין אין שטוב און זאַנ־
וויל איז געגאַנגען אין שטאַל אַריין היטען די „זמאַרע".

אין שטאַל איז געווען שטיל. די פערד זיינען געלעגען און געשלאָ־
פען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויערען. אַ פערקאָפּטשעטע לאָמטערנע האָט
קוים בעליכטען דעם שטאַל, געוואָרפען אַ טונקעלען שיין אויף די פערד
און זייערע בייכער, ווי בלאָז־זעק, האָבען זיך געהויבען און אַראָפּגעלאָזט.

עטוואָס אַ מיעדער האָט זיך זאַנוויל אוועקגעזעצט אויף אַ בונד
שטרוי און זיך פערטראַכט. צומיינסטען איז איהם געלעגען אין קאָפּ משה
דער מחותן, עפּעס אַזא שוואַרצע הויך מיט אַ'אַ קליין קעפּיל, פּונקט ווי
מען שטעלט אַרויף אַ פויגעלע מיט צושפּרייטע פליגעל אויף אַ הויכען
בוים אָהן צווייגען. ער האָט זיך אויסגעצייגען אויפ'ן שטרוי און איהם
איז מיט אַמאָל איינגעפאַלען אַז דאָס איז ער אַ חתן געוואָרען, נור וואָס
צוריקגעקומען פון די תנאים... אָט זעהט ער ווי רחל שלאָפט. די האָר
צושאָטען... אָט איז אליהו „ווילנער" מיט די לאַנגע וואָנסען און אָט
איז זיין קאָבאַנקע, קאָבאַנקע, קאָ־באַן...

---

האַלבע נאַכט. די טהיר האָט זיך געעפענט. אַ נאַקעטע שיקסע אין
אַ ווייס העמד איז אַריינגעקומען. אַרום האַלז זיינען געהאַנגען קאָלירטע
סטענגעס, די האָר צושאָטען. זי איז צו צום פערד, אויף גיך זיך אַרויפ־
געכאַפּט און עס אָנגעהויבען יאָגען. ס'פערד האָט געשפּרונגען. דאָס ווייסע
העמד האָט זיך געהויבען, געבלאָזען ווי אַ קאַראַזעלע און די קאָלירטע

סטענגעס האבען זיך געווארפען ווי שלאנגען ארום איהר האלז. מיט דער שנעלקייט פון א קונעצענמאכער האט זי איינגעפלאכטען סטענגעס אין דעם פערד'ס גרזשיווע, אויסגעפלאכטען צעפלעך אין עק און זיך צוזינגען אויף אזא קוויטשיג שקצה־קול אט יענע הייליגע ניגונים וואס מען זינגט ביי א פראצעסיע.

זאנוויל איז געשטאנען און געציטערט פון שרעק. ער האט געזעהן ווי דאס פערד שפרינגט,ווארפט זיך, די שוים פאר'ן פיסק. ער קוקט — די נקבה האט זיך מיט פנים אויסגעדרעהט צום פערד'ס עק און ווינקט צו איהם, שמייכעלט און איהרע אויגען שטעבען איהם דורך ביז צו דער זיבעטער ריפ, ס'בלוט פריהרט אין די אדערען. ער האט געוואלט שרייען —ער קאן נישט; ער האט געוואלט אויסשטרעקען די האנד — פערשטיינערט.

אט איז זי אראפ פון פערד, גענומען געהן צו איהם. זאנוויל האט א טראכט געטהאן: נו, א בראך שוין צו מיר. די בחור'טע האט מיך שוין אין איהרע לאפקעס.

ער האט זי געפיהלט נעבען זיך. א קאלטער שוויים האט איהם באדעקט. ער האט פעסט איינגעקוועטשט דעם „קלין" אין דער האנד, איהר גענומען ארייגקלאפען דער „זמארע" אין העמד אריין און... נישטא קיין „זמארע". ער ליגט אויף א בונד שטרוי אין שטאל.

— א, וואס א מכשפה קאן! — האט זאנוויל געטראכט און אבגענאסענער מיט שוויים — זי האט דאך מיך איינגעשלעפערט! נעה זיי א בריה!

## 4.

זאַנוויל איז געזעסען ביי רחל'ען אין דער בודע.

— זאַנוויל, וואָס ביזטו אַזוי פער'מרה־שחורה'ט? וואָס איז? געה, כ'האָב מורא פאַר דיר...

זאַנוויל איז רויט געוואָרען און זיך צושמייכעלט:

— גאָר נישט, רח'טשע!

— שעהם זיך! קומסט צו מיר אַזאַ אומעדיגער! דו! כ'האָב דיך פיינד! — און זי האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף איהם און זיך אַרומגעוויקעלט מיט איהרע הענד אַרום זיין האַלז.

זאַנוויל האָט איהר אַרומגעכאַפּט.

רחל האָט זיך ווי אַ פיש גענומען וואַרפען און צאַפּלען אין זאַנוויל'ס הענד און אַלץ טיעפער זיך געבורקעוועט אין זיין ברוסט.

— האָב איך היינט געלייענט אַ מעשה, — האָט רחל צו איהם שפּעטער געזאָגט, קוקענדיג אויף זאַנוולען דורכ'ן שפּיגעלע, וואָס איז געהאַנגען אויף אַ שטריק, — איז זי שעהן!

— נו, לאָמיר טאַקע הערען! — האָט זאַנוויל מיט אַ שמייכעל זיך געבעטען.

— וויל איך נישט! כ'וועל שוין דיר גאָר נישט דערצעהלען, גאָר נישט, הערסט!

רחל האָט זיך אויסגעדרעהט, אַריבערגעוואָרפען אַ האַלבען קאָפּ האָר איבער'ן פּנים און געקוקט וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס וועט מאַכען אויף זאַנווילען.

— וועסט שוין גאָ־ר דערצעהלען! — האָט זאַנוויל זיך צולאַכט.

— נישט ביי מאַ־אָטיען! — האָט רחל געענטפערט מיט אַ קאַפּריז

פון אַ קליין מיידעלע און איז נעהנטער צו צו זאַנווילען — ווייסט גאָר וואָס? לאָמיר ווערען ברוגז! גוט?

זאַנוויל איז אויפגעשפרונגען אַ צורייצטער, געכאַפּט רחל׳ען אויף די הענד און זי גענומען וויעגען מיט אַ געוואַלדיגע שנעלקייט, שעפּ־טשענדיג: וועסט דערצעהלען? וועסט...

— כ׳וועל דערצעהלען, כ׳וועל, זאַנווילשע קרוין, לאָז מיך אָפּ! — האָט זיך רחל צושריען.

זאַנוויל האָט זי אַראָפּגעלאָזען פון זיינע אָרעמס.

— ביזט אַ ווילדער! — האָט רחל געזאָגט און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בונד שטרוי, האָט איהם געצייגט מיט דער האַנד אַ פּלאַץ נעבען זיך: — זעץ דיך!

זי האָט אַרויפגעלעגט זאַנוויל׳ס קאָפּ אויף איהר שויס און גענו־מען דערצעהלען אַ מעשה פון אַ פערבלאָנדזשעטען פּרינץ, וואָס איז גע־ריטען וואַלד־איין, וואַלד־אויס, געזוכט זיין געליעבטע... דער פּרינץ האָט דערהערט פון דער ווייטענס אַ פרויען־שטימע, האָט אונטערגעשפּאָרעט זיין פערד און איז צוגעקומען:

— שעהנע מיידעל, וואָס וויינסטו? — האָט זי דער פּרינץ גע־פרעגט.

— ווי זאָל איך נישט וויינען, — האָט די מיידעל געענטפערט, — אַז כ׳האָב מיין חתן פערלוירען...

— וויין נישט, שעהנע מיידעל! — איך בין דיין חתן! קום מיט מיר!

און ער האָט זי איינגעוויקעלט אין זיין ווייסען פלאַשטש, אַרויפ־געזעצט אויפ׳ן שוואַרצען פערד און פערשוואונדען וואַלד־איין, וואַלד־אויס. — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

רחל איז אנטשוויגען געוואָרען.

זאַנוויל איז געלעגען אַ צוטראָגענער. ער האָט געפיהלט, אַז אַלץ ביי איהם הויבט זיך, שפּאַרט זיך אין האַלז אַריין, ווערגט איהם — —

— רחל ווייס נישט, אַז ער איז אַ גנב, — האָט זאַנוויל אַ טראַכט געטהאָן. ער מוז איהר באַלד זאָגען!

ער האָט איינגעקוועטשט די פויסטען און זיך אויפגעשטעלט:

— רחל! — האָט זאַנוויל געזאָגט מיט אַ פערשיקט קול, — דו ווייסט, אַז איך בין אַ גנב, אַ פערד־גנב!?

— דו ביזט דאָך אַ שטאַרקער! — האָט רחל אויסגעשריען, זיך טור־ליענדיג צו איהם אַ דערשראָקענע. — מען דערצעהלט, אַז דו לעגסט אוועק אַ דריי יעהריגען אָקס מיט איין קלאַפּ צווישען די הערנער! דו ביזט נישט קיין גנב! אַ גנב דערקען איך באַלד. ער האָט אַזעלכע קאַל־טע, שאַרפע אויגען. און דו האָסט דאָך אַזעלכע גוטע אויגען!... — און זי האָט זיך גענומען בעטען: — נעהם מיך נאָך אַ מאָל אויף דער האַנד. וויעג מיך... אָט אַזוי! אָט אַזוי! שטאַרקער! שטאַרקער!...

זאַנוויל האָט זיך אין אַלעם פערגעסען. ער איז ארומגעגאַנגען מיט רחל'ען אויף זיינע הענד, זי געוויעגט. און רחל האָט זיך געטוליעט אַלץ שטאַרקער צו איהם, געזוכט אַ פּלאַץ וואו זי זאָל קענען מיט לייב און לעבען אריין אין זאַנוויל'ען.

שבּעט ביינאַכט האָט זאַנוויל רחל'ען אַהיימגעפיהרט. ער האָט איהר געוואָלט דערצעהלען וועגען זיינע פּלענער, נישט געפונען קיין ווער־טער און געבליבען שטיל.

— פאַר וואָס דערצעהלסטו מיר גאָר נישט? — האָט רחל איהם ברוגז'ליך געפרעגט.

— גלויב מיר, רחל, כ'וואָלט דיר אַלעם דערצעהלט! אַז כ'בין אַליין און קלעהר, קומט אַלעם אויס אַזוי שעהן, פּונקט ווי דו דערצעהלסט! און אַז כ'וויל דיר איבערדערצעהלען, קלעפּט זיך די צונג צום גומען.

רחל האָט פעסטער געדריקט זיין האַנד און געשמייכעלט.

— אָט מאָרגען, — האָט זאַנוויל אָנגעהויבען, — געה איך אָבטהאָן אַ שטיקעל ארבייט, וואָס וועט מיר ברענגען עטליכע הונדערט רובעל.

— וואָס, אַ שטייגער?

— אָט דו ווייסט דאָך, אַז צייט ס'האָט אויסגעבראָכען די יאַפּאַ־נעזישע מלחמה האָט מען פערמאַכט דעם צאָלאַנד. „פּאַניע" לאָזט ניט

אריינפיהרען נאָך פּרייסען קיין פּערד. ער שרעקט זיך אפּנים עס זאָל איהם ניט אויספּעהלען. נעבטען קומט צו מיר משה „קוניארזש“ און שלאָגט מיר אָן כ׳זאָל „אריבערשוואַרצען“ א פּאַרטיע פון פופציג פּערד איבער דער גרעניץ.

— און האָסט גאָר ניט מורא? מען קען דאָך דיך שיסען?

— ווער קלעהרט וועגען שיסען, מען שיסט ניט! און אז ס׳מאַכט זיך שלעכט, שיסט מען צוריק!

— און וועגען רחל׳ען טראַכסטו גאָר ניט?

זאַנוויל איז צומישט געוואָרען, געוואָלט עפּעס זאָגען, זיך פערדרוי־טעלט און זי גענומען קושען.

רחל איז געגאַנגען א גליקליכע און געגלעט זאַנוויל׳ס האַנד.

אונטער׳ן שטאָדט זיינען זיי זיך צוגאַנגען אין פערשיעדענע זייטען, אז מענשען זאָלען זיי ניט בעגעגענען.

## 6.

**פריה מאָרגען.**

תרצה האָט אָבגעקאָכט אַ שטשאַוו, אָנגעשלאָגען מיט אייער, אָפּ־געזאָטען אַ טאָפּ קאַרטאָפּעל, צושטעלט אויפ'ן טיש אָבצוקיהלען, האָט זיך אַ ביסעל צוגעזעצט און זיך פערטראַכט:

— שלמה דאַרף באַלד אַריין פון דאַווענען, און דאַכט זיך ס'איז שוין צייט זאַנוויל'ען צו וועקען. גאַנצע נעכט שלעפּט זיך דאָס ארום! וואו? — דער שוואַרץ יאָהר ווייס!

תרצה האָט בעטראַכט זאַנווילען, וועלכער איז געשלאָפען נעבען טהיר, מיט דער קוטשמע האָר צוואָרפען איבער'ן ווייסען שטערען.

— קיין עין הרע, אויסגעהאָדעוועט אַ יונג! דאָס קאָן דאָך מויערען ברעכען! אַנאַנדער מאַמע וואָלט דאָך פון אַזאַ זוהן געשעפּט נחת! און איך? — היינט, די שעה זאָל נישט בע'שעה'ן, און מען כאַפּט איהם... — האָט תרצה אָבגעזיפצט — אַ קלייניגקייט, פופציג פערד אריבערפיהרען איבער דער גרעניץ! און ווער איז שולדיג אַז נישט דער שעהנער טאַטע? כ'האָב קנאַפּ געגוואַלדעוועט, געשריען: „שלמה, גענוג איין פערד־הענד־לער אין דער משפחה! גיב דעם אינגעל פאַר אַ בעל־מלאכה". נו, מעהר האָט מיר נישט געפעהלט! ער האָט דאָס מיך אָפּגעמאַסטען מיט זיין גנב'יש אויג און מיר געמאַכט אַ מי שברך, אַז די מאַמעס מילך איז מיר צו הלום געקומען!

תרצה האָט אַריינגעשנייצט אין פאַרטוך און ווייטער געטראַכט:

— כ'האָב קיינמאָל קיין נחת נישט געהאַט פון מיינע קינדער. פון צוועלף געבליבען דריי. זאַנוויל איז פון תמיד אָן געוועזען אַ מזיק. קינ־דער פלעגען זיך נישט וועלען שפּיעלען מיט איהם — ער פלעגט זיי שלאָ־גען מכות רצח, דעם רבין אויסגעשעדיגט. די שכנות האָבען באַלד גע־

זאָגט, אַז קיין גוטס וועט פון איהם נישט ארויס. מאָהל דיר, אַ קינד ווערט געבוירען מיט אַ הייבעל און מיט אַ ווילדען קוויטש! וואו איז דאָס געהערט געוואָרען? און קנאַפּ פערשוואַרצט מיר שרה דעם קאָפּ? טליקעט זיך ארום... און יעדען טאָג הענגט אויף דער שוהל אַ נייער פּאַסקוויל. אודאי וואָלט מען זי געמעגט חתונה מאַכען פריהער נאָך פאַר חנה׳ן, כאָטש זי איז אינגער... הלואי זאָל איך, רבונו של עולם, האָבען נחת פון חנה׳ן... קריגט, דאַכט זיך, אַ לייטישען יונג...

זאַנוויל האָט זיך איבערגעטרייסעלט, געעפענט ברייט זיינע בלויע אויגען, פערלעגט זיינע הענד אונטער׳ן קאָפּ, זיך איבערגעצויגען און זיך פאַנאַנדערגעגענעצט:

— גרויסער טאָג!

ער איז גיך אויפגעשפּרונגען, זיך איינגעוואַשען, אָנגעטהאָן זיינע ליאַקירטע שטיוועל, פערקעמט זיך אַ „פּאָלקע“, גענומען די הענד ארום די זייטען, געכאַפּט אַ טענצעל און זיך צושריען:

— מאַטקאָ, פּאָדראַוואַי!

— ביזט דאָך ערגער פון אַ גוי! — האָט תרצה געזאָגט, — אַן ערל אַז ער הויבט זיך אויף, איז דאָס ערשטע „פּאַטשערוש“. און דו?

— נישט גערעדט, מאַמע! — האָט זאַנוויל געענטפערט, ארום־געכאַפּט די באָרוויסע תרצה און גענומען טאַנצען מיט איהר איבערגוואַלד.

— לאָז אָפּ, דו שייגעץ איינער! — סם וועל איך דיר געבען!

זאַנוויל האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, געמאַכט אַ שנאַפּס און זיך נעזעצט איבער אַ שיסעל שטשאַוו מיט קאַרטאָפּעל.

שלמה איז אריינגעקומען מיט׳ן טלית־זאַק אונטער דעם אָרעם, גע־וואָלט עפּעס זאָגען, נאָר תרצה האָט איהם איבערגעהאַקט די רייד:

— טאַטע־פּאַטער! אַ שעהנעם תכלית האָסטו געמאַכט פון דיין גן־עדן פיהרער! אויף מיינע שונאים׳ם קעפּ געזאָגט! אַ יונג הויבט זיך אויף ווי אַ בהמה, זאָגט קיין אידיש וואָרט נישט און כמאַליעט אריין אַ שיסעל קאַרטאָפּעל מיט שטשאַוו! האָסט נישט געפּאָלגט, שלמה, טאָ נאָ!

שלמה האָט פערקוועטשט די ליפּען און געוואָרען בלאַס ווי קרייד:

— ווער שוין פערשטומט, דו אַלטער קאָך־לעפעל! ווער פרעגט דיך?

זאנוויל האט געקייט און געשמייכעלט:

— א גנב דארף נישט דאוונען!

שלמה האט נישט געענטפערט. ער איז געגאנגען אויף און אב איבער דער שטוב. ער האט געפיהלט, אז תרצה איז גערעכט, נאר צו־געבען האט ער נישט געוואלט. שלמה האט זאנווילען זעהר ליעב געהאט און פיעל זאכען מוחל געווען.

— ער וועט עלטער ווערען, — האט שלמה זיך געטראכט, — וועט ער אנדערש ווערן. שלמה איז אין דער יוגענד אויך נישט בעסער גע־ווען. דערפאר איז זאנוויל א גבור און דערצו א ריזיקאנט, צוויי זאכען, וועלכע א פערד־גנב דארף בעזיצען און פאר וועלכע פערד־גנבים האבען גרוים דרך־ארץ.

שלמה האט געוואוסט, אז צייט זאנוויל איז אריין אין „געשעפט", קוקט מען אויף איהם אין גאנצען אנדערש.

— כ'האב זיך היינט געזעהן מיט משה „קוניארזש", — האט שלמה איבערגעריסען די שטילקייט.

— נו?

—ער וועט באלד זיין. ווי איך פערשטעה פון זיינע רייד, וויל ער אפרייסען א פאר רובעל. ער טענה'ן, אז ער קאן קריגען ביליגער.

— ביליגער? א רוח אין זיין גראבען „קאלדען" אריין! הערסט טאטע, אז ס'וועט פעהלען א גראשען, ריהר איך זיך נישט פון ארט! אזא כיט־רער „פוענץ"! כ'וועל איהם נאך אמאל דעם „קאלדען" איינפרעסען!

— נו, גענוג, גענוג! הער אויף צו שרייען, ער געהט! — האט שלמה א זאג געטהאן און געגאנגען צו דער טהיר.

א דיקער הויכער איד אין א ריפסענעם כאלאט איז אריינגעקומען.

— גוט מארגען!

— גוט יאהר, ר' משה! — האט שלמה געענטפערט און איהם גע־שטעלט א שטוהל, — זעצט זיך!

משה האט זיך פאמעליך אוועקגעזעצט מיט א קרעכץ, אפגעפראכט, ארויסגענומען א פעקעל סיגארען און מכבד געווען דעם עולם.

— נו, זאַנוויל, — האָט משה אָבגעהוסט, — ביזט גרייט צו פּאָ־רען היינט ביינאַכט?

— אויב מיר וועלען נאָר דורכקומען, — האָט זאַנוויל געענטפערט, — בין איך צו יעדער צייט גרייט.

— וואָס הייסט? דאַכט זיך, כ'בין שוין דורכגעקומען מיט'ן טאַטען.

— וואָס טויגען די אַלע דבורים, ר' משה? אויב כ'וועל נישט זעהן צוויי הונדערט קערבלעך אויפ'ן טיש, ריהר איך זיך נישט פון אָרט! איהר טענה'ט, איהר קאָנט קריגען ביליגער? מיט'ן בעסטען פערגעניגען! כ'האָב צו אייך גאָר נישט!

— עה, זאַנוויל, האָסט דאָך עפּעס צופיעל פּעפּער אין דער נאָז! אַפּנים, די געשעפטען געהען דיר צו גוט, אַז דו וואַרפסט זיך אַזוי מיט הונדערט און פופציג רובעל? זעה, ס'מוז דאָך אַלץ זיין מיט אַ שכל! די גאַנצע חתונה וועט נעהמען קנאַפּער פון אַ שטונדע, און פאַר אַ שטונדע הונדערט און פופציג רובעל איז, דאַכט זיך, גאַנץ שעהן! ראָטשילד אַליין וואָלט זיך נישט אָפּגעזאָגט! געה שוין געה, זאַנוויל, מאַך זיך נישט נאַ־ריש! זעהסט, ווען כ'וואָלט געווען זיכער, אַז די פערד זאָלען דורכגעהן, — נו, איז נאָך אַ פופציגער! אָבער, גזלן, וואָס טהו איך, די שעה זאָל נישט ב'שעה'ן, און מען נעהמט איבער אַלע פערד? האַ? ווילסט זיין אַ שותף צום שאָדען? שווייגסט? דאָס איז נישט מעשה סוחר, זאַנוויל!

זאַנוויל איז געזעסען אַן אָנגעבלאָזענער און האָט גאָר נישט געענט־פערט. ער האָט געוואוסט, אַז משה וועט איהם פעררעדען. דאָס איז אַ כיטרער פוקס. כמעט אַלע פערד זיינען מיינע. משה האָט זיי אָנגעקריגען בחצי־חנם. און יעצט וויל ער נאָך אָפּרייסען פופציג רובעל? ניין!

זאַנוויל האָט זיך אויפגעשטעלט:

— ר' משה, בחנם וואָס איהר מאַכט קאַליע רייד, ס'וועט העלפען ווי אַ טויטען באַנקעס, ווייניגער ווי צוויי הונדערט רובעל נעהם איך נישט!

משה האָט געקוקט זאַנווילען אין די אויגען און געשמייכעלט:

— עה, זאַנוויל, געהסט דאָך גאָר עפּעס פון די כלים אַרויס!

— נו, שלמה, מיר וועלען שוין דורכקומען. ברענגט אַריין שנאַפּס.

תרצה האָט דערלאַנגט בראַנפען און עפּעס צו פערבייסען.

משה האט ארויסגענומען מיט א קרעכץ א דיקען טייסטער, אויס־געצעהלט צוויי הונדערט רובעל און זיי געגעבען שלמה'ן.

מען האט געטרונקען לחיים, זיך געוואונשען, אז דער השם יתברך זאל העלפן בשלום דורכצוקומען און מען איז זיך צוגאנגען.

## 7.

פאַרנאַכט איז זאַנוויל רוהיג אריין צו משה „קוניארזש" אין הויף, קלאַפּענדיג מיט זיין שפּיץ־רוט אין די ליאַקירטע כאַליאַוועס.

די פערד זיינען שוין אַלע געוועזען אונטער'ן שטאַדט אין וועלדעל, נאָר זיין גניאַדער אָגער איז געשטאַנען אַ געזאָטעלטער אין מיטען הויף און געפּאָכעט מיט זיין לאַנגען עק. דער פּיסק איז געוועזען בעדעקט מיט אַ ווייסע שוים. יעדע ווייַלע האָט דאָס פערד אַ וואָרף געטהאָן זיין שטאָל־צען קאָפּ מיט די לאַנגע גרזשיווע, געקלאַפּט מיט די פאָדערשטע קאָ־פּיטעס, אַז שטיקער ערד פלעגען זיך צושיטען אין אַלע זייטען.

זאַנוויל איז צו צום פערד מיט אַ מאָדנעם פּייף און דאָס גענומען גלעטען איבער'ן גלאַנציגען האלז. דאָס פערד האָט אָפּנים פערשטאַנען דעם פּייף, האָט איהם אָנגעקוקט מיט'ן רעכטען אויג און האָט זיך פאַ־נאַנדערגעהירזשעט.

ביי דעם אָפענעם פענסטער איז געזעסען אַ בלאָנדע מיידעל. אין איין האַנד האָט זי געהאַלטען אַ בוך און מיט דער צווייטער האָט זי לייכט געריבען קליינע שמעקעדיגע בלעטלעך פון אַ מירטאַ־בלום, וואָס איז גע־שטאַנען אויפ'ן פענסטער. דאָס איז געוועזען משה'ס איינגסטע טאָכטער. דאָס מיידעל, דערזעהענדיג זאַנווילען, האָט אויפגעהערט לעזען דעם בוך און גענומען קוקען אויף איהם. זאַנוויל האָט בעמערקט איהר בליק, זיך געשטעלט אין אַ פּאָזע און מעשה אַקטיאָר איהר געקוקט גלייך אין די אויי־גען אריין. דאָס מיידעל האָט זיך פערשעהמט, געלאָזט ליגען דעם בוך און אַוועק מיט אַ הילכיג געלעכטער.

— אַ יחסנ'טע! — האָט זאַנוויל אַ טראַכט געטהאָן, — משה'ס טאָכטער! אַ כפּרה מעג זי געהן מיט איהר געשוואָלענעם טאַטען פאַר רחל'ס מינדסטען נאָגעל!

באלד איז משה ארויסגעקומען, איהם אריינגערופען צו זיך, מכבד געווען מיט א גוט גלעזעל וויין. זאנוויל האט געשפרייזט שטייף איבער די פליסיגע דיוואנעס, ארויסגערוקט זיך א פאטער־שטוהל, פערלעגט א פוס אויף א פוס, פעררויכערט א סיגאר. עס האט איהם זעהר הנאה געטהאן וואס משה לעקט און חנפה'ט איהם.

זאנוויל האט זיך געזעגענט מיט משה'ן, ארויף אויפ'ן פערד, זיך צופייפט אויף זיין שטייגער, גלעטענדיג דעם פערדס האלז און איז ארוים דורך א הינטערשטען טויער. ער האט יעצט אין גאנצען פערגעסען וועגען די פערד. ער האט רחל'ען צוגעזאגט דורכצורייטען דעם טראקט נעבען די גערטנער. לאז זי זעהן ווי איהר זאנוויל זעהט אוים אויפ'ן פערד. ער וועט זי ארויפנעהמען ווי יענער פרינץ, גוט צוטוליען צו זיך און מיט איהר אוועקפאטשען...

אויפ'ן שאסע האט זאנוויל אונטערגעשפארעט זיין פערד. דאס פערד האט א ציה געטהאן דעם פארערשטען טהייל פון זיין קערפער, זיך עטוואס אויסגעצויגען און זיך פאנאנדערגעטראגען איבער'ן שאסע לייכט ווי א פויגעל.

רחל איז געשטאנען נעבען טראקט און געווארט אויף זאנווילען.

זי האט דערזעהן ווי א שעהן צוגאווע פערד טראגט זיך אויפ'ן שאסע, א הויכער רייטער זיצט גלייך ווי א ווירע — האט זי א ציטער געטהאן. „זאנוויל פאהרט!"...

זאנוויל איז צוגעריטען נאהענט צו רחל'ען. דאס פערד האט זיך גענומען דרעהען ארום און ארום. רחל האט עם אנגעכאפט פאר'ן צוים:

— ווי שעהן דו ביזט, זאנוויל, אויפ'ן פערד! ווען כ'וואלט זיך נישט געשעהמט, אז א בעקאנטער זאל אונז טרעפען, וואלט איך ארויף צו דיר. שפרינג אראפ, כ'וועל דיר א קוש טהאן, — האט רחל געזאגט און אראפגעלאזט די אויגען.

זאנוויל האט זיך פעררויטעלט, אראפגעשפרונגען און געהאלזט רחל'ען.

דאס פערד איז געבליבען שטעהן, אויפגעשטעלט די אויערען, צוגעפענט ברייטער זיין קלוג אויג און געקוקט אויף דעם פארעל.

— ביזט זיכער, אז מען וועט דיך נישט כאַפּען, זאַנוויל? און אז יאָ? וואָס וועל איך טהאָן? כ׳וועל דיך שוין קיינמאָל נישט זעהן? קיינמאָל?...

— מיך וועט קיינער נישט כאַפּען! שרעק זיך נישט, רח׳טשע! מאָרגען וועלען מיר זיך זעהן.

— נו, טאָ נעהם מיך נאָך א מאָל ארום! אזוי! שטאַרקער!...

זאַנוויל איז שוין געזעסען אויף דעם פערד, געקוקט מיט זיינע ליעבע קינדישע אויגען אויף רחל׳ען, געדריקט איהר האַנד און געשמייכעלט.

רחל האָט געגלעט זיין פערד, געהייסען איהם פאָהרען גיך, זעהר גיך.

זאַנוויל האָט זיך עטוואָס אויסגעבויגען, אונטערגעשפּאָרעט דאָס פערד. דאָס פערד האָט זיך מיט א מאָל א ציה געטהאָן, געוואָרען לענגער און איבער דעם שאָססע האָבען זיך גענומען הויבען וואָלקענס שטויב.

רחל איז געשטאַנען א לענגערע צייט פערזונקען אין רעיונות און נאָכגעקוקט זאַנווילען.

## 8.

אַז זאַנוויל איז צוגעקומען צום וועלדעל, האָט ער פון דער ווייטענס דערזעהן זיין פאָטער מיט צוויי יונגען. ער איז גיך אראָפּ, גענומען בינ־דען די פערד: אַ פערד'ס פיסק צום צווייטענס עק, און אַזוי איינס הינ־טער'ן אַנדערען; זיך נאָכדעם געזעגענט מיט'ן פאָטער און איז פאַמעליך אַרויסגעריטען דורך הינטער־וועגלעך פון וועלדעל. די צוויי יונגען זיינען איהם נאָכגעריטען.

דעם גאַנצען וועג האָט זאַנוויל געוואָלט טראַכטען וועגען דער גרע־ניץ, נאָר יעדעס מאָל איז איהם אין דער־מיט אַריין רחל.

— און וואָס וועט טאָקע זיין, אַז מען וועט איהם היינט ביינאַכט שיסען? — איז זאַנווילען דורכגעבליצט אַ געדאַנק אין מח.

ער האָט זיך צושמייכעלט, אַרויסגענומען פון כאַליאַווע אַ פלאַטשיג פלעשעל שנאַפּס און מיט עטליכע זופּ פערטריבען דעם געדאַנק.

אָט זיינען זיי שוין געוועזען אויף דעם ברעג פון דער „זשאָלדעוואָקאַ".

— האַלט! — האָט זאַנוויל שטיל געזאָגט און אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד.

די פּאַרטיע האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— דאָ וועלען מיר וואַרטען ביז ס'וועט גוט פינסטער ווערען! איצט, חברה, נעהמט די „בלאַז" מיט בראַנפען און רייבט איין די פערד די קעפּ, זיי זאָלען נישט הירזשען. אַלץ זאָל געטהאָן ווערען שאַ־שטיל, ניט קיין איבריגען פּיפּס, איהר הערט?

די פערד זיינען באַלד געוואָרען רוהיגער, ווי זיי וואָלטען פערשטאַ־נען די געפאַהר, זיך גענומען רוקען איינס צום צווייטען מיט אַראָפּגע־לאָזטע קעפּ און זיינען געבליבען שטעהן ווי צוגעשמידטע. זאַנוויל האָט

בעטראַכט די צונויפגעדריקטע פּאַרטיע מיט די אָראָפּגעלאָזטע דרעמעל־דיגע קעפּ און עפּעס אַ רחמנות־געפיהל האָט איהם אַרומגענומען.

אַרום איז געוועזן שטיל.

ווען־ניט־ווען האָט אַ בלאָז געטהאָן אַ ווינטעל, מיטברענגענדיג דעם פייכטען, שאַרפען ריח פון יאַלאָוויץ און פון פּאַרטיגע פלאַמבירען.

די „זשאַלרעווקאַ" איז זיך גערונען רוהיג פּאַמעליך. ס'האָבען זיך געהויבען קליינע דונקעל־פּיאַלעטאָווע וואַלען, איינשלינגענדיג איינע די צווייטע.

זאַנוויל איז געלעגען אויף דעם בויך און געקוקט ווי עס וואַקסען פון וואַסער אַרויס דונקעל־בלויע בערג, צוואַוואַקסען זיך אין הימעל אַריין. אַ רויטליכער פּאַס האָט זיי דורכגעשניטען און די בערג זיינען געבליבען הענגען צווישען הימעל און וואַסער.

זאַנוויל האָט דערפיהלט ווי עפּעס צוגיסט זיך איבער אַלע זיינע גליעדער און ער איז געוואָרען לעבעדיגער, ווילדער. עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז די דונקעל־פּיאַלעטעווע וואַלען רופען איהם, און ער האָט גרויס חשק געהאַט אַראָפּצוואַרפען פון זיך די קליידער און כאַפּען אַ שווים.

— חברה, מיר וועלען גאָר כאַפּען אַ שווים! — האָט זאַנוויל זיך געווענדעט צו די צוויי יונגען.

זיי האָבען אויפגעהויבען די אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, זיך איבערגעקוקט און געקוועטשט מיט די פּלייצעס, און געהייסען האָט עס: „אַז דער האָ־בער שטעכט, קריכט מען אויף גלייכע ווענד".

זאַנוויל האָט אַ שפּיי געטהאָן גלייך אין וואַסער אַריין, אַ ברום געטהאָן „פלאָקען־שיסערס!" און גענומען שנעל אַראָפּוואַרפען פון זיך די קליידער.

און דאָס שטילע וואַסער האָט מיט אַ מאָל אַ קרעביז געטהאָן אונטער זאַנווילס קלאַפּטער. ער האָט דורכגעשניטען עטליכע קרייזען און איז אַרויס.

— שוטים, וואָס ווייסט איהר וואָס גוט איז! — האָט זיך זאַנוויל

געוועגדעט צו די יונגען, אָנכאַפּענדיג זיך ביי א דיקע צווייג פון אן אַלטען בוים, וואָס איז געוואַקסען ביים ברעג, און זיך גענומען ציהען.

ס'איז געוואָרען אַלץ פינסטערער און פינסטערער.

די פאַרטיע פערד איז געשטאַנען רוהיג, ווי פון שטיין אויסגעהאַקט. מען האָט אָפּגעגאָסען די פערד מיט קאַלט וואַסער און זיי זיינען לע־בעדיגער געוואָרען.

די פאַרטיע האָט זיך שטיל געריהרט פון אָרט.

שטיל. עס האָט זיך נאָר געהערט דאָס ריטמישע קלאַפּען פון די קאָפּיטעס. ווען־ניט־ווען האָט זיך צוהירזשעט א פערד.

פון דערווייטענס האָט זיך בעוויזען א רויט פייערעל. דאָס איז געווען די „קייט": א הויכער ווייס־געפאַרבטער קלאָץ מיט שוואַרצע פּאַסען און מיט א לאַנגע קייט אַראָפּ.

זאַנוויל האָט פערקערעוועט אין א זייטיג וועגעל, גענומען רייטען זעהר פּאַמעליך. ער האָט געהאַלטען אין איין גלעטען זיין אָגער און פון מאָל צו מאָל איהם מכבד געוועזען מיט א קלעצעל צוקער.

טריט — — —

די פאַרטיע האָט זיך אָפּגעשטעלט, געשטאַנען א ווײַלע. עס איז ווידער שטיל געוואָרען און מען האָט זיך געריהרט פון אָרט.

זאַנוויל האָט זיך ארומגעקוקט — נאָך א פופציג טריט און די פערד זיינען אין פּרייסען. מען האָט זיך ווידער פערקערעוועט אין א קליין זאַמדיג וועגעל און גענומען טרייבען די פערד דורך שטעכעדיגע אַגרעס־קוסטען.

פון דערווייטענס זיינען אַנטקעגען געקומען צוויי זעלנער.

זאַנוויל האָט בשעת מעשה א ציטער געטהאָן, נישט לאַנג געקלערט און געהייסען יאָגען די פערד וואָס כח נור. די פערד האָבען זיך צו־טראָגען. די זעלנער האָבען אָנגעשטעלט די ביקסען. די יונגען זיינען אַראָפּגעשפּרונגען און צוריקגעלאָפען.

זאַנוויל איז געוואָרען שטאַרק אויפגערעגט:

— הינטישע לעבערם! די כאָליערא וועט אייך שוין נעהמען! און איז אַנטקעגען געפאָהרען די זעלנער.

די זעלנער האָבען איהם אָפּגעשטעלט, גענומען אָפּבינדען די פערד. זאַנוויל האָט גענומען טענה'ן מיט די זעלנער, זיי געוואָלט אונטער־קויפען — ס'איז נישט געגאַנגען! אַ קאַלטער שוויים האָט בעדעקט זיין גאַנץ לייב. ער האָט אַ קריץ געטהאָן מיט די צייהן און וואָס כח נור אונטערגעשפּאַרעט זיין אָגער.

דאָס פערד האָט זיך אַ ריס געטהאָן, אַנידערגעשליידערט מיט די פאָדערשטע פיס איין זעלנער און זיך צוטראָגען ווי אַ פייל פון בויגען. די פּאַרטיע האָט זיך אָפּגעריסען און איז נאָך.

דער צווייטער זעלנער איז צומישט געוואָרען, גענומען נאָכשיסען, גע'הרג'עט עטליכע פערד, נאָר זאַנוויל איז שוין געשטאַנען אויף דער צווייטער זייט גרענעץ און געוויעזען די זעלנער אַ לאַנגע נאָז.

---

אויף דער צווייטער זייט גרעניץ האָבען שוין צוויי דייטשען איהם אָפּ־געוואַרט. איינער האָט אוועקגעפיהרט די פּאַרטיע פערד און דער צווייטער האָט זאַנווילען איינגעלאַדען אויף אַ קופעל ביער.

ניט ווייט פון שענק האָט זאַנוויל בעמערקט קופּקעלעך מענשען אויף דעם גראָז. דאָס זיינען געזעסען „מולכ'ערס" — אָט יענע, וואָס פיהרען איבערגעניצטע קליידער דורך די גרעניץ. זיי האָבען אָפּגעוואַרט דעם בערלינער צוג, וואָס האָט געדאַרפט אָנקומען פּונקט איינס ביינאַכט. מיט דעם צוג קומען אָן די סוחרים פון אַלטוואַרג, עפענען דאָ די וואַארע און יעדערער פון די מולכ'ערס טהוט זיך אָן עטליכע „שטיק" און פאָהרט אריין נאָך פּוילען.

עס איז געזעסען אַ קופּקעלע עלטערע אידען אין לאַנגע כאַלאַטען און זיך געשמועסט געלאַסען. זיי האָבען מקנא געוועזען „יערגע נאַר" (אַזוי האָבען זיי גערופען דעם דייטש), ווי ער לעבט זיך רוהיג. און צום מייסטען האָבען זיי מקנא געוועזען דעם שיינקאַר, וואָס האָט געהאַלטען די שיינק ביי דעם טראַקט און געלייזט בייטאָג און ביינאַכט.

דאָס זיינען געוועזען צום מיינסטען יורדים, שעהנע חסידים, וועלכע האָבען שוין אַלץ פּרובירט, אפילו מלמדות, נור עס איז נישט געגאַנגען, — האָבען זיי גענומען אריינפאָהרען נאָך פּרייסען, אָנטהאָן יעדערער צו עט־

ליכע רעק, צו עטליכע פּאָר הויזן, דורכפיהרען די גרענעץ און זיך מאַ־טערן.

ביי אַ צווייטע קופּקע זיינען געזעסען ווייבער אין שייטלען און גע־האַלטען אין איין בערערן אַט יענע מיידלעך, וואָס זיינען געזעסען אַ ביסעל ווייטער אויסגעמישט מיט שיקסעס, שקצים און יונגען.

פון דעם פּלאַץ, וואו דאָס יונגוואַרג איז געזעסען האָט זיך געטראָגען אַ הילכיג געלעכטער. די יונגען פּלעגען אויסציהען אַ מויד אָדער אַ שיקסע אויף דעם גראָז און זיך נעהמען וועטען, אַז זי טראָגט אונטער דעם קלייד גאָר נישט, כדי זי זאָל קענען אַלץ מעהר אָנטהאָן. די מויד איז דערוויל געלעגען און געמאַכט קולות, ביז אַ אידענע האָט שוין נישט געקענט צוהערען, איז זי צו און זיי גענומען זידלען. האָט מען אָפּגעלאָזט די מויד, און עפּעס אַ יונג אַ חצוף איז אויפגעשפּרונגען, ארומגעכאַפּט די אידענע און איהר געוואָלט אַ קוש טהאָן. די אידענע האָט גענומען שרייען און אַלע ארום האָבען געפּלאַצט פון געלעכטער.

עס איז דורך אַ דייטש מיט אַ דיקען סיגאַר, זיך אָפּגעשטעלט, גע־שטאַנען אַ ווילע, אויסגעשפּיגען: „שמוציגע יודען!“ און געגאַנגען ווייטער.

זאַנוויל איז אריין אין שיינק, אויסגעטרונקען עטליכע קופעל ביער, פערראויכערט אַ סיגאַר, זיך געזעגענט מיט דעם דייטש און ארויס.

די סוחרים מיט די קופקעס סחורה זיינען שוין געהאַט אָנגעקומען, האָבען עס צולעגט אין מיטען פעלד. די מולכ׳ערס האָבען פון זיך אַלעס אראָפּגעוואָרפען, געשטאַנען אין די העמדער און גאַטקעס; די ווייבער אָהן בלוזקעס און אין די האַלקעס, און זיך געשטופּט, געריסען צו די סוחרים, און ווער עס איז געוועזען שטאַרקער, האָט געכאַפּט מעהר. די ווייבער האָבען געשלאָגען די מיידען און די מיידען האָבען ארונטערגע־ריסען די שייטלעך ביי די ווייבער. און אָט איז צו אַ האַלב־נאַקעטער שקוץ, שטיל אָפּגעבונדען דאָס בענדעל פון דער האַלקע ביי אַ מיידעל. דאָס מיידעל האָט געטהאָן אַ שטרעק אויס די האנד, געוואָלט כאַפּען אַ לייב־בעל — איז זי שטעהן געבליבען אין אַ פּאָר קורצע לייוועגטענע מייטקעס.

די יונגען מיט די שקצים האָבען זי אַרומגערינגעלט, געמאַכט אַ ראָד, זיך פאַנאַנדערגעטאַנצט און זי נישט געלאָזט אַרויס.

אָט האָט זיך דורכשפּאַציערט דער „אידישער" אָביעשטשיק מיט די ביקס אויף דעם אַקסעל, זיך געוויצעלט מיט די אידען, געגעבען זיי עצות.

באַלד איז אַרוים עפּעס אַ געזונטע מויד, גענומען דעם זעלנער אונ־טער'ן אָרעם און אַוועק מיט איהם אין וועלדעל.

זאַנוויל איז געשטאַנען פון דער וייטענס, זיך צו אַלעם צוגעקוקט. ער האָט אַ שפּיי געטהאָן, אויסגעשריען „שטינקערס" אין דער נאַכט אריין, און פערשוואונדען אין אַ זייטיג געסעל.

אַ פּאַרטיע קאָנטראַבאַנדיסטען מיט פּעקלעך אויף די פּלייצעס איז זאַנווילען אנטקעגען געקומען.

— אי, זאַנוויל! וואָס טהוסטו דאָ? — האָט אַ גנעלער געזאָגט.

— כ'האָב געדאַרפט זעהן אַ דייטש! — האָט זאַנוויל רוהיג גע־ענטפערט און געוואָלט געהן ווייטער.

— דערצעהל עס דער „באָבע יורע", זאַנוויל. מיר ווייסען דאָך, — האָט זיך אַ קליינער, ברייט־ביינינגער יונג אריינגעמישט.

— פּימפּערנאָטער! ווער פרעגט דיך? ס'איז דיין באָבעס דאגה? די חברה האָבען זיך איבערגעקוקט.

— נו, טאַקע! — האָט זיך דער גנעלער געווענדעט צום קליינעם, — אַז אומעטום מוזט דו זיך אריינמישען! ווען ער פערפאַהרט דיר, וואָלט מיך עפּעס געהאַרט? אָסור! וועסט זיך נאָך אַ מאָל דערשפּיעלען! און דו, זאַנוויל, וואָס רעגסטו זיך באַלד אַזוי אויף? לאָז דיך דאַכטען אַ הונד בילט! פּיעלייכט וואָלסטו מיטגענומען אַ פּעקעל זיידענס?

— געמאַכט! — האָט זאַנוויל געענטפערט, — וויפיעל גיסטו?

— וואָס הייסט? קריגסט אַ צעהנעריל!

— ניין, גוטער ברודער! — פּופצעהן!

דער גנעלער איז געשטאַנען אַ ביסעל, געטראַכט:

— ס'געהט!

די פּאַרטיע האָט זיך אָבגעשטעלט, דער גנעלער איז ערגעץ אַוועק, געזוימט זיך עטליכע מינוט און געבראַכט אַ גרויסען פּאַק זיידענס. זאַנוועל

האָט אַרויפגעמאַכט די פּאַסקעס איבער זיינע אַקסלען, האָט דעם פּאַק לייכט אַריבערגעוואָרפן איבער די אָרעמס און גענומען שפּרייזן. ניט ווייט פון גרענעץ האָבן זיך די חברה צוטהיילט אין צוויי פּאַרטיעס. דער געלער האָט געפיהרט. אַלע האָבן אויסגעטהאָן די שטיוועל, פערקאַטשעט די הויזען און זיך אָבגעשטעלט. דער געלער איז אַליין אַוועק אין וועלדעל געוואָהר ווערען וואָס עס הערט זיך. ער איז באַלד געקומען צוריק מיט זעלנער, געטהאָן אַ מאַך מיט דער האַנד און די פּאַרטיע איז אָהן שטערונג דורך די גרעניץ. דהרכ׳ן וואַלד האָט מען גענומען געהן איינציגווייז. דעם גאַנצען וועג האָט קיינער קיין וואָרט ניט גערעדט. ביי דעם קלענסטען שאָרך זיינען אַלע אַריין אין דער טיעפער תבואה מיט די געפּעק, געלעגען אַ לענגערע ווילע ביז עס איז ווידער שטיל געוואָרען און געשפּרייזט ווייטער.

זאַנוויל איז געגאַנגען אַ מיעדער. דער טאָג האָט איהם עפּעס אויס־געמאַטערט און ער האָט געפיהלט ווי אַלע גליעדער ברעכען איהם. ער האָט עטליכע מאָל געוואָלט קלעהרען וועגען רחל׳ען, נאָר ער האָט בשום אופן ניט געקאָנט צונויפנעמען זיינע געדאַנקען.

אַרום דריי אַ זייגער ביינאַכט איז די חברה געקומען אין דעם לעצטען דאָרף וואָס געפינט זיך אונטער דער שטאָדט. זיי האָבען אַראָבגע־נומען די פּעק און זיך געזעצט רוהען אין אַ טהאָל אויף דער לאָנקע. מיט אַמאָל האָבען זיי דערהערט ווי אַ רייטער קומט אָן. די חברה האָבען געכאַפּט די פּעק און זיך צושאָטען אין אַלע זייטען. זאַנוויל איז אַנטלאָפען אָהן אַ היטעל. ער איז געוועזען זעהר אויפגערעגט, געשפּאַנט גיך, געפיהלט אַ שרעקליכע מיעדקייט. עס האָט זיך דערהערט אַ שיסעריי.

— מען יאָגט! — האָט זאַנוויל אַ טראַכט געטהאָן און געבליבען שטעהן. ער האָט פאַר זיך דערזעהן דעם אַלטען בית־עולם. ער האָט זיך פלינק אַרויפגעכאַפּט אויפ׳ן פּאַרקאַן, אַריבערגעשפּרונגען לייכט ווי אַ קאַץ און גענומען געהן צווישען די מצבות קאַלטבלוטיג, רוהיג... ער האָט זיך אויסגעזוכט אַ הויך בערגעל, אונטערגעלעגט דעם פּאַק, זיך אַנידערגעוואָרפען און איז פעסט אַנשלאָפען געוואָרען...

## 9.

צייט זאַנוויל האָט זיך בעקאַנט מיט רחל'ען האָט ער גענומען אַלס מעהר און מעהר אויסמיידען זיינע פריהעריגע חברים, זיך גענומען מיט זיי זעלטען טרעפען. עטליכע וואָכען דורכאַנאַנד פלעגט ער ניט אריינ־שמעקען אין שענק אריין. זיין בעסטער פערגעניגען איז געוועזען אין דער פרייער צייט, ארויסצוגעהן מיט „מאַרווען" אויפ'ן ברעג פון דער „רזשיקע", זיך אויסציהען אין דעם טיעפען גראָז און טראַכטען. און מאַרוואַ פלעגט זיך אויסציהען, אויפשטעלען זיינע אוירען, עפענען עטוואָס זיינע מאַנדעל־אויגען און קוקען און בורטשען. און אַז זאַנוויל איז געוועזען גוט אויפגע־לעגט האָט ער זיך גענומען קאַטשען איבער'ן גראָז. מאַרוואַ פלעגט זיך אויפכאַפּען, זיך צוזעצען אויף די הינטערשטע פיס, אַ שפּרונג טהאָן צו דעם בעל־הבית, איהם ארומכאַפּען מיט די לאַפּעס, לעקען, דרעהען מיט דעם עק און אַ געזונד, הארציג געלעכטער פלעגט הילכיג אָבקלינגען איבער דער לאָנקע...

און אַז זאַנוויל איז בייז געוואָרען אויף דעם הונד, האָט ער איהם געכאַפּט פאר די אוירען און אריינגעשליידערט אין דער „רזשיקע". דער הונד פלעגט אויסשווימען עטליכע קרייזען, אַלץ קוקענדיג מיט זיינע מאַנדעל אויגען אויף דעם בעל־הבית און ארויסשפּרינגען. ער פלעגט זיך אָבטרייסלען און צו צו זאַנוויל'ען. זאַנוויל פלעגט פון דערווייטענס קוקען אויף דעם הונד'ס נאַסען קערפּער און האָט הנאה געהאַט.

נור פון צייט צו צייט האָט זאַנוויל'ען ארומגעכאַפּט אַ בענקשאַפט נאָך זיינע חברים, נאָך די שענק און דעמאָלט האָט ער אין אַלעם פער־געסען. ער האָט דערפיהלט ווי עפּעס צוואוואַקסט זיך ביי איהם, די מוס־קולען ווערען שטייפער, ציהען זיך אָן, דאָס הארץ שפּארט זיך פון קאַסטען

אַרויס, און אין אַזעלכע מינוטען האָט ער אַראָבגערוקט דאָס היטעל איבער די אויגען און אַוועק אין דער שענק אַריין.

---

צומאָרגענס ווען זאַנוויל איז אַהיימגעקומען פון פּרייסען האָט ער דערפיהלט אַ שרעקליכע בענקשאַפט נאָך זיינע חברים, עס האָט זיך איהם געוואָלט דערצעהלען וואָס ער האָט אויפגעטהאָן אין דעם נעכטיגען טאָג און ער איז געווען זיכער אַז נור זיי וועלען איהם פערשטעהן.

באַלד נאָכמיטאָג איז זאַנוויל אַוועק אין שענק אַריין.

דורך דער גאַנצער לענג פון שענק, צו דער וואַנד צו, איז ווי אַלע מאָל געשטאַנען אַ צאָהל־באַנק. אויף דער צאָהל־באַנק האָבען זיך געפונען עטליכע באַרעלקעס בראָנפען, פעסלעך ביער. אויף אַ לאַנגער קופּערנער טאַץ מיט לעכלעך זיינען געשטאַנען גלעזלעך, קופּערנע קוויטירלעך און קופּלעס. דער פּולאַפּ איז געווען אונטערגעשפּאַרט מיט אַ דיקען פיער־עקיגען קלאָץ אויף וועלכען עס זיינען געוועזען אויסגעשניצט פערשיעדענע זאַכען און נעמען פון פערשיעדענע גנבים. אונטער דער צאָהל־באַנק איז געזעסען אַ הויכע דיקע אידענע — בריינע קאָזאַק — און מיט הנאה זיך געבויערט די נאָז מיט אַ פינגער. ביי עטליכע טישלעך זיינען געזעסען יונגען און געגעסען. ביי אַ ווינקעל־טישעל זיינען געזעסען דריי יונגען און געטרונקען. ביי איינעם פון זיי אויף דער שוים איז געזעסען אַ יונג געפּודערט מיידעל און גערויכערט אַ פּאַפּיראָס. די שענק האָט געשמעקט מיט געבראָטענס.

— זעהט נור, זעהט! — האָט זיך בריינע צושריען — טפוי, טפוי, טפוי! אַ שעהנער מענש! ס'פּאַסט דיר שוין גאָרנישט אַריינצוקומען אין שענק אַריין! ?

פון אַלע טישלעך האָט זיך געהערט: זאַנוויל! זאַנוויל!

פון אַלע זייטען האָט מען איהם אַרומגערינגעלט, איהם געגעבען שלום, זיך געוויצעלט.

זאַנוויל האָט זיך אַ צופריעדענער אַוועקגעזעצט מיט דער חברה אַרום אַ גרויסען טיש.

— פּופּצעהן פלעשלעך לאַגער! — האָט זאַנוויל אַ געשריי געטהאָן.

— נו, וואָס מאַכט איהר עפּעס חברה? בנאמנות, איך האָב זיך פערבענקט נאָך אייך!

— אז דו ביזט אזא פריץ געוואָרען! מען זעהט דיך נישט אויף דער ליכטיגער שיין! וואָס טהוסטו גאַנצע טעג? — האָט זיך „גראַדול“, א הויכער, געשטופּעלטער יונג, מיט צוויי שניט אין דער לינקער באַק, אָנגערופען.

— כ'וויים? — האָט זאַנוויל געענטפערט — מען פטר'ט די צייט, כ'וויים אליין נישט מיט וואָס.

— אָ, דאָס איז אמת, ברודער! — האָט גראַדול געזאָגט און א וואונק געטהאָן צו דער חברה — „נאָש בראַט“ טאָר זיך נישט אריינלאָזען אין צו ווייטע דרכים מיט א מויד! דאָס איז א געשעפט פאַר יאָלדען! ס'געפעלט דיר א מויד, האָב חתונה און אויב נישט — גיט מען איהר א קוועטש און פטור! גלויב מיר זאַנוויל, מאַנקע הערט דאָך דאָס נישט — האָט גראַדול ווייטער גערעדט און א גראָבען ווינק געטהאָן מיט די אויגען — מען קאָן מיט איהר לעבען א יאָהר אָהן א ווייב.

חברה האָבען זיך געשטיקט פון געלעכטער.

מאַנקע איז ברוגז געוואָרען:

— ווי לאַנג קרענקסטו, דו געשטופּעלטער הונד, ווי כ'וועל שוין מיט דיר נישט רעדען!

— אָבער וועגען וואָס האָסטו זיך אזוי צורעדט? — האָט זיך זאַנוויל געפרעגט ביי גראַדול'ען.

— איך וועל דיר זאָגען — האָט מיט א שמייכעל אָנגעהויבען משה'לע, א יונג ווי א ריעז. — אנומעלט קומט דער „קעלביגער“ און דער־צעהלט אז דו האָסט איהם געשטערט. ער איז פערפאַהרען שפּעט ביי נאַכט מיט א פוהר און געוואָלט ביי נתן דעם אָגאָראָדניק ארויסנעהמען עטליכע קערץ מערען. ער געהט צו און בלייבט א פערציטערטער: דו געהסט ארום איבער'ן פעלד, האַלסט א מויד אויף דער האַנד און שלעפּסט זי אַיין ווי א פּיעסטענקע א קינד! ער איז שיעור נישט צוזעצט געוואָרען פון געלעכ־טער, נור ער האָט מורא געהאַט און זיך אָבגעטראָגען.

זאַנוויל איז בלאַס געוואָרען און זיך צושמייכעלט.

— עפּעס אַ שעהנע מיידעל? — האָט איהם מאַנקע געפרעגט, צוקור־מענדיג צו איהם — שעהנער פון מיר?. זאַנוויל, גערעדנקסט, אַמאָל בין איך געווען דיינע. דו פלעגסט מיר קויפען לאַקירטע שיך! יאַ, יאַ...

זאַנוויל האָט נישט געענטפערט, ארומגענומען מאַנקען און האָט זי ארויפגעזעצט צו זיך אויף דער שויס.

חברה האָבען צועפענט די פלעשלעך, געטרונקען, דערצעהלט מעשיות.

גראַדול האָט זיך פער׳גנב׳עט אונטער מאַנקע׳ס פלייצע און איהר אריינגעגאָסען אביסעל ביער אין קארק אריין.

מאַנקע האָט אַ צאַפּעל געטהאָן, גענומען זיך פּיעשטשען ווי אַ קליין קינד, געסטראַשעט אַז זי וועט דערצעהלען פאר זיין ווייב.

— וואָס, דו האָסט שוין אַ ווייב? וואָס איך הער? — האָט זיך זאַנוויל אַ פערוואונדערטער געפרעגט.

— וואָס דען, ברורער, אַ הינטיש לעבען דערעסט! איינבעטען זיך אַ קוש ביי מאַנקען? דאָ קויף איהר שיך, דאָ — אַ קאָרסעט, און אַז קומט צו עפּעס וועט זי דיר צייגען אַ פייג! מכות! האָב איך אַ ווייבעלע, ברודער, אַ צאַצקע! פון וואַרשע קומט זי, אַ קליינס, אַ שוואַרץ, ווי אַ מייזעל, און נעהמט עס קושען איז... ווער איך פערבאַפּט און קאָבען, קאָכט זי, ברודער, אַן אַנטיק! און וואָס דאַרף איך נאָך?

— דאַכט זיך אַ גליקליכער מענש — האָט זיך מאַנקע געווענדעט צו זאַנוויל׳ען — און פון דעסטוועגען מאַכט ער מיר דעם טויט!

חברה האָבען געשמייכעלט.

גראַדול האָט אַ ציה געטהאָן מיט איין זופּ אַ קופּעל ביער און אַ קלאַפּ געטהאָן זאַנוויל׳ען איבער דער פלייצע:

— קום אריבער, זאַנוויל! „מיינע“ וויל זיך מיט דיר באַקענען.

— וואו האָסטו זי גענומען?

— ס׳הייסט וואו? כ׳בין געווען אויף פראַגער יריד, נו, באַקען איך זיך מיט אַ מיידעל, איז זי מיר געפעלען געוואָרען, האָט מען געשטעלט אַ חופּה און פאַרטיג!

זאַנוויל האָט באַשטעלט נאָך צעהן פלעשלעך.

אַ דאַרער יונג האָט אַרויסגעצויגען אַ האַרמאָניע, פאַרשאַרצט זיין קליין היטעלע, איינגעבויגען דעם קאָפּ און גענומען שפּיעלען אַ וואַלס.

מאַנקע איז אַראָב פון זאַנוויל׳ס שויס, מיט איין האַנד האָט זי צוגעהאַלטען איהר קורץ קליידעל און לייכט צוגעקלאַפּט צום טאַקט. פון אַ ווינקעל האָט זיך באַלד בעוויזען אַ שקץ מיט אַ שקצה און גענומען טאַנצען. דער שקץ איז געווען האַלב שכור, מיט פערלאָפענע אויגען און צושויבערטע האָר. ער האָט פעסט אַרומגענומען די שקצה, זי עטוואָס אויפגעהויבען און זיך מיט איהר גענומען אַרומדרעהען, אַרויסלאָזענדיג כריפּענדע קולות.

מאַנקע האָט אָנגעכאַפּט זאַנוויל׳ען פאַר די הענד, איהם אויפגע־שטעלט און זיך געלאָזט מיט איהם איבער דער שענק. זאַנוויל האָט מיט איהר געטאַנצט. נאָר אין מיטען האָט ער חרטה געקראָגען, זיך אויסגע־דרעהט, האָט עטליכע מאָל דורכגעשפּאַנט די שענק און זיך געזעצט.

דער יונג האָט גענומען שפּיעלען אַ מאַזורקע.

מאַנקע האָט געכאַפּט גראַדול׳ען, זיך גענומען מיט איהם דרעהען גיך, שטאַרקער. איהר לייכט קליידעל האָט זיך אויפגעבלאָזען ווי אַ קאַראַזולאַ. און יעדעס מאָל ווען זי האָט זיך געדאַרפט צוזעצען און אַ קלאַפּ טהאָן מיט איהר אָבצאַס, האָט זי אַזאַ דרעה געטהאָן מיט דעם פוס, אַז דאָס קליידעל איז זיך צופלויגען און די פיס האָבען רייצענד אַפּערגעקוקט פון אונטער די געפּאַסטע זאָקען.

חברה האָבען געגאַפט.

דער יונג האָט אויפגעהערט שפּיעלען, אָבגעווישט דעם שוויס, האָט דערזופּט זיין קופעל ביער און גענומען שפּיעלען פון „שמענדריק“. אַלע האָבען מיטגעזונגען:

„האָצמעך איז אַ בלינדער,<br>האָט אַ ווייב מיט קינדער...“

מאַנקע איז צו צו זאַנוויל׳ען, זיך געזעצט אויף זיין שויס און מיט־געזונגען. איהר פּנים האָט געפלאַמט, די נאָזפליגעל האָבען זיך געהויבען

ווי ביי א יונגען זשרעבאקעל. זאנוויל האט אויף איהר געקוקט, הנאה געהאט און זי שטארק ארומגענומען.

די חברה האבען זיך אלץ העכער און העכער צוזונגען. נישט ווייט איז געלעגען דער שכור'ער שקץ און זיך געריסען אויף זיין הייזעריגע שטימע... און עס האט זיך גערארכט אז מענשען זיצען, האלטען אייזערנע טעפ און קראצען מיט טעמפע מעסערם.

מאנקע האט אנגעשפארט איהר קעפעל אויף זאנוויל'ס ברוסט:

— זאנוויל, קום צו מיר היינט ביינאכט! וועסט קומען? גערענקסט, פלעגסט זאגען אז דו האסט מיך ליעב. געה, ביזט א שלעכטער! דו האסט שוין אן אנדער מיידעל. זאנוויל, ווער איז שעהנער? וואהר, מאנקע? כא, כא!

זאנוויל איז צומישט געווארען, און געפיהלט אז ער ווערט בלאס. ער האט מאנקע'ן אויפגעהויבען אויף די הענד און זי אוועקגעזעצט אויף א לעדיגען שטוהל. איהם האט זיך געדאכט אז רחל שטעהט אין ווינקעל א בלאסע, א פערוויינטע און קוקט אויף איהם, קוקט ווי ער האלט מאנקען. ער האט א צאפעל געטהאן, זיך אויפגעשטעלט, געטהאן גראדול'ען א קלאפ איבער דער פלייצע און ארוים מיט איהם אויף דער גאס.

א לענגערע צייט איז זאנוויל געגאנגען און געשוויגען. ער האט זיך דערפיהלט עפעס ווי דערשלאגען. עס האט איהם זעהר געקרענקט וואס די חברה ווייסען אז ער האט א מיידעל, און צומייסטען האט איהם געארט, וואס ער האט געהאלטען מאנקע'ן די גאנצע צייט אויף דער שוים. עס האט זיך איהם איצט געוואלט זיין איינער אליין מיט מארוועץ, זיך אוים־ציהען אונטער'ן עפעל־בוים, פערמאכען די אויגען און רוהיג טראכטען.

— וואס ביזטו עפעס אזוי פער'חוש'ט? — האט גראדול איהם געפרעגט.

— כ'ווייס... עפעס פאסקודנע אין מויל, און דערצו טהוט מיר דער קאפ וועה...

— עה, זאנוויל, ביזט דאך ערגער פון א אידענע! און אז מען טרינקט שוין אוים א פינף פלעשלעך, טא וואס? זעהסט, מיך הויבט עס

נישט אָן צו ארען! איך גנה מיר און קלעהר פון מאַנקען. ווייסט, די מויד ווערט שעהנער פון טאָג צו טאָג! און זי קריגט דאָך די פּגירה פאַר דיר!

— צו אַלדע שווארצע יאָהר, וואָס איז מיט דיר? האָסט דאָך ערשט חתונה געהאַט און קלעהרסט שוין וועגען מאַנקען?

— ביזט אַ יאָלד, זאַנוויל! אַ ווייב איז אַ ווייב! כ'האָב זי דאָך תמיד! און מאַנקע איז עפּעס אַנדערש! שרעק זיך נישט, ס'וועט פאַר'ן ווייב אויך בלייבען, כ'בין ברוך השם אַ געזונד אינגעל!

זאַנוויל האָט נישט געענטפערט. ער האָט געפיהלט ווי אַלץ אין איהם נעהמט זיך הויבען...

— אָט דאָ וואוין איך — האָט זיך גראַדול אָנגערופען, וויזענדיג אויף אַ קליין הייזעל.

גראַדול האָט ברייט געעפענט די טהיר און אריינגעלאָזט זאַנוויל'ען.

— ביילע, אָט דאָס איז מיין חבר, זאַנוויל, וועגען וועלכען כ'האָב דיר דערצעהלט.

ביילע, אַ קליין שווארץ־חנ'עווריג ווייבעל אין אַ גאַברעלע מיט טער־קישע בלומלעך, מיט אַ לאַנגען צאָפּ אראָב ווי ביי אַ יונג מיידעל, איז רויט געוואָרען, אַ שמייכעל געטהאָן און זאַנוויל'ען דערלאַנגט אַ קליין ווארעם הענטעל.

— נו, זאַנוויל, ווי געפעלט דיר עפּעס מיין ווייבעל? — האָט גראַדול געזאָגט, אָנגענומען ביילען פון הינטען און זי אויסגעדרעהט מיט דעם פּנים צו זאַנוויל'ען.

זאַנוויל איז געוואָרען צומישט, נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערען און זיך קינדיש צושמייכעלט.

— נו, ביילע, יעצט גיב עפּעס אין מויל אריין! עפּעס גוטעס, צוליעב אונזער גאַסט!

— געווים, געווים! ענטשולדיגט זאַנוויל, כ'קום באַלד אריין! — האָט ביילע געזאָגט מיט אַ שמייכעל און איז אריינגעשפּרונגען אין צווייטען צימער.

— נו, זאַנוויל, דעם אמת זאָג, זי געפעלט דיר? אַ שעלמאַ, האַ?

— מעגסטו זיך נישט בעגראָבען, זאָג? אַז מען האָט אַזאַ וואויל ווייי־

בעל, זיך פערדרעהען דעם קאָפּ מיט מאַנקען. שעהם זיך, דו „בעל תכלית" איינער!

— שריי נישט אַזוי, זי קאָן נאָך הערען — האָט זיך גראַדול אָבגע־רופען, און זיין געשטופּעלט פּנים האָט געשיינט.

אין אַ ווייסע אָרום איז ביילע אַריין אויסגעפּוצט אין אַ שוואַרץ לייבט קלייד, אַ ווייס זיידענע בלוזקע מיט שוואַרצע פּאַסעקלעך. זי האָט געטראָגען אַ טעלער מיט אויבס, ווייך, איינגעמאַכטס.

— וואָס זאָגסטו נישט ווי זי האָט זיך דאָס אויסגעפּוצט? פאַר'ן אייגענעם מאַן איז גאָרנישט, קומט נור אַ פרעמדער מאַנסביל, פּוצט מען זיך שוין!

ביילע האָט געקוקט אויף זאַנוויל'ען און אַ פערדרויטעלטע געשמייכעלט.

— נעהם עפּעס, זאַנוויל! זיי ווי ביי זיך אין דער היים! — האָט גראַדול געזאָגט אַ שיינענדיגער.

ביילע איז געזעסען, פערלעגט איין פוס אויף דעם צווייטען, און גערעדט, דערצעהלט מעשיות פון וואַרשע. און זי האָט גערעדט אַזוי גלאַ־טיג, אַזוי שעהן! זאַנוויל האָט קיין אויג נישט אַראָבגעלאָזט פון איהר, זיך צוגעהערט ווי זי דערצעהלט. איהר שטימע האָט איהם געקלונגען עפּעס אַזוי אַנגענעהם. ווען זי האָט אַ שמייכעל געטהאָן, האָט ער באַמערקט אַז עס פעהלט איהר פון פאָרענט אַ קליין צייהנדעל און ער האָט אויסגעפונען אַז אַזוי איז זי נאָך שעהנער, בחנ'עוודיגער... און זי האָט גערעדט מיט די „רייש", געזאָגט „יאָך", געשלונגען האַלבע ווערטער, געשמייכעלט, און דאָס האָט זאַנוויל'ען פער'שכור'ט.

גראַדול האָט זיך אויסגעצויגען אויף דער קאַנאַפּע, געהערט ווי זיין ווייבעל רעדט. ער האָט געטראַכט אַז אויב זי זאָל זיך נאָר טויגען, קען זי ווערען די „מאַטקאַ" פון אַלע גנבים, און דעמאָלט האָט ער אָפּגעזאָרגט. ער האָט פאַר גרויס שמחה עפּעס אונטערגעזונגען און איז אַזוי אַנשלאָפען געוואָרען. באַלד האָט ער זיך געלאָזט הערען איבער דעם גאַנצען צימער. ער האָט פערריסען זיין פוס אין דער הויך ווי אַ קראָקווע און גענומען שנאָרכען.

ביילע און זאנוויל האבען זיך צולאכט.

זאנוויל האט געוואלט עטליכע מאל אוועקגעהן, נור ביילע האט איהם אלס געבעטען ער זאל נאך בלייבען. זאנוויל איז אונטערגעזעסען אביסעל און ביים אוועקגעהן האט איהם ביילע לאנג געדריקט די האנד. זי האט איהם געקוקט מיט איהר ליעבליכען שמייכעל אין די אויגען און פערלאנגט פון איהם א בעשטימטען טאג ווען ער וועט קומען.

אז זאנוויל איז ארויס האט ער לייכטער אבגעעטהעמט און א טראכט געטהאן:

— א וואויל ווייבעל, אויף מיין ווארט!

באלד אבער איז ער ווי צומישט געווארען און אבגעזיפצט, ווי א שווערע משא וואלט זיך מיט א מאל ארויפגעלעגט אויף זיין הארץ.

— „סאבאר מא־רא־אזשני!" — האט זיך צוזונגען א הויכער קאצאפ אין א בלויע העמדעל, סאמע אונטער זאנוויל'ס נאז, טראגענדיג א באר־רעלקע אויפ'ן קאפ.

— וועלכער שווארץ יאהר האט געבראכט דעם קאצאפ אהער? — האט זאנוויל בייז ארויסגערעדט.

משה „קוניארש" האט זיך געשלעפט איבער דער גאס, געפראכט ווי א געפאשעטע גאנז.

— ווי דאס באקט זיך! ווי דאס שלעפט קוים דעם קאלדען! — האט זאנוויל צו זיך גערעדט — ווען איך כאפ דעם בחור אין א ווינקעל, וואלט איך איהם אנגענומען פאר די אויערען, צוגעזעצט מיין קניע צו זיין פעטען פוענץ און אביסעל איינגעפרעסט, דינער געמאכט.

— אויף וואס פאר א וועלט ביזטו? — האט זיך שלומה צושריען, זעהענדיג ווי זיין זוהן האט זיך אבגעשטעלט אין מיטען דער גאס און גענומען רעדען צו זיך אליין.

זאנוויל האט זיך ארומגעקוקט, דערזעהן דעם פאטער און זיך צו־שמייכעלט:

— א כאליערא! די חברה האבען מיך געכאפט, נו, האט מען אביסעל אויסגעטרונקען!

— שפּאָרט מען זיך צו! מען וועט דאָך מיינען אַז דו ביזט משוגע געוואָרען!

— זאַנוויל איז אַריין אין שטוב, אָנגעזאָגט מען זאָל איהם אָרום אַכט אַ זייגער אויפוועקען, אַרויסגענומען אַ קישען מיט אַ קאָלדרע, מיט־גענומען מאַרוועץ און זיך אויסגעצויגען אונטער'ן עפּעל־בוים. ער איז גיך איינגעשלאָפען. דער הונד האָט זיך אויסגעצויגען צוקאָפּענס, אַרויסגע־שטעקט די צונג און געדרעמעלט.

## 10.

דער טאָג ווען רחל פלעגט זיך דארפען זעהן מיט זאַנוויל׳ען האָט ביי איהר אויסגעקוקט ווי אַ יאָהר. זי האָט זיך תמיד אויפגעכאַפּט מיט דעם געדאנק, אַז היינט זעהט זי זיך מיט איהם. איהרע אַלע בעוועגונגען זיינען יענעם טאָג אויסגעקומען געשיקטער, יעדע זאַך האָט זיך געטהאָן אין היילעניש, גלייך ווי זי וואָלט געוואָלט דעם טאָג וואָס גיכער דורכ־שטופּען. אין פעלד איז רחל ארומגעלאָפען ווי אַ צוטראָגענע, געהאַלטען אין איין היילען זיך, יאָגען די שקצות. זי האָט זיך עטליכע מאָל פערקליבען אין דער בורע, זיך צוגעשפּאַרט, באַלד זיך איבערגעוואָרפען, צוריק ארויס, און מיט אַ שטונדע פריהער האָט זי יענעם טאָג אַהיימגעלאָזט די שקצות.

אַהיימקומענדיג פלעגט רחל אַראָבנעהמען די מעשענע מעדניצע און זי אָנגיסען מיט קאַלט וואַסער. ארויסנעמען אַ שמעקעדיג שטיקעל זייף און זיך איינוואַשען. מיט אַ ווילד הנאה פלעגט זי זיך איינהערען, ווי די מידלינעס האָבען געקנאַקט, זיך געשפּאַרט דורך די צועפּענטע פינגער. ווי די ווייסע מידלינעס צולויפען זיך און מחנות רעגענבויגען בלעזלעך בעווייזען זיך דאָ און דאָרט. זי האָט בעטראַכט אין שפּיגעל איהר מילך־ווייס לייב, ווי פריש דאָס איז און עס גענומען איינרייבען מיט קאַלט וואַסער און זייף. דאָס לייב איז פון דעם קאַלטען וואַסער פרישער, שטייפער געוואָרען און פון יעדען קאַלטען ריב האָט זי געפיהלט ווי דאָס לייב ציהט זיך אָן, פּונקט ווי אַ סטרונע.

---

פאַרנאַכט. רחל האָט זיך אָנגעטהאָן אַ לייכט ציצען קליידעל, אַ ציצענע בלוזקע מיט אויגעלעך און מיט אַן אריבערגעלעגטען קאָלנער, ארומ־געשנירעלט ארום האַלז אַ רויט בייטשעל קרעלען, געשטאַנען אַ ווײַלע אין שפּיגעל, זיך שטיל צוזונגען און ארויס.

זי איז גיך אַוועק אין פעלד אַריין.

געהענדיג האָט רחל געריסען ווייס בלויליכען „כאַבער" און געפלאָכ־טען אַ קראַנץ. זי איז זיך עטליכע מאָל דורכגעגאַנגען ביז צום וועלדעל, געטראַכט וואָס צו רעדען מיט זאַנוויל'ען, ווי ער איז דורך די גרענעץ. זאַנוועל האָט שוין געדאַרפט זיין. רחל האָט אָנגעהויבען ווערען אונגע־דולדיג. זי האָט געוואוסט דעם וועג דורך וועלכען ער קומט אָן, איז איהם אַנטקעגען געגאַנגען מיט דעם קראַנץ כאַבער אויפ'ן קאָפּ, די אויגען ברייט צועפּענט און געקוקט, געזוכט אין אַלע זייטען. עס האָט זיך בעוויזען אַ שאָטען און באַלד איז אַרויסגעשוואומען אַ הויכע פיגור.

— זאַנוויל! זאַנוויל! — האָט זיך רחל געפרעהט און גענומען שפּאַ־נען אַנטקעגען.

די פיגור איז נאָך געגאַנגען עטליכע טריט, זיך אַריינגעדרעהט אין אַ זייטיג געסעל און איז פערשוואונדען.

עס איז דורך אַ שטונדע, רחל איז געוואָרען נערוועזער און אַלס אין איהר האָט גענומען קאָכען. זי איז אַריין אין דער בודע און זיך צוּאַוויינט.

— ער וועט שוין קיינמאָל נישט קומען, קיינמאָל — האָט רחל מיט זיך גערעדט. — און אויב ער וועט קומען וועל איך איהם הייסען געהן, יאָ! וואָס ווייס אַ פערד־גנב פון ליעבע? איך ליעג יעצט דאָ, דאָס האַרץ ווערט מיר צוריסען אויף שטיקער, וואַרט אויף איהם, און ער קריכט געוויס יעצט אין אַ שטאָל אַריין און נעהמט אַרויס אַ פּאָר פערד. בררר.... גוט אויף מיר! גוט אַזוי!

— און טאָמער האָט מען איהם נעכטען געשאָסען? — איז איהר דורך אַ געדאַנק — ער איז דאָך אַוועק מיט אַ פּאַרטיע פערד איבער דער גרענעץ, און ביי דער גרענעץ שטעהען דאָך אַזוי פיעל זעלנער מיט אָנגע־לאָדענע ביקסען! יאַ, מען האָט איהם געוויס דערשאָסען, אַנדערש וואָלט ער געקומען!

רחל האָט זיך אַנידערגעוואָרפען מיט דעם פּנים צום גראָז און האָט זיך צוכליפּעט.

פאַר איהר האָבען זיך געהויבען געדיכטע וואָלקענס שטויב. פון די וואָלקענס איז זאַנוויל אַרויסגעשוואומען אויף אַ שוואַרץ פערד, די פּאַר־

טיע נאָך. עס זיינען אָנגעקומען זעלנער. עס האָט זיך געהערט אַ שיסעריי. זאַנוויל איז אַראָב פון פערד, געבליבען ליגען אין אַ טייך בלוט. די פערד זיינען דורכגעשפרונגען, איהם צוטראָטען און אין דער לופט האָט גע־קלונגען:

— רחל, רחל! מיין רח׳־טשע! — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — ,

## 11.

זאַנוויל האָט אין שלאָף געוואוסט אַז ער פערשפּעטיגט, געוואָלט זיך עטליכע מאָל אויפכאַפּען, נור ער האָט נישט געקאָנט. צום סוף איז ער אויפגעשפּרונגען מיט אַ געשריי, ווי אַן אָבגעבריהטער, און זיך אַרומגע־קוקט. עס איז שוין געווען גוט פינסטער, נור דער דונקעל־בלויער הימעל מיט די מחנות שטערען האָבען איבערגעוואָלד דורכגעריסען דאָס פינס־טערניש און בעלויכטען אַלס אַרום.

זאַנוויל האָט אַ קוק געטהאָן אויף דעם זייגער:

— אַ כאָליערא, אַנדערהאַלבען שטונדען פערשפּעטיגט! דאַכט זיך, אַנגעזאָגט דעם „אַלטען" ער זאָל אויפוועקען... און ווער וויים צו כ'וועל זי יעצט טרעפען? זי וועט זיך געווים טראַכטען: געה האָב צו טהאָן מיט אַ גנב!

זאַנוויל האָט גענומען קריצען מיט די צייהן, אַראָבגעוואָרפען פון זיך דאָס רעקעל און האָט האַסטיג גענומען שפּרייזען צו דעם ברונען וואָס איז געשטאַנען אין עק הויף. ער האָט אָנגעשעפּט מיט דעם „זשוראַוו" אַן עמער וואַסער, זיך אָנגעטרונקען, איינגעוואַשען און גענומען שפּאַנען מיט אַלע כחות אין פעלד אַריין.

דעם גאַנצען וועג איז זאַנוויל כמעט געלאָפען, גאָר נישט געטראַכט, ער האָט נור געשפּירט ווי דאָס האַרץ קלאַפּט איהם. ווען ער איז צוגעקו־מען צו דעם אָרט וואו זיי האָבען זיך געדאַרפט טרעפען און האָט קיינעם נישט געזעהן, האָט זאַנוויל מיט אַמאָל דערשפּירט ווי עפּעס רייסט זיך ביי איהם אָב און ער האָט זיך אָבגעשטעלט. ער האָט בעטראַכט דאָס פעלד אַרום און אַרום. איהם האָט זיך אויסגעדאַכט אַז אָט דאָרט נעבען בערגעל זיצט אימעצער. אַ פערציטערטער איז ער צוגעגאַנגען — אַ פּיען איז געלעגען. מיט פאַרקוועטשטע פויסטען האָט זיך זאַנוויל אוועקגעזעצט אויף

דעם פיען און גענומען טראַכטען. ער האָט אָבער מעהר ווי עטליכע קללות אויף דעם „אַלטען" נישט געקאָנט צוטראַכטען. ער האָט אויפגעהויבען אַ דיקע צווייג און זי גענומען ברעכען אין שפּענער. און פּלוצלינג האָט ער בעמערקט מאַרוועָן.

— פון וואַנען נעמט זי זיך דאַ? דאַכט זיך דעם גאַנצען וועג האָב איך זי נישט געזעהן. און וועָר דאַרף זי דאַ?

— זאַנוויל האָט אָנגעכאַפּט מאַרוועָן פאַר די אוירען, זי גענומען טרייסלען, שטויסען מיט׳ן פוס.

מאַרוואַ האָט זיך צוגעזעצט, איינגעקאָרטשעט, געקוקט אַ פערוואונדערטער אויף דעם בעל־הבית, און זיינע מאַנדעל אויגען האָבען גע׳טענה׳ט: פאַר וואָס? זאַנוויל האָט פערשטאַנען דעם הונד׳ס שאלה און מיט רחמנות איהם גענומען האַלזען, זיך מיט איהם אויסגעצויגען ווי גרויס ער איז אויף דעם גראָז. אַזוי איז ער געלעגען עטליכע מינוט. באַלד האָט ער זיך דערמאָנט אָהן רחל׳ען און דאָס הארץ האָט איהם ווידער פערקלעמט. ער האָט זיך באַמעלעך אויפגעהויבען און זיך געשלעפּט איבער דעם פעלד. פערביינעהענדיג די בודע האָט זאַנוויל אַריינגעקוקט און האָט אַ צאַפּעל געטהאָן: עמיצער איז געלעגען אויסגעצויגען אויף דעם גראָז.

— רחל!

רחל האָט זיך אַ האַסטיגען דרעה געטהאָן, דערזעהן זאַנוויל׳ען און האָט זיך צוהוּק געלעגט ווי פריהער.

זאַנוויל איז עטוואָס צומישט געוואָרען, זיך אַראָבגעלאָזט אויף די קניען, און זי גענומען וועקען.

— רחל, ביזט ברוגז? זייַ נישט ברוגז, אַז אויף מיין וואָרט, כ׳בין נישט שולדיג, כ׳האָב אָנגעזאָגט מען זאָל מיך אויפוועקען מיט אַ שעה פריהער, נו, האָט מען מיך אין גאַנצען נישט אויפגעוועקט! גלויבסט נישט? כ׳בעט דיך, רחל! ניטע!

רחל האָט זיך אויסגעדרעהט, געקוקט אויף איהם האַלב ברוגז:

— און פאַר וואָס האָב איך נישט פאַרשפּעטיגט, געקומען נאָך מיט אַ שטיק צייט פריהער?

זאנוויל האט נישט געוואוסט וואס צו ענטפערען, אראבגעלאזט די אויגען, ווי א אינגעל וואס מען כאפט ביי א ליגען.

— אבער איך וויים פאר וואס — האט רחל דרייסטער געזאגט, — דאס איז דערפאר ווייל דו קלעהרסט גאר נישט וועגען מיר! האסט תמיד אין זינען דיינע פערד און ווער ווייס וואס? זעהסט, פון דער פריה אן ביז יעצט קלעהר איך אלס פון דיר, כ'ווארט אלץ אז די נאכט זאל קומען — — און יעצט אז דו ביזט נישט געקומען, וואס איך האב אלס נישט איבער־געטראכט, גאט מיינער! מיר האט זיך געדאכט אז מען האט דיך גע'־הרג'עט. כ'וויים וואס? — — — —

זאנוויל האט געפיהלט ווי עס ווערט איהם לייכטער אויף דעם הארץ. עס האט זיך איהם געוואלט אלץ איהר זאגען, דערצעהלען וועגען מאנקען, וועגען ביילען... באלד האט ער זיך אבער געטראפען מיט רחל'ס שווארצע אויגען, איז צוטומעלט געווארען און די צונג האט זיך איהם צוגעשמידט צו דעם גומען.

רחל האט בעמערקט אז זאנוויל איז אין א פערלעגנהייט, האט זי זיך צוגערוקט צו איהם, און ווי א מאמע האט זי איהם געגראזשעט מיט א פינגער:

— הייסט עס, זאגסטו מיר צו, אז....

— אויף מיין ווארט — האט זי זאנוויל איבערגעשלאגען — כ'בין נישט שולדיג! אז זיי האבען מיך נישט אויפגעוועקט — — — גלויב מיר, רחל, כ'וועל שוין פערזאגען א צעהנטען זיך נישט צו לעגען שלאפען!

— כא, כא, כא! — האט זיך רחל צולאכט, זיך ארויפגעזעצט זאנוויל'ען אויף דער שוים און איהם אנגענומען פאר דער גאמבע: — כ'האב געמיינט, דו וועסט שוין נישט קומען, כ'וועל שוין קיינמאל נישט זיצען מיט דיר, אט אזוי! נו, דערצעהל מיר עפעס! ווי אזוי האסטו דורכגעפיהרט די פערד? דו ווייסט גאר נישט, ווי שעהן דו ביזט געוועזען זיצענדיג אויפ'ן שווארצען אגער. ס'האט דיר נור געפעהלט א ווייסער פלאשיץ! האסט מיך עפעס ליעב, זאנוויל? זאג! — — — —

זאנוויל איז געלעגען ווי פער'שכור'ט פון פרייד. ער האט איהר דער־צעהלט ווי אזוי ער איז דורך די גרענעץ. זי איז געלעגען אויף זיין שוים

ווי אַ קליין קעצעלע, זיך איינגעטוליעט אין זיין ברייטער ברוסט און זיך צוגעהערט. זי האָט אַראָבגענומען דעם קראַנץ בלומען פון איהר קאָפּ, איהם אָנגעטהאָן זאַנוויל'ען און זיך נאָך שטאַרקער געטוליעט.

פאַר איהרע אויגען האָט זיך געוועבט אַ גרויסער געדיכטער וואַלד. זי איז געזעסען אונטער אַן אַלטען דעמב, די האָר צושאָטען און געפלאָכ־טען אַ קראַנץ. עס האָט זיך בעוויזען אַ פערבלאָנדזשעטער וואַלד־פּרינץ אויף אַ שווארץ פערד. ער האָט זיך דריי מאָל פאַר איהר געבויגען און געבעטען דעם קראַנץ. זי האָט דעם פּרינץ אָנגעטהאָן דעם קראַנץ אויף זיינע בלאָנדע לאָקען. דער פּרינץ האָט זי איינגעוויקעלט אין זיין ווייסען פּלאַשץ און דאָס פערד האָט זיך געטראָגען וואַלד איין, וואַלד אויס — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

שפּעט אין דער נאַכט האָט זיך רחל אויפגעהויבען, זיך אויסגעגלייכט און אַ פער'שכור'טע ארויס פון דער בודע. עס האָט זיך באַלד דערהערט אַ קוויטש. רחל איז געשטאַנען אַן איבערגעשראָקענע, מיט ווייט צועפּענטע הענד. אַנטקעגען איהר איז געשטאַנען מאַרווע, עטוואָס אויסגעצויגען, מיט אויפגעשטעלטע אוירען און געבורטשעט.

— „אַ טי פּשאַ קרעוו!" — האָט זאַנוויל אַ געשריי געטהאָן און גענומען רייסען דעם הונד פאַר די אוירען. — האָסט זיך איבערגע־שראָקען? דאָס איז דאָך מיין הונד!

רחל האָט בעטראַכט דעם שווארצען קודלאַטען הונד און ער איז איהר געפעלען געוואָרען.

זיי זיינען געגאַנגען האַנד אין האַנד איבער'ן גראָז און געשוויגען.

— רחל, דו ווייסט, מיין שוועסטער האָט אין קורצען חתונה?

— אזוי? און טאַקע מיט דעם בעל־עגלה? ווי הייסט ער?

— יאָ. מיט בערקען!

— זאַנוויל, וואָלסט געוואָלט כ'זאָל זיין אויף דער חתונה? — האָט רחל געזאָגט, זיך אָבגעשטעלט און איהם געקוקט גלייך אין די אויגען.

— צו איך וואָלט געוואָלט... אָבער, כ'וויים?... וואָס וועלען מענשען זאָגען?

— אז מיך אַרט נישט, וואָס אַרט עס דיך, נאַרעלע! טאָ הער,

זאנוויל, פאַר דער חתונה, לאָז דיין שוועסטער קומען און בעטען מיך מיט דער אַלטער דיענסט. די אַלטע וועט שוין פּועל'ן ביים טאַטען כ'זאָל נעהן. הערסט, וועל איך מיר מאכען א באַלאָווע קלייד! איינס אין פוילען! דו וועסט זעהן ווי דיין רחל וועט אויסזעהן אין א ווייס זיידען קלייד ביז צום טריט. און אין קאָפּ וועל איך מיר אריינזעצען א ווייסע רויז, וועל איך זיין שעהן! נור געדענק — האָט רחל ערנסטער געזאָגט און צוגעשטעלט א פינגער צו דער נאָז — אויף דער חתונה מאַך זיך, אז דו קענסט מיך נישט! פאַר וואָס שווייגסטו? נעה, איך האָב דיך פיינד!

זאנוויל האָט זי געכאַפּט אין זיינע אָרעמס און בעדעקט איהר פּנים מיט קושען.

## 12.

שוין עטליכע טעג ווי ביי שלמה'ן האָט די טהיר נישט גערוהט. מען האָט געהאַלטען אין איין קומען און אוועקגעהן. שלמה איז אפילו דערפ׳ן נישט איבעריג צופריעדען געווען, דען ביים יעדען עפען פון דער טהיר, האָט ער אויך געמוזט עפענען דעם בייטעל, נור ער האָט זיך נישט שטאַרק גענומען צום האַרצען. אַ קלייניגקייט, חתונה מאַכען דאָס ערשטע קינד! און ווען מאַכט זיך נאָך אַזאַ שמחה?

שלמה איז אַריינגעקראָכען אין זיין שבת'דיגער קאַפּאָטע, געזעסען גאַנצע טעג אין שטוב און געזעהען אַז אַלץ זאָל זיין בהרחבה.

אין מיטען שטוב איז געשטאַנען חנה אין אַ ווייסע האַלקע מיט אַ לויזע בלוזקע און האָט אַריינגעלעגט אין אַ גרויסען שטרויענעם קאָש איהר אויסשטייער. זי האָט צעוואָרפען אַ העמד מיט אַן אויסגעהאַפּ־טענעם קאַרטישק, זיך פערטראַכט, עס צונויפגעלעגט, געפּאַקט ווייטער און אַ גליקליכע געשלונגען דעם ריח פון פריש געבעקס.

תרצה מיט שרה'ן זיינען געשטאַנען אין קיך אָהן בלוזקעס און גע־צעהלט דאָס געבעקס וואָס דער בעקער האָט נור וואָס געבראַכט.

פון מאָל צו מאָל איז תרצה אַריין צו שלמה'ן, פערוואָרפען איהר פאַר־טוך אויף דער נאַקעטער ברוסט:

— שלמה?

— וואָס איז?

— און וואָס הערט זיך מכח פיש?

— דאגה נישט, תרצה! מיר וועלען האָבען איינמאָל פיש! לעבע־דיגע, צאַפּעלדיגע! פינף שקצים זיינען נור וואָס אַרוים צו דער „זשאָל־דעווקע".

תרצה האָט אַ שטופּ געטהאָן שלמה'ן מיט'ן עלעבויגען און איהם

נעצייגט אויף חנה'ן, וואָס איז געשטאַנען אַ צופּלאָמטע און בעטראַכט איהר בלוי־זיידען חופּה קלייד.

— ווי לאַנג איז ווי איך בין אַזוי געשטאַנען? — האָט תּרצה אָפּגעזיפצט — שלמה, נו, אויף אַ טשיקאַוועס, געדענקסט פאַרע חופּה־קלייד איך האָב געטראָגען?

— פרעג מיך עפּעס בעסערס! — האָט שלמה געענטפערט מיט אַ שמייכעל.

די טהיר האָט זיך געעפענט און ישראל לעהרער, אַ דאַר מענשיל אין ברילען, האַלב־קורץ געקליידט איז אריין. מיט איין האַנד האָט ער פערריכט זיין גומענעם קאָלנער, וועלכער האָט זיך איהם ארויסגערוקט און מיט דער צווייטער האָט ער אראָפּגענומען דאָס היטעל און זיך אָפּגעווישט דעם שוויים פון שטערען.

— ברוך הבא, אַ איד! — האָט שלמה געזאָגט, איהם אויסגעשטרעקט אַ האַנד און מיט דער צווייטער האָט ער איהם ארויסגערוקט אַ שטוהל.

— ברוך נמצא! — האָט דער לעהרער געענטפערט מיט אַ שמייכעל

— הייסט עס, אַז חנה, מיין תּלמידה, האָט שוין חתונה! די וועלט רוקט זיך!

חנה האָט געשטעלט בראָנפען מיט לעקיך.

ישראל האָט געטרונקען לחיים צו שלמה'ן, „צום וואָהלזיין" צו חנה'ן און זיין דאַרע נאָז האָט זיך פעררויטעלט. ער האָט ארויסגענומען פון בוזעם אַ פעדער מיט טינט און חנה האָט איהם דיקטירט די נעמען צו וועמען מען האָט געדאַרפט שיקען חתונה קאַרטען.

שלמה האָט געקוקט ווי ישראל'ס האַנד פליהט איבער די קאָנווערטען, ווי זי דרעהט זיך, צוקט און מאַכט אַזעלכע שעהנע בוכשטאַבען. עס האָט איהם געוואונדערט פאַר וואָס אַזאַ געלערנטער ווי ישראל זאָל זיך אַזוי מאַטערען, געהן לערנען קינדער פון שטוב צו שטוב פאַר אַ רובעל אַ חדש.

און אַז ישראל איז אַביסעל מיעד געוואָרען, האָט ער גענומען אַ שטיקעל פּאַפּיער, אָפּגעווישט די פעדער, געמאַכט נאָך אַ שנעפּסעל און

גענומען דערצעהלען שלמה'ן וועלט־זאַכען. ער איז קלאָר געווען אין אַלע קסרים, געוואוסט געגוי ווי איינער איז שטאַרק און אַז ער פלעגט רעדען וועגען אַ מלחמה — איז דורך אַ גרויל דורכ'ן לייב.

שלמה האָט פערריסען דעם קאָפּ, זיך צוגעהערט מיט אָן אָפּען מויל און תמיד פערפיהרט אַ שמועס וועגען דער טערקישער מלחמה. ער האָט געוואוסט אויף אַ פריהער וואס ישראל וועט איהם דערצעהלען, נאָר גאָר נישט, ער האָט ליעב געהאַט צו הערען ווי ישראל רעדט.

חנה איז געזעסען די גאַנצע צייט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגען. ישראל איז אַמאָל געווען איהר לעהרער, פלעגט ער זי אַרומנעהמען און קושען. און איינמאָל ווען ער האָט זי געהאַלטען אויף זיין שויס איז אָנגעקומען ישראל'ס ווייב מיט אַ קינד אויף דער האַנד — פונדעמאָלט אָן האָט זי אויפגעהערט לערנען ביי איהם און טאַקע מעהר ווי דאַוונען האָט זי זיך נישט אויסגעלערענט.

דער שמש מיט עטליכע „בעטערקעם“ זיינען אַריינגעקומען נאָך די חתונה־קאַרטען.

אַז שלמה איז מיט זיי אַרויס פון שטוב, איז ישראל געוואָרען לע־בעדיגער. ער האָט אַ פּאָר מאָל אַ שטיעף געטהאָן מיט חנה'ן און איהר געשמעלט אַזעלכע פראַגען, אַז ס'איז איהר פון חרפה פינסטער געוואָרען אין די אויגען.

ישראל האָט געענדיגט זיין אַרבייט, צוגענומען אַ פּאַפּירענעם רו־בעל און געמאַכט אַ שנאַפּס. חנה האָט איהם איינגעפּאַקט אַ טיט מיט לעקיך פאַר די קינדער און איהם געבעטען אויף דער חתונה.

— געווים, געווים, ווי דען! האָט ער געשמייכעלט און איז אַריין אין קיך מיט אַ וויץ. תרצה מיט שרה'ן האָבען זיך געבוינען פון גע־לעכטער.

אין דרויסען איז געשטאַנען זאַנוועל מיט עטליכע יונגען און גע־שטעלט אַ סאָפּע פון ברעטער וואו דער עולם וועט עסען. די סאָפּע האָט זיך געצויגען איבער דעם גאַנצען הויף.

## 13

די כלה איז געזעסן ווי אַן אויסגעגאָסענע אויף אַן אויסגעבעטעטן פאָטעל אין איהר בלוי־זיידען חופה־קלייד, בעפּוצט פון פאָרענט מיט שוטאַש בלומלעך. אויפ'ן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ גירלאַנדע פון מירטען בלעטער. פון אונטער דער גערלאַנדע האָט זיך געשפּרייט אַ ווייסער, ברייטער טול און איז לייכט אַראָבגעפאַלען איבער איהרע פּלייצעס, ביז איבער דער טאַליע.

איבער'ן זאַל האָט זיך צוגאָסען אַ וואַלס.

מיידלעך האָבען זיך גענומען פּאָרען, זיך לייכט געטראָגען אין זייערע קאָלירטע, רוישענדע קליידער, געוואונקען מיט אַלע גליעדער, האַרציג געלאַכט.

און חברה יונגען האָבען אַרויסגעקוקט אויף די מיידלעך פון כלי־זמרים־שטיבעל און האָבען הנאה געהאַט.

מענדעל „פּאַדריאַטשיק'ס" טעכטעריל, אין וועמעס הויז די כלה איז איינגעשטאַנען, האָט פערבעטען איהרע חבר'טאַרינס פון דער פּענסיע, פערקליבען זיך מיט זיי אויפ'ן באַלקאָן און הנאה געהאַט ווי „פּראָם־טאַקעס" פיהרען זיך אויף אַ חתונה.

דער זאַל איז געוואָרען אַלץ ענגער און ענגער. עס זיינען צוגעקומען איינגערע און עלטערע פּרויען.

תרצה מיט צוויי מחותנת'טעס זיינען אַרומגעגאַנגען איבער'ן זאַל מיט קלאָשען צוקער־ווערק און מכבד געווען דעם עולם.

אויף דער שוועל האָט זיך בעוויזען ביילע, גראַדול'ס ווייב. זי האָט געטראָגען אַ גרין זיידען קלייד פון דער זייט צו קנעפּלען און געשאַמרירט מיט צוויי שורות „פאַרגעס מיך נישט". דאָס קלייד איז כמעט געוועזען אָהן אַרבעל, איבערגעצויגען מיט אַ שוואַרץ זיידענעם טול. איהרע רונדע

אַקסעל מיט דעם האַלז זיינען געווען איבערגעהילט מיט אַ געשטריקטען הימעל־קאָלירטען שאַל, וועלכער האָט זיך געדרוקט און געבויגען ווי אַ שלאַנג. אויף די הענד האָט זי געטראָגען לאַנגע ווייס־זיידענע האַנטשען. די שוואַרצע האָר געקעמט סעצעסיע און פוןביידע זייטען קאָפּ זיינען די דיקע צעפּ פערלעגט געווען אין קאָקסען. ביילע איז אריין מיט אַ געראַ־דער. זי איז ראַשיג דורך דעם זאַל, אַרויסרופענדיג מיט איהרע געטאַקטע פּיסלעך אַ פערבאָרגענעם רייץ. זי האָט זיך פונאַנדערגעקושט מיט דער כלה און ווי נישט בעמערקענדיג קיינעמס בליקען אויף זיך, האָט זי זיך גענומען שפּיעלען מיט דעם דינעם גאָלדענעם קייטעל, אויף וועלכען אַ פּלאַ־קאַנטשיקעל פּערפיומען איז געהאַנגען.

— אודאי אַ וואַרשעווערין! — האָבען זיך די ווייבער איבערגע־וואָרפען וועגען איהר.

ביילע האָט בעמערקט זאַנוויל'ען, האָט זי אַ שמייכעל געטהאָן און איהם צוגערופען מיט אַ פינגער. זאַנוויל האָט נישט געוואוסט וואָס צו טהאָן: יאָ אריינגעהן? נישט אריינגעהן? נור ער האָט לאַנג נישט גע־דאַרפט טראַכטען: דאָס קליינע שוואַרץ־חנ'עוודיגע ווייבעל האָט זיך געטראָגען צו איהם מיט אַ געריוש.

— מזל טוב, זאַנוויל! — האָט ביילע געזאָגט און איהם דערלאַנגט איהר קליין הענטעל מיט דער ווייסער הענטשקע.

זאַנוויל איז רויט געוואָרען, געהאַלטען איהר האַנד און געדאַנקט.

— פאַר וואָס זעהט מען אייך נישט, זאַנוויל? ווי כ'זעה, זיינט איהר אַ שטאַרקער וואָרטסמאַן! איהר האָט דאָך, דאַכט זיך מיר, צוגעזאָגט אריינקומען? זעהט מען אייך נאָך!

זאַנוויל האָט עפּעס גענומען שטאַמלען, זיך נישט געקאָנט אַרויסדרע־העז און זיך נאָך שטאַרקער פערררויטעלט. ביילע האָט אויף איהם געקוקט און אַפּנים הנאה געהאַט, ווי אַזאַ געזונטער בחור רויטעלט זיך ווי אַ יונג מיידעל.

— דאָס מאָל בין איך אייך מוחל, נור פון היינט אָן זאָלט איהר מיר זיין אַ גוט אינגעל, איהר הערט? — האָט ביילע געזאָגט, זיך שעלמיש

איינגעבויגען און איהם אַ שטופּ געטהאָן מיט איהר קניע. זאַנוויל האָט דערפיהלט אַ כוואַליע בלוט אין פּנים.

— און יעצט, זאַנוויל, וואַרפט אַריין אין קאָן און מיר וועלען טאַנצען!

— אָבער, די ווייבער... וועלען דאָך... — האָט זאַנוויל אָנגעהויבען שטאַמלען.

— ווייס איך וואָס? כ׳וועל זאָגען, אַז איך בין אייערס אַ מוהמע. גוט? — האָט זיך ביילע צולאַכט און אַ בליץ געטהאָן מיט איהרע קוילען־אויגען.

זאַנוויל האָט איינגעוואָרפען די כלי־זמר אויף אַ טאַנץ, אַרומגענומען ביילען און זיך אַריינגעטראָגען צווישען די פּאָרלעך. עלטערע ווייבער האָבען אַ ביסעל קרום געקוקט, נאָר עס איז דאָך אַ חתונה! אַלע האָבען געקוקט ווי ביילע שוועבט, טראָגט זיך לייכט ווי אַ יונגער פויגעל, ריהרט קוים אָן די פּאָדלאָגע. זאַנוויל האָט זי לייכט געהאַלטען, עטוואָס זיך איינגעבויגען און איז פער׳שכור׳ט געוואָרען פון איהר שמעקעדיגען בוזים. ער האָט אָן אַלץ פערגעסען. ער האָט נאָר געפיהלט ווי ער טראָגט זיך עפּעס אין אַ כשוף־טאַנץ, און די פערפומען האָבען אַלץ מעהר און מעהר איהם געקלאַפּט אין פּנים, בערוישט, און דאָס זיידענע קלייד האָט גערעדט, זיך געבוינען און געשיפּעט ווי אַ מחנה שלאַנגען. ביילע האָט אַ געשריי געטהאָן צו די כלי־זמרים: פּאַדעספּאַן!

קיינער האָט נישט געטאַנצט. ביילע איז געשטאַנען אין איין עק, זאַנוויל אין צווייטען. ביילע האָט אויפגעהויבען מיט דער רעכטער האַנד איהר שלעפּ און די ליאַקירקעס מיט די שוואַרצע דורכזיכטיגע זאָקען האָבען זיך געהויבען פון אָרט. זי האָט גענומען שטיל מיט־זינגען, זיך פערמאָסטען צום טאַנץ, און דער הימעל־בלויער שאַל האָט זיך גערוקט איבער דעם האַלז, געבלענדט די אויגען. זי האָט אַ הויב געטהאָן אַ פוס, לייכט אַפּערגעוואָרפען די קורצע ווייסע האַלקע, גראַנדיעז אַ בויג געטהאָן דעם עלאַסטישען קערפּער, פערשייט אויפגעצויגען די אַקסלען און זיך גע־טראָגען אַנטקעגען זאַנווילען, זיך געטראָגען אַנטקעגען איהם מיט בליצען אין די שוואַרצע אויגען... אָט האָבען זיי זיך אַרומגענומען. זאַנוויל

האט געפיהלט, ווי זי דריקט זיך אלץ מעהר צו איהם און זי פרעגט איהם: פארוואס זייט איהר נישט געקומען?...

ווען זיי האבען זיך אפגעשטעלט, האט זאנוויל גענומען אפווישען זיין נאסען שטערען און זיך גלייך געוואלט אריינשארען צו די כלי־זמרים, נאר באלד האט ער בעמערקט ווי רחל קוקט איהם אן.

רחל האט געזעהן ווי זאנוויל האט געטאנצט מיט דער שעהנער ווייבעל און דאס הארץ האט איהר פערקלעמט. זי האט זיי די גאנצע צייט נאכגעקוקט און איהר האט זיך געדאכט, אז זאנוויל איז פערליעבט אין דעם ווייבעל. רחל האט בעמערקט, אז דורך דעם גאנצען טאנץ האט ער נישט אראפגעלאזט די אויגען פון איהר, געהאלטען זיינע ליפען אזוי נאהענט צו איהרע שווארצע האר, ווי ער וואלט זי געוואלט קושען. און זי איז דאך אזא שעהנע! און ווי שעהן זי טאנצט! רחל איז געווארען מיט א מאל אומעדיג. עס האט איהר באנג געטהאן צו וואס זי איז געקומען און האט גענומען זוכען א געלעגענהייט צו פערלאזען דעם זאל.

רחל האט זיך געטראפען מיט זאנוויל'ס בליק און עס איז איהר אויף א ווײלע לייכטער געווארען. באלד אבער האט זי אראפגעלאזט די אויגען און איז נאך טרויעריגער געווארען.

זאנוויל איז ארײן אין צווייטען צימער, האט זיך אוועקגעזעצט אויף א שטוהל, אפערגעווארפען זיינע פיס און אראפגעלאזט דעם קאפ. איהם האט זיך געוואלט צוגעהן צו רחל'ען, זאגען איהר, אז ער איז נישט שולדיג, אז ער וואלט אויף דעם טאנץ־זאל אין גאנצען נישט געקומען; ער איז געקומען זעהן ווי זי וועט אויסקוקען אין איהר ווייס באלאווע קלייד...

— וואס איז מיט אייך, זאנוויל? נעהמט, פערזוכט!

זאנוויל האט א צאפעל געטהאן. נעבען איהם איז געשטאנען ביילע מיט א קליאש צוקערווערק אין דער האנד. זי האט געלאכט און איהם געשטופט מיט איהר ליאקירענעם שיבעל.

ער האט גענומען א שאקאלאדקע.

ביילע האט זיך געזעצט נעבען איהם, ארויפגעלעגט איהר האנד אויף זיין שוים און גענומען איהם עפעס דערצעהלען.

וויז־א־וויז איז געשטאנען רחל א בלאסע, אין איהר ווייס זיידען

קלייד ביז צום טרייט, די צוויי לאַנגע צעפּ אַראָפּגעלאָזט און האָט געקוקט אויף דעם פּאָאָרעל.

זאַנוויל איז בלאַס געוואָרען ווי קרייד.

— וואָס איז מיט אייך? ס'איז אייך נישט גוט געוואָרען? — האָט ביילע איהם געפרעגט און האָט זיך אויסגעדרעהט. זי האָט בעמערקט רחל'ען.

רחל האָט זיך בענגענט מיט ביילעס בליק און געשפּירט ווי עס ווערט איהר קאַלט.

— דאָס לאַכט ער נאָך פון מיר, צייגט יענער דאָס מיידעל, וואָס ליעבט איהם! — האָט רחל אַ טראַכט געטהאָן און געפיהלט בשעת מעשה ווי דאָס האַרץ פּלאַצט איהר און אין די אויגען זיינען געשטאַנען טרעהרען. זי איז אַרויס אויפ'ן באַלקאָן, זיך אויסגעווישט די אויגען און געבעטען גאָט עס זאָל שוין זיין נאָך דער חופּה.

זאַנווילען האָט עס געהויבען פון אָרט. עס האָט זיך איהם געוואָלט בעליידיגען ביילע'ן; „וואָס האָט זי זיך אָנגעטשעפּעט אָן מיר?!"

— ווער איז יענע מיידעל? — האָט ביילע געפרעגט אויף רחל'ען.

— מיין שוועסטער'ס אַ בעקאַנטע, — האָט זאַנוויל געענטפערט און איז רויט געוואָרען.

— וואָס קוקט זי אונז אַזוי נאָך? זי איז אייפערזיכטיג?

זאַנוויל האָט נישט געענטפערט. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגען און גענומען בייסען די נעגעל.

ביילע איז אַריין אין טאַנץ־זאַל.

זאַנוויל איז געזעסען און געפיהלט ווי עס זשומעט איהם אין די אויערען. ער האָט זיך עטליכע מאָל אויפגעשטעלט, צוגעקנעפּעלט דעם ראָק, געוואָלט אַריינגעהן צו רחל'ען, נאָר די פיס האָבען זיך פון אָרט נישט גערירט.

רחל האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקעל, קיינער זאָל זי נישט בעמערקען, און האָט געוואַרט מיט אונגעדולד, מען זאָל וואָס גיכער געהן צו דער חופּה. זי האָט געשפּירט, אַז אויב עס וועט איהר נאָך לאַנג אויס־קומען צו פערבלייבען דאָ, וועט זי זיך צוואַויינען.

מיט א מאל האט זי דערזעהן ווי זעכצעהן מיידלעך טאנצען א „ליאנסער“. אכט זיינען געשטאנען אין איין זייט אלס „הערען“ און אכט אין דער אנדערער זייט אלס „דאמען“. די מיידלעך האבען גע־טאנצט איינע אנטקעגען די אנדערע, געהויבען די הענד, דורכגעשוואומען, געמאכט א ראד, געדרעהט און געבויגען גראציעז זייערע קערפערס, זיך פאנאנדערגעטהיילט און ווייטער געטאנצט.

רחל איז געזעסען און איהר האט זיך געדאכט, אז אלע קוקען אויף איהר, צייגען מיט די פינגער. זי האט גענומען אויסמיידען זייערע בלי־קען און, ווי אויף צו להכעיס, האט זי זיך יעדע ווײלע בעגעגענט מיט ביילע׳ס פערשייטע אויגען און געשפירט בשעת מעשה ווי עס גיט איהר א שטארקען בריה.

— וואס איז דער מעהר, רחל? וואס זיינט איהר אזוי אומעדיג? — האט זי שרה געפרעגט, אין גאנצען א פערפלאמטע פון טאנצען.

רחל האט געפיהלט, אז אט, אט פלאצט זי ארויס מיט א געוויין. זי האט געטהאן א טרייסעל מיט׳ן קאפ, א בים געטהאן זיך אין דער אונ־טערשטער ליפ און געענטפערט מיט א לייכטען געמאכטען שמייכעל:

— עפעס טהוט מיר דער קאפ וועה, נאר ס׳מאכט נישט! אויב איהר ווילט, שרה, ווארף איך איין אויף א טאנץ.

רחל איז פלינק אויפגעשפרונגען, איינגעווארפען און גענומען פלי־הען מיט שרה׳ן איבער דעם זאל. זי האט געפיהלט ווי דאס אויסגעפוצטע ווייבעל שטעהט און לאזט קיין אויג נישט אראפ פון איהר. אין מיטען טאנצען האט רחל זיך אן אלעם פערגעסען און געפרעגט שרה׳ן אויף ביילע׳ן:

— דאס איז זאנוויל׳ס א בעקאנטע, א ווארשעווערין!

מיט א מאל איז שטיל געווארען. באלד האבען די כלי־זמרים גע־נומען שפיעלען א פרעהליכס און פון אלע זייטען האט געטראגען:

— צו דער חופה! צו דער חופה! אין א מזל׳דיגער שעה, אין א מזל׳דיגער שעה!...

אז זאנוויל האט זיך אויפגעשטעלט איז שוין קיינער אין זאל נישט געוועזען. ער איז גיך אראפ אויף דער גאס, זיך גענומען דורכשטופען א

וועג דורך דעם עולם, וואָס האָט אָנגעפילט די גאַס פון מאַרק אָן ביז צו דעם שוהל־הויף.

מאַנקע איז איהם אַנטקעגען געקומען מיט עפּעס אַ געלען יונג.

— מזל טוב דיר, זאַנוויל! אַ שעהנער מענש ביזטו, — האָט מאַנקע צו איהם געזאָגט, — שעהמסט זיך גאָר מיט דיינע אַלטע בעקאַנטע! אַ שוועסטער האָט חתונה, שטעהט דיר נישט אָן מיך צו בעטען?!

נאַרישע מאַנקע, אַז איך וועל חתונה האָבען און דיך נישט בעטען, וועסטו האָבען אַ פּרעטענזיע! כ׳דאַנק גאָט, אַז מען האָט מיך געבעטען! — האָט זאַנוויל געענטפערט מיט אַ שמייכעל.

## .14

די סאָפּע פון ברעטער, וואָס זאַנוויל האָט אויפגעשטעלט, איז גע־וועזן בעלויכטען מיט די בליץ־לאָמפּען פון דעם בעל־עגלה׳שען מנין. צוויי טישען האָבען זיך געצויגען איבער דער גאַנצען סאָפּע: פאַר מענער און פאַר פרויען.

א חברה יונגען זיינען געשטאַנען און מיט דרך־ארץ אריינגעקוקט ווי שלמה „קראַדניק" פּראַוועט א חתונה.

זאַנוויל איז געזעסען צווישען דעם עולם און געגאָסען אין זיך ווי אין א פאַס אריין. ער האָט געפיהלט ווי אַלעם ביי איהם הויבט זיך, שפּאַרט זיך צום קאָפּ; נאָך א ווײַלע און דער מח וועט ארויסזעצען ווי א פּראָפּען פון א פערמאַכטע פלאַש.

— זאַנוויל, קומט מיר העלפען ארײַנגעהמען נאָך א קאַש בראַנפען; ס׳איז שוין מעהר נישטאָ! — איז צו צו איהם ביילע א פערפלאַמטע.

— א שעלמאָ! — האָט ביי זאַנווילען א בליץ געטהאָן אין מח, און ער איז מיט איהר ארויס.

אָבער אָנשטאָט צו געהן אין שטוב אריין, זיינען זיי אַוועק אונטער׳ן עפּעל־בוים.

— זאַנוויל, וואו איז דער בראָנפען? — האָט ביילע געפרעגט און איהם געקוקט פערשייט אין די אויגען.

— שווייגט! — האָט זאַנוויל געענטפערט און זי פעסט ארומ־גענומען.

— זאַנוויל, ניטע! גענוג... מיין מאַן געהט!

זאַנוויל האָט זי גלייך אָפּגעלאָזט, זיך ארומגעקוקט און א בריל געטהאָן:

— מאַרש, צום מאַן!

ביילע איז אוועק אַ בעליידיגט און זאַנוויל האָט זיך אויסגעצויגענע אונטער'ן בוים.

ער האָט געפּיהלט פּאַסקודנע אין מויל. דאָס בלוט האָט אין איהם געקאָכט, געשלאָגען צום מוח, וועלכער האָט זיך אַלץ העכער און העכער געהויבען. ער האָט געפּיהלט אַ שרעקליכען עקעל צו ביילען. עטליכע מאָל איז ארויפגעשוואומען רחל, נאָר איהר געשטאַלט האָט זיך לאַנג ניט געוואָלט האַלטען... ער וואָלט זיך אפשר נאָר געלעגט שלאָפען. נאָר ווי אויף צו להכעיס איז איהם רחל ווידער געקומען פאַר די אויגען...

עס האָט איהם גענומען שטעכען אין די שלייפען. איז ער צו צום ברונען, אָנגעשעפּט אַ קובעל וואַסער און גענומען נעצען דעם קאָפּ.

פון דער סאָפע האָבען זיך נאָך אַלץ געטראָגען פרעהליכע נגונים און אַ ווילד געלעכטער.

זאַנוויל'ען איז אַלץ געוואָרען דערווידער. ער האָט גענומען שפּאַנען ווי אויף שטאַלצען איבער די שטילע נאַסען. וואו־ניט־וואו אין אַ ווינקעל איז געשלאָפען אַ נאַכט־וועכטער מיט דעם גראָבען שטעקען אין דער האַנד.

זאַנוויל איז נישט ווילענדיג צוגעקומען צו רחל'ס הויז. דאָס הויז איז געשטאַנען אין דער־מיט פון אַ קליין סעדיל, ארומגערינגעלט פון אַ הויכען פּלויט פון ברעטער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דעם פּאַרקאַן און זיך פערטראַכט. שטיל. ער האָט אויפגעשפּיצט זיינע אויערען און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז אימיצער וויינט. דאָס וויינען פערגעהט באַלד אין אַ בליפּען...

זאַנוויל האָט פיעל נישט געטראַכט, האָט זיך אריבערגעכאַפּט איבער'ן פּאַרקאַן און איז צו צום הייזעל.

דאָס פענסטער איז געווען אָפען און בעלויכטען פון לבנה־שיין.

אויף דעם בעטעל איז געלעגען רחל אין אַ ווייסע נאַכט־העמד.

זאַנוויל האָט נישט לאַנג געטראַכט, האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן מיט די הענד פאַר'ן ראַהם פון פענסטער, איז אריין אין צימער און מיט אַ מאָל געבליבען שטעהן אַ צוטומעלטער.

רחל האָט זיך אַ לייכטען טרייסעל געטהאָן, עטוואָס צועפענט די

אויגען און זיי צוריק פערמאַכט. באַלד אָבער האָט זי זיך ווי דערמאָהנט אָן עפּעס,ברייט צועפּענט די אויגען און האָט אַ שטאַרקען קוויטש געטהאָן.

זאַנוויל איז בלאַס געוואָרען און זי גענומען איינשטילען, בערוהיגען.

— ארויס! ס'פּאַסט פּאַר אַ גנב! ווי נעהמט מען זיך די חוצפּה ביינאַכט אריינצו'גנב'ענען זיך צו אַ מיידעל? געהט ארויס פון דאַנען! באַלד!

זאַנוויל האָט דערפיהלט ווי אַ דונער וואָלט איהם דערשלאָגען. ער האָט גאָר נישט געענטפערט, איז גיך ארויס דורכ'ן פענסטער, זיך פערמשפּעט, אויסגעהאַקט אַ שויב און אַ דערשראָקענער געבליבען שטעהן נעבען פּאַרקאַן. באַלד האָט ער אַ שפּיי געטהאָן, אַראָפּגערוקט דאָס היטעל איבער די אויגען און זיך אויסגעדרעהט. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז רחל שטעהט נעבען פענסטער. ער האָט ארויסגעלאָזט אַ קללה און איז אריבערגעשפּרונגען דעם פּאַרקאַן. עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז מען רופט איהם. ער איז נאָך אַ מאָל ארויף אויפ'ן פּאַרקאַן, האָט אָבער קיינעם נישט געזעהן און האָט זיך שטיל אוועקגעלאָזט איבער'ן שטאָדט.

זאַנוויל'ען האָט זיך געדאַכט, אַז דער מוח פּלאַצט, צופאַלט אויף שטיקער, און אין די אויערען האָט כסדר געקלונגען: — דאָס פּאַסט פּאַר אַ גנב! פּאַר אַ גנב!

ברררר... זיי זיינען אַלע אַזוי! אַז משה קוניאַרוש טרעפט מיך צווישען מענשען, קען ער מיך נישט, און אַז ער דאַרף מיך, לעקט ער מיך. אַ כאָליערא! כ'וועל איהם די בעבעכעס ארויסנעהמען! יעצט בין איך ביי רחל'ען אַ גנב, און אַז זי האָט מיך גערארפט, בין איך געווען ע פּרינץ! ניין, מעהר געה איך צו איהר נישט! נישט פּאַר אונז חסידישע טעכטער! ניין! גראָדול איז גערעכט געווען: מען טאָר נישט געהן אין צו ווייטע דרכים מיט אַ מויד...

זאַנוויל האָט פּלוצלונג דערפיהלט אויף זיין היציג פּנים קאַלטע קאַפּליעס רעגען און האָט זיך אָפּגעשטעלט.

איבער דעם הימעל איז געלעגען אַ שווערע, פינסטערע כמאַרע. די כמאַרע איז געוואָרען געדיכטער און האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר אַראָפּגעלאָזט איבער'ן שטעדטעל.

פון ערגעץ וואו איז ארוים א היימלאָזער הונד מיט דעם עק צווישען די פיס און האָט זיך גענומען רייבען נעבען זאַנווילען. זאַנוויל האָט פון פערדרוס און כעס דערלאַנגט דעם היימלאָזען הונד א שטאַרקען קאָפּיע מיט'ן פוס. דער הונד האָט זיך פאַנאַנדערסקאַוואוטשעט און איז אוועק א הינקעדיגער. דאָס בילעריי פון דעם הונד האָט עפּעס אזוי מאָדנע אָפּגעקלונגען אין דער שטילער, פינסטערער נאַכט און אָנגעיאָגט אויף זאַנווילען א שרעקליכען אומעט.

א ווייס־פייערדיגער שלאַנג האָט מיט א מאָל דורכגעשניטען די געדיכטע כמארע און ס'איז נאָך פינסטערער געוואָרען. באַלד האָט זיך געהערט א שרעקליכער קראַך און עס האָט אָנגעהויבען גיסען ווי מיט צעבערס.

זאַנוויל איז געשטאַנען גלייך. דער קאָפּ עטוואָס פּעררייסען, דאָס מויל אָפען און דער רעגען האָט געפּאַטשט און געשמיסען איבער זיין פּנים. די שווערקייט איז איהם ביסלעכווייז אוועק און ער האָט געפיהלט ווי עס ווערט איהם לייכטער, פונקט ווי אימיצער וואָלט געשטאַנען און איהם געלעגט קאַלטע קאָמפּרעסען צו זיין ברענענדען מוח. דער רעגען האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטען. באַלד איז ליכטיגער געוואָרען. די כמאַ־רע, א צושפּאָלטענע, האָט זיך ביסלעכווייז אוועקגערוקט און א קלאָרע, אויסגעוואַשענע לבנה איז אַפּערגעשוואומען.

זאַנוויל האָט דערפיהלט א דורכטרייסלענדע קעלט. ער איז גע־וועזען אין גאַנצען נאַס, דורכגעווייקט. ער האָט אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון זיין רעקעל, אראָפּגערוקט דאָס היטעל און זיך גענומען שפּאַ־נען דורך די שטילע געסלעך. אונטער דער שטאָדט ביי א קליין הייזעל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט: דאָרט האָט מאַנקע געוואוינט. ער איז גע־שטאַנען א ווילע, זיך גע'ישוב'ט וואָס צו טהאָן, האָט א שפּיי געטהאָן און גיך פערשוואונדען אין פינסטערען הייזעל.

## .15

כמעט דעם גאַנצען טאָג נאָך דער חתונה איז זאַנוויל דורכגעשלאָפען ביי מאַנקען אין בעטעל. זי האָט איהם עטליכע מאָל געוועקט, געמאַכט עפּעס צו עסען. זאַנוויל האָט זיך איבערגעוואָרפען ווי אַ בער סוף ווינ־טער, עטוואָס אויפגעהויבען זיין קודלאַטען קאָפּ, אַ בורטשע געטהאָן, אויסגעזופּט אַ שעפּ וואַסער, זיך איינגעקאָרטשעט אין דרייען און גע־טראַכט. ער האָט געטראַכט ווי אַזוי צו בעליידיגען רחל'ען, זי זאָל עס אויף תמיד געדענקען. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט שוין אויס־געפונען אַ מיטעל און ער האָט געפּלאַנט ווי אַזוי איהם דורכצופיהרען. זיינע אַלע געדאַנקען האָבען זיך קאָנצענטרירט אויף איין פּונקט און אַלץ ביי איהם האָט זיך צושפּיעלט, געוואַקסען, זיך צוזאַוואַקסען זעהר שנעל, דערגרייכט דעם העכסטען פּונקט אין זיין מוח. און עס זיינען אַלץ נייע און נייע פּלענער געבוירען געוואָרען, איינער בעסער פון דעם צווייטען. יעדער נייער פּלאַן, האָט זיך איהם געדאַכט, וועט רחל'ען מעהר קרענקונג פאַרשאַפען און זי וועט זיין געצוואונגען איהם איבערצובעטען. זי וועט קומען אַזאַ בלאַסע מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגען, וועט זיך אָוועקשטעלען נעבען טהיר און שווייגען, און ער וועט זיך מאַכען, אַז ער קען זי נישט; ער וועט זיך אַרומשפּאַצירען איבער'ן צימער, רעדען מיט זיינע חברים, זי גאָר נישט בעמערקען! און אָט וועט רחל אויפהויבען איהרע פאַר־ווינטע, שוואַרצע אויגען און אין גאַנצען אַ צושראָקענע וועט זי נעהמען געהן צו איהם.

זאַנוויל האָט דערפיהלט ווי דאָס האַרץ האָט שטאַרקער גענומען קלאַפּען און האָט מיט אַ מאָל אויסגעגלייכט זיינע פאַרקוועטשטע אויגען, אויפגעשנירעלט דעם פאַרקנייטשטען שטערען, עטוואָס געעפענט איין אויג און עפּעס אַ מאָדנע פליעג איז אַרויס פון דעם צועפענטען אויג. די

פליעג איז געפלויפען, זיך ארויפגערעדעלט; אַ צווייטע האָט זיך נאָכ־געיאָגט, איינגעשלונגען די ערשטע און באַלד איז אַ דריטע ארויס — — זאנוויל׳ען האָט זיך גערדאכט, אז ער האָט עפּעס פערלאָרען. ער האָט אָנגעשטרענגט דעם מוח, געטהאָן אַ שטאַרקען שוואונג, געוואָלט עס כאַ־פּען. מיט אַ מאָל האָט עפּעס אַ פּלאַץ געטהאָן און ער האָט זיך אַ שטאַר־קען טרייסעל געטהאָן אין בעטעל. ער האָט צועפענט ברייטער די אויגען, זיך דערמאָהנט, אז ער ליעגט ביי מאַנקע׳ן, אז רחל האָט איהם ארויס־געיאָגט, ווי מען טרייבט ארויס אַ הונד, — האָט ער פון פערדרוס איינ־געקוועטשט די פויסטען און אַ שטאַרקען רעווע געטהאָן.

— שלאָף נאָך אַ ביסעל! קיין עין הרע אַ שלאָף! ווילסט עפּעס, זאנוויל? — האָט מאַנקע איהם געפרעגט.

— אַ טרונק!

— ווי גיסט דאָס אַ מענש אזוי פיעל וואסער אין זיך אריין?! האָסט דאָך נאָך היינט גאָר נישט אין מויל געהאַט!

זאנוויל האָט נישט געענטפערט, האָט אויסגעטרונקען אַ האַלבע שעפ וואסער מיט איין ציה, זיך אויסגעצויגען מיט דעם פּנים צום סופיט און זיך צוגענעצט. איהם האָט זיך געוואָלט כאָטש שוין פערלאָזען די שטאָדט, אַנטלויפען אַ פערד און אַוועקפּאַטשען אין דער ווייטער וועלט אריין... ער האָט געפיהלט, אז אויב ער וועט בלייבען אין שטאָדט, וועט ער אָפּטהאָן די געפעהרליכסטע זאכען, און יעדעס מאָל איז איהם ארויס־געשוואומען עפּעס אַ שוידערהאַפטע בילד, פאַר וועלכען ער איז געוואָרען אָן אויפגעציטערטער.

וואוהין פאָהרט מען? — ער האָט לאַנג נישט געדארפט טראַכטען. עס איז געוועזען צוויי טאָג פאַר׳ן לוויוויטשער יריד. ער האָט בעשטימט זיך אויפצוהויפען, אריבער צו גראדול׳ען און נאָך היינט ביינאכט אוועק נאָך לוויוויטש. דאָרט וועט ער זיך געוויס אָן אַלעם פערגעסען.

זאנוויל האָט גענומען שרייבען אין געדאַנק אַ בריעף צו רחל׳ען. דער בריעף האָט זיך ביי איהם אין מוח זעהר פליסיג געשריעבען. אַליז איז אזוי גלאַטיג ארויס און די בוכשטאַבען האָבען זיך עפּעס אזוי צו־וואקסען, אזעלכע גרויסע, שווארצע, כאָטש נעהם און טאַפּ זיי אָן. און

אָט האָט זיך בעוויעזען רחל מיט די דינע פערקוועטשטע ליפען און אין גאַנצען אזא צוטראָגענע, האָט געהאַלטען זיין בריעף און פון די אויגען האָבען געקאַפּעט טרערען.

זאַנוויל האָט זיך מיט א מאָל דערמאָהנט, אז ער קען נישט שרייבען און האָט פון גרויס פערדרוס א שפּיי געטהאָן גלייך אין סופיט אריין.

— מאַנקע, מיר דאַכט זיך, אז דו קאָנסט שרייבען?

— כ'האָב א מאָל געקאָנט. וואָס עפּעס אין מיטען דערינען?

— שרייב מיר א בריעף.

— צו וועם?

— דאָס וועסטו שפּעטער זעהן! זעץ דיך און שרייב!

מאַנקע האָט אויפגעזוכט א בויגעלע פּאַפּיער, אן אַלטען פערשטויב־טען טינטער און זיך אוועקגעזעצט. זאַנוויל האָט זיך אויפגעכאַפּט און א באָרוויסער זיך אוועקגעזעצט נעבען טישעל.

— נו, צו וועם געהט דער בריעף? — האָט מאַנקע זיך געפרעגט און איינגעטונקט די פעדער. — כ'מיין וואָס פאַר א טיטול?

זאַנוויל האָט באַלד נישט געענטפערט, געקלעהרט א ביסעל:

— אָהן א טיטול!

— וואָס הייסט אָהן א טיטול? וואָס פאַרע משוגע'נער שרייבט א בריעף אָהן א טיטול? א טיטול מוז זיין!

זאַנוויל איז געוואָרען בייז.

— „כלאָפּ סוואָיע, אי פּאָפּ סוואָיע!" מען זאָגט דיר אָהן א טיטול, איז אָהן א טיטול!

— אַלץ גוט, זאַנוויל. לאָז זיין אָהן א טיטול. בין איך ווייטער בדלות! אָבער צו וואָס זיינען די געשרייען? נו, בקיצור? —

ביי זאַנווילען אין מוח איז עפּעס געוואָרען א מיש־מאַש, עס האָט זיך ביי איהם אַלץ פערדרעהט מיט די פיס ארויף. דער פליסיגער בריעף, וואָס ער האָט ערשט ניט לאַנג געהאַט אָנגעשריעבען אין געדאַנק, איז מיט א מאָל ארויס פון מוח. ער האָט זיך געוואָלט דערמאָהנען, גע־ריבען מיט זיין גרויסע האַנד איבער דעם שטערען. נור — געה טהו עפּעס, אז דער מוח איז פּוסט!

— נו? — האָט זיך מאַנקע צושמייכעלט.

— איין רגע, מאַנקע! גלויב מיר, דער בריעף ליעגט מיר אויף דער שפּיץ צונג. נאָר, פערשטעהסט, כ'האָב ליעב אז אַ בריעף זאָל זיין גע־שריעבען גלאַטיג, ער זאָל זיך לעזען ווי אשרי. אָט איז ער! שרייב! „כ'האָב קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז צווישען אונז וועט דאָס פּאַסירען, וואָס עס האָט געבטען פּאַסירט".

דאָ האָט זיך זאַנוויל אָפּגעשטעלט, געקוקט ווי מאַנקע האָט איינ־געקוועטשט די פעדער מיט איהרע דינע פינגער. זי האָט געשריעבען פּאַמעליך, יעדע ווייַלע איז זי אַראָפּ פון דער ליניע און די בוכשטאַבען זיינען אַלע געוועזען עפּעס אַזוי מאָדנע צודרעהט. זאַנוויל'ען האָט זיך גע־דאַכט, אַז מאַנקע שרייבט גאָר נישט, נאָר זי מאָהלט פייגעל. ער האָט בעמערקט ווי מאַנקע'ס פּנים איז געוואָרען ערנסטער, האָט זיך עטוואָס פערווּיטעלט און יעדעס מאָל ווען זי האָט געמאַכט מיט'ן פעדער אַ בוכ־שטאַב, פלעגט זי אין דער זעלבער צייט מאַכען דעם בוכשטאַב מיט דער צונג, דאָ אויף איין באַק, דאָ אויף דער צווייטער.

זאַנווילען איז דאָס שרייבען מיט דער צונג זעהר געפעלען געוואָ־רען און ער האָט זיך צולאַכט.

— וואָס לאַכסטו?

— אַז דו שרייבסט שעהנער מיט דער צונג ווי מיט דער פעדער!

— ס'געפעלט דיר נישט? איז נישט געפידעלט! — האָט זיך מאַנ־קע צולאַכט. — נו, פאָהר ווייטער!

זאַנוויל האָט גענומען קלעהרען און האָט בשום אופן מעהר נישט געקענט צוטראַכטען. יעדעס מאָל ווען עס איז איהם עפּעס געקומען אין געדאַנק אריין, האָט ער עס ניט געקענט אויסדריקען אין ווערטער און עפּעס אַנדערש האָט עס פעריאָגט. זאַנוויל איז בייז געוואָרען, גע־כאַפּט דאָס בויגעלע פּאַפּיער און צוריסען.

— אַ כאָליערא! כ'שרייב נישט מעהר! אַז מען קען אַליין נישט שרייבען, איז עס גוט אויף טויזענד שאָק כפּרות!

— וואָס איז מיט דיר היינט, זאַנוויל? ווי כ'זעה מאַכסטו בעצייַ־טענס תמוז! און צו וועמען ווילסטו דאָס שרייבען?

זאַנוויל האָט נישט געענטפערט, דורכגעשפּאַנט עטליכע מאָל אַ באָרוויסער די שטוב און זיך גענומען אויף גיך אָנטהאָן.

— וואוהין געהסטו? — האָט איהם מאַנקע געפרעגט.

— צו גראַדול'ען.

— ווערסט זיך לאַנג זוימען?

— כ'ווייס נישט! — האָט זאַנוויל געענטפערט און איז אַרויס פון שטוב.

## 16.

אַז זאַנוויל איז אַריין צו גראַדול׳ען, האָט ער דאָרט קיינעם נישט געטראָפען. פון דער קיך האָט זיך אָבער באַלד דערהערט ביילקעס קול:
— ווער איז דאָרט?

זאַנוויל האָט נישט געענטפערט, איז גלייך צו צו די פאָרהאַנגען, זיי לייכט פאַנאַנדערגענומען און אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ.

ביילקע, אַ באָרוויסע, אָהן אַ בליוזקע, דאָס קורצע געשטרייפטע אונטער־קליידער אַריינגעמאַכט צווישען די פיס, איז געשטאַנען נעבען אַ קליינע בלעכענע באַליע און געוואַשען. איהר קליינער קערפּער האָט זיך געבויגען אין פערשיעדענע ליניען, דער לאַנגער צאָפּ האָט זיך לייכט בוואָלינען. זאַנוויל האָט זיך זאָט נישט געקענט אָברייסען פון די קליינע, ברוינע פיסלעך און ביי יעדען בויג פון ביילקעס קערפּער האָט ער גע־פיהלט אַ חשק זי אַרומצונעהמען. ער האָט אַ הוסט געטהאָן.

ביילקע האָט אויפגעהערט וואַשען און האָט זיך אומגעקוקט. זי האָט דערזעהן זאַנווילען, פערדעקט דאָס האַרץ מיט איהרע קליינע הענט־לעך און זיך פערשעמט.

זאַנוויל האָט זיך צולאַכט און איז צוריק אַריין אין צימער אַ צו־פריעדענער. ביילקע איז באַלד אַריין אין אַ ווייסע גאַבערעלע מיט שוואַר־צע אויגעלעך, דער צאָפּ אַריבערגעוואָרפען פון פאָרענט און אויף די באָר־וויסע פיס אַ פּאָר אויסגעהאַפטענע שטעק־שיכלעך.

— בנאמנות, כ׳האָב געמיינט ס׳איז גראַדול, — האָט ביילקע גע־זאָגט מיט אַ שמייכעל. — ווענען זאָל דאָס איינפאַלען, אַז איהר וועט היינט צו אונז קומען? וואָס שטעהט איהר, זאַנוויל? זעצט אייך. איהר וועט דאָך מיר נעווים ענטשולדיגען — האָט זיך ביילקע צושמייכעלט,

עטוואָס אויפגעהויבען אַ פיסעל, אָנוווייזענדיג זאַנווילען אויף איהר קאָסטיום.

זאַנוויל האָט קיין אויג נישט אָראָפּגעלאָזט פון ביילקען און גע־פיהלט ווי ער ווערט אַן אָנגעצונדענער.

— אַ שעהנער מענש זיינט איהר! — האָט ביילקע ווייטער גע־רעדט און אָנגענומען זאַנווילען פאַר דער האַנד. — פאַר וואָס האָט איהר מיך נעכטען אוועקגעטריעבען, האַ? שעהמט אייך, זאַנוויל! דערנאָך אַז איך בין נאָך אַ מאָל אַרויס, זיינט איהר שוין נישט געוועזען. וואו זיינט איהר דאָס פערפאַלען געוואָרען?

זאַנוויל איז געשטאַנען, געקוקט ביילע'ן אין די אויגען, געפיהלט ווי די האַנד וואַרעמט, בריהט, צינדט אין איהם אָן אַ פייער, און ער האָט זי מיט אַ מאָל ארומגענומען און אויפגעהויבען. ער האָט געפיהלט ווי עפּעס האָט זיך געבוינגען, געצאַפּעלט אין זיינע הענד, ווי די לייכטע פּאָ־לעס פון דער גאַבּרעלע זיינען זיך צופלויגען, איהם איינגעוויקעלט און ער האָט בעמערקט אַ ווייס שלייפעל פון איהר לייבעל. ער האָט זי נאָך שטאַרקער ארומגעקלאַמערט, צוגעפּרעסט זיינע ליפּען צו איהרע. באַלד האָט ער זי אָפּגעלאָזט, זיך פערשעמט. ער איז צו צום פענסטער און גענומען כאַפּען אַ זשומעדיגע פליעג אויף דער הייסער שויב.

— וואו איז ערגעץ אייער גראַדול? — האָט זאַנוויל געפרעגט ארויסקוקענדיג.

— ער איז אריבער צום שמיעד, — האָט ביילע געענטפערט. — איהר ווייסט? גראַדול קלייבט זיך דאָך צו פאָהרען נאָך לוווויטש אויפ'ן יריד. אָט געהט ער!

גראַדול איז אריינגעקומען מיט אַן אייזערנע הענטשקע אין דער האַנד:

— שלעכט, גוטער ברודער! — האָט גראַדול געזאָגט, פערקאַשערט דאָס היטעל און זיך גענומען קראַצען. — דו האָסט עפּעס אַ צו גוט לעבען מיט מיין ביילע'ן!

זאַנוויל איז רויט געוואָרען, זיך נאַריש צושמייכעלט.

ביילע האָט זיך אוועקגעזעצט, אריינגעמאַכט די גאַבּרעלע צווישען

די פּיס, פּערלעגט איין פוס אויף דעם צווייטען און געזאָגט האַלב פּערשייט:

— פאַר וואָס דען נישט? אויף מיר געזאָגט, ווי אַ שעהנער בחור זאַנוויל איז!

— דו ווייסט צו וואָס איך בין געקומען? — האָט זיך זאַנוויל אָנגערופען, — כ׳וויל זיך אַריבערכאַפּען קיין לוויוויטש.

— טאָ לאָמיר פאָהרען צוזאַמען! — האָט גראַדול געזאָגט, — כ׳קלייב זיך דאָך אויך. ס׳איז דאָך מיר שוין נמאס געוואָרען צו זיצען אין דער היים! כ׳געדענק שוין ניט די צייט ס׳זאָל זיין עפּעס אַ שטאָך אַר־בייט, און צו זיצען און עסען פון גרייטען איז גאָר קיין תכלית נישט! אַ שמאַלץ־גרוב שעפּט זיך אויך אויס!

— ווער פאָהרט נאָך? — האָט זיך זאַנוויל נעפרעגט.

— כ׳ווייס — — — כ׳האָב געזאָלט פאָהרען מיט משה׳לע ביק, נאָר יעצט וועלען מיר פאָהרען זאַלבע־דריט. בנאמנות, כ׳בין צופריעדען וואָס דו פאָהרסט מיט. כ׳וואָלט געהאַט פאַר אַ יאָהרען אַזאַ שותף ווי דו וואָלט איך געמאַכט אַן עשירות.

— בקיצור, ווען רעכענסטו צו פאָהרען? — האָט איהם זאַנוויל איבערגעשלאָגען.

— נאָך היינט! — האָט גראַדול געענטפערט.

— גוט! געה איך טאַקע אהיים זיך צוגרייעטן צו דער יאַזדע,

.15

פון גאנץ פוילען זיינען אנגעקומען נאך לוויוויטש פארטיעס סוחרים, מחנות פויערים, סטאדעס בהמות, פערד, חזירים.

די שמאלע גאסען זיינען געווען גיט דורכצוגעהן. די וועגען מיט די בריטשקעס האבען זיך געצויגען ביז הינטער דער שטאדט ארויס און פון דער ווייטענס האט עס אויסגעזעהן, ווי דאס שטעדטעל וואלט געווען בעלאגערט פון א האלב ווילדען שונא, וואס איז מיט אמאל אנגעפאלען מיט זיין גאנצען האב און גאב, פערשטעלט אלע וועגען און זיך געריסען מיט אויפטרייסלענדע קולות אין שטאדט אריין.

זאנוויל מיט זיינע חברים זייגען באלד אין דער פריה ארויס אויפ׳ן יריד, זיך ארומגעדרעהט, בעקוקט יעדע זאך און א שטיק נאכמיטאג זיינען זיי ארויס אויפ׳ן פערד מארק.

דער גאנצער פערד־מארק האט אויסגעזעהן ווי א לאגער, וואס ריכט זיך אין וועג אריין. ארום מארק זיינען געשטאנען וועגען, בריטשקעס. די פערד אויסגעשפאנט, אריינגעשטעלט צווישען די דישלעס, די סוחרים זאלען זיי קאנען אנקוקען. אין מיטען מארק זיינען געשטאנען פריצישע סטאדעס פערד. פון איין סטאדע צו דער צווייטער האט זיך געצויגען א לאנגער וועג, וואו מען האט די פערד פרובירט אין לויפען.

מען פיהרט ארויס א פערד פאר׳ן סוחר. דער סוחר בעטראכט, קוקט דאס אריין אין מויל, קוועטשט דאס ביים האלז — ס׳פערד צוניסט זיך, א שקץ לאזט זיך מיט דעם לויפען איבער׳ן וועג.

זאנוויל איז דורך דעם מארק, געווארפען רעכטס און לינקס מיט בליקען, געפיהלט זיך היימיש צווישען די פערד.

א יונג איז איהם אנטקעקען געקומען מיט א קאש בלעבענע העהנער. דער יונג האט געהאלטען א האהן אין מויל און האט געקרעהט.

זאַנוויל האָט זיך געקויפט אַ האָהן, גענומען קרעהען. באַלד איז עם איהם אָבער נמאס געוואָרען, עס אוועקגעוואָרפען.

אַ ברייט־ביינינגער יונג, מיט אַ קאַסע אויג און מיט אַ צושפּאָלטענעם דאשעק, האָט זיך שפּאַציערט איבער׳ן מארק, געהאַלטען די הענד אין די הויזען־קעשענעס און ווי געזוכט אימיצען.

— צו אַלדע שווארצע יאָהר, ווערען כ׳זעה! וואָס טהוסטו דאָ, זאַנוויל?

— האַ, האַ, האַ! — האָט זאַנוויל אויסגעשאָסען און זיך אַרומגע־כאַפּט מיט קישקען — און איך האָב גערעכענט אַז דו זיצסט אין שער־הרחמים?

קישקע האָט נישט געענטפערט, געוואָרפען אַ בליק פון אויבען אַראָב אויף זאַנוויל׳ס חברים, אויסגעשפּיגען, אָנגענומען זאַנוויל׳ען פאַר די אָרעמס, איהם אָבגעפיהרט אין אַ ווינקעל:

— ווילסט אָבלעקען אַ ביינדעל?

— אַ שאלה!

— טאָ הער — האָט קישקע שטיל געזאָגט — נישט ווייט שטעהט אַ פויער מיט פינף סוסים ווי די לייבען. אויב ס׳עסק זאָל געהן ביים גלייכען, וועלען מיר אַרום צעהן ביי נאכט האָבען די ממתקים.

זאַנוויל איז בעשטאַנען, צוגערופען גראַדול׳ען מיט משה׳ן און זיי האָבען גענומען אויסאַרבייטען אַ פּלאַן.

ביי אַ ברימשקע איז געשטאַנען אַ יונגער פויער, געהאַלטען אַ ווייצען ברויטעל אונטער׳ן אָרעם, געבראָכען שטיקער און מעלה־גרה געווען.

הינטער איהם זיינען געשטאַנען פינף שעהנע פערד. זאַנוויל איז הארט פערבייגעגאַנגען דעם פויער און איהם אַ טרעט געטהאָן מיט׳ן גאַנצען כח אויפ׳ן פוס. דער פויער האָט געכאַפּט זאַנוויל׳ען מיטביידע הענד און איהם אַ שליידער געטהאָן פון זיך. זאַנוויל האָט זיך אָנגעשפּי־נען אין די הענד, פערקוועטשט די פויסטען און זיך געוואָרפען אויפ׳ן פויער.

ביים ערשטען קלאַפּ איז דער פויער געלעגען. ער האָט זיך געוואָלט

אויפהויבען, נור זאנוויל האָט איהם אַ פּלאַם געטהאָן מיט דער פויסט צווישען די אויגען, אז ער האָט זיך איבערגעדרעהט.

באַלד זיינען אָנגעקומען פויערים מיט אידען פון אַלע זייטען. פון די וועגען האָט זיך געטראָגען: — שלאָגט דעם זשיד, די הינטישע נאמנה, שלאָגט!

גראדול מיט קישקע'ן האָבען דערווייל אָבגעבונדען די פערד און זיינען שטילערהייד אוועק מיט דריי. די איבעריגע האָט משה'לע געהיט ביז נאָכ'ן געשלעג. און ווען די פויערים האָבען שוין געהאַלטען אין שלום מאכען, האָט משה'לע אַ יאָג געטהאָן די פערד אין אַ צווייטער זייט. די פויערים האָבען זיך גענומען יאָגען נאָך די אנטלאָפענע פערד. זאנוויל מיט משה'ן האָבען דערווייל אָבגעצויגען.

## 17.

שפּעט ביי דער נאַכט איז זאַנוויל געזעסן אין אַ שענק מיט אַ חברה פערד־הענדלער און געטרונקען.

— חברה, לאָמיר גאָר אַריבערפאָהרען אין דער „וויקטאָריע“ אַריין — האָט גראַדול אַ געשריי געטהאָן און זיך צופייפט.

— אין דער „וויקטאָריע“ אַריין! — האָבען עטליכע אונטערגע־כאַפּט האַלב שכור און אַרויס אויף דער גאַס.

— נור זעהט, חברה, פּערהוליעט זיך נישט! — האָט קישקע געזאָגט, — מאָרגען נאָכמיטאָג איז דאָ אַ נייע שטיקעל אַרביים.

זיי האָבען געכאַפּט אַ קאַטש, זיך אַריינגעוואָרפען און געהייסען פאָהרען צו דער „וויקטאָריע“. דער דראָזשקאַר האָט מיט חשד געקוקט אויף די געסט, זיך געקווייקעלט, אויסגעשפּיגען און גענומען טרייבען די פערד איבער הינטערגעסלעך.

די חברה זיינען אַריין אין קאַנטאָר פון דער וויקטאָריע מיט אַ געפּילדער. הינטער אַ בופעט איז געשטאַנען אַ יונגע בלאָנדינקע פון אַ יאָהר נייגצעהן, שעהן פערקעמט מיט אַ דעקאָלטירט, ווייס האַרץ און געשמועסט מיט אַ דיקען מאַן אין אַ פּאָר ברייטע הויזען אין פּאַסען מיט אַ ווייסע פּיקענע וועסט, אויף וועלכער עס האָט געהאָנגען אַ גאָלדענע קייט.

די בלאָנדינקע האָט בעמערקט זאַנוויל'ס בליק, ווי ער שלינגט זי מיט די אויגען, האָט זי אַ שמייכעל געטהאָן און איהם אָנגעקוקט — זיך געשפּיעלט, ווער עס וועט אויסהאַלטען דעם צווייטענס בליק. מיט אַמאָל האָבען זיך איהרע ווייסע באַקען גענומען צינדען, זי האָט אַ ציטער געטהאָן, אַראָבגעלאָזט איהרע אויגען מיט די לענגליכע ברעמען, צוגע־

נומען די פּאַפּירלעך וואָס זאַנוויל האָט געלאָזט ליגען אויפ'ן טיש און אַ געשריי געטהאָן:

— אינגאַנץ, פּיהר אריין די געסט אין זאַל!

פון אַן אַלקער איז אַרויס אַ שקץ אין אַ פראַק, האָט זיך פערנייגט פאַר די געסט און זיי אַרויפגעפיהרט. דער זאַל איז געווען אויסגעקלעפּט מיט גרינע טאַפּעטען. אויף די ווענט האָבען געהאַנגען פּרויען אין פּיקאַנטע פּאָזען. אין אַ ווינקעל איז געזעסען אַן עלטערער מאַן מיט אַ פּליך און געשפּיעלט פּיאַנאָ. אַרום דעם זאַל האָבען זיך געצויגען בענק אויסגעבעט מיט גרינעם פּליוש, דאָ און דאָרט ביי מאַרמאָרנע טישלעך זיינען געזעסען בחורים מיט מיידלעך און געטרונקען.. איבער'ן זאַל האָבען אַרומגעשפּאַציערט שורות־ווייז יונגע מיידלעך מיט שיקסעס אין קורצע זיידענע קליידער. די קליידער זיינען געווען דורכזיכטיג און האָבען ריי־צענד אָבגעשפּיגעלט די געטאָקטע מיידעלשע קערפּערס ביז איבער די לידקעס. צוויי מיידלעך האָבען געטאַנצט, ליידענשאַפטליך אַפּערגעוואָר־פען טהיילען פון זייערע קערפּערס, געוואונקען מיט די טיעפע אויגען, און זייערע לייבער האָבען אַפּערגעשריען פון אונטער פערשיעדענע קאָלירטע טיולען.

די מיידלעך האָבען אונטערגעהאַלטען די געסט מיט קופּלעטען, זיך געסמאַרעט זיי זאָלען וואָס מעהר געבען צו לייזען און דערנאָך זיינען זיי פערשוואונדען אין זייטיגע צימערלעך.

זאַנוויל מיט די חברים זיינען אריין, זיך אַרומגעקוקט, דערזעהן דאָ און דאָרט בעקאַנטע, זיך אַוועקגעזעצט נעבען אַ ווינקעל טישעל און באַשטעלט עטליכע פלעשער שאַמפּאַן. פון אַלע זייטען האָבען זיך געטראָגען מיידלעך, טאַנצענדיג און זינגענדיג, „צו זאַנוויל'ס טישעל. זאַנוויל האָט זיי אַלע בעטראַכט און קיין איינע איז איהם ניט געפעלען. עס איז איהם ניט אַרויס פון קאָפּ די בלאָנדינקע וואָס איז געשטאַנען אונטער'ן צאָהל־באַנק. ער האָט באַמערקט אַז זי איז עטליכע מאָל דורך דעם זאַל, וואַרפענדיג אויף איהם „אויגעלעך" און איז צוריק אַרויס. זיינע חברים האָבען זיך באַלד אויסגעקליבען מיידלעך און יעדער פון זיי איז פער־שוואונדען. זאַנוויל איז געבליבען איינער אַליין ביים טישעל. נעבען

איהם זיינען געשטאַנען עטליכע מיידלעך מיט דער בלאָנדינקע אין דער מיט און זיך געשושקעט.

— וואָס זאָגט איהר ניט צו דעם יאָלד! — האָט געזאָגט אַ מויד מיט אַ פּערריסען נעזעל ווי ביי אַ מאָפּסיק — זיך אוועקגעזעצט ווי אַ הוהן אויף די אייער! ווער עס קומט צו שיקט ער אַוועק! און געלד, ווייזט אויס, האָט ער ווי קרח! ער צאָהלט פאַר זיינע חברים.

— אודאי אַ כניאָק — האָט זיך אָבגערופען אַן עלטערע מיידעל און זיך צולאַכט.

— נעטראָפּען ס'אָרט — האָט זיך די בלאָנדינקע אריינגעמישט — ער זעהט שוין גאָר נישט אויס ווי אַ יאָלד! די צרה איז, וואָס איהר טויגט אויף כפּרות. אַט ווייז איך אייך, כ'געה צו, און דער בחור לויפט מיר נאָך ווי אַ לעמעלע.

— וועט מען טאקע זעהן — האָבען זיך עטליכע מיידלעך אָבגערופען מיט אמאָל.

זאַנוויל האָט זיך צוגעהערט צו דעם גאַנצען שמועס, האָט חרטה געהאַט צו וואָס ער איז אַהער געקומען, גענומען קלעהרען עפּעס אַזעלכעס פון וואָס די בלאָנדע זאָל זיך בעליידיגען.

— פאַניע „עקס", וואָס זיצט איהר עפּעס אַליין און דערצו אַזוי טרויעריג? — האָט געזאָגט די בלאָנדע און זיך געזעצט נעבען איהם.

זאַנוויל האָט איהר געוואָלט זאָגען אַז עס איז נישט איהר באָבע'ס דאגה, זיך בענענעט מיט איהרע חן־גריבלעך און זיך פערלוירען:

— כ'ווייס — — — — —

— נאַרישקייטען — האָט די בלאָנדע געזאָגט און ארויפגעלעגט איהר האנד אויף זאַנוויל'ס קניע — מען קלייבט זיך אויס אַ שעהן מיידעל און מען פערברענגט. אַט אייערע חברים אמוזירען זיך אויפ'ן בעסטען אופן. אויב די „וויקטאָריע" וועט אייך נישט העלפען, וועט אייך שוין קיין דאָקטאָר נישט העלפען! — האָט די בלאָנדינקע זיך צולאַכט.

— ביילקע'ס נענג! — האָט זיך דורכגעוואָרפען זאַנוויל'ען אין מוח. ער האָט פערגעסען אין אַלעם און בשעת מעשה חשק געהאַט זי ארומצונעהמען.

— און אז כ׳וועל זיך אויסקלייבען אייך? — האָט זאַנוויל געזאָגט מיט אַ שמייכעל.

די בלאָנדע האָט זיך אויך צושמייכעלט און איז באַלד ערנסטער געוואָרען.

— וואָס דאַרפט איהר אַ פערהייראַטהע פרוי, קנאָפּ מיידלעך זיינען דאָ פאַראַן? איהר ווילט מיין „אַלטער״ זאָל זיך מיט מיר גט׳ען? — און זי האָט זיך צולאַכט.

זאַנוויל האָט זיך געפיהלט ווי אַן אָבגעפּאַטשטער און האָט גאָר נישט געענטפערט. מיט אַמאָל האָט ער דערפיהלט ווי זי נעהמט איהם אָן פאַר דער האַנד.

— הערט, פּאַניע „עקס״, פערברענגט דאָ דערווייזול, און אויב עס וועט נור מעגליך זיין — — האָט זי זיך רייצענד צולאַכט, אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ און אַרויס פון זאַל.

זאַנוויל האָט געטרונקען אַ פלעשעל נאָך אַ פלעשעל. עטליכע מאָל איז גראַדול אַ האַלב־שכור׳ער אַריין אין זאַל אַרומגעכאַפּט זאַנוויל׳ען, איהם געגומען קושען און שלעפּען צו זיך אין נומער אַריין. זאַנוויל איז געזעסען און געטרונקען. ער האָט געפיהלט ווי די גליעדער ווערען איהם אַלץ שווערער און שווערער, ווי מיט בליי אָנגעגאָסען. אַ שטיק אין דער נאַכט איז צו איהם צו דער קעלנער, אַרויפגעפיהרט אויפ׳ן דריטען שטאָק, געעפענט אַ טהיר און איהם אַריינגעלאָזט. דאָס איז געווען אַ קליין פּיער־עקיג שטיבעל מיט ראָזע טאַפּעטען. אַ קליין לעמפּעלע מיט אַ ראָזין אַבאַזשור איז געשטאַנען אויף אַ ווינקעל־טישעל און געוואָרפען אויף אַלץ אַ ליידענשאַפטליכען שיין. אין דער זייט איז געשטאַנען אַ גרויס הילצערן הימיל־בעט מיט ראָז־זיידענע פאָרהאַנגען, מיט דריי טרעפּלעך אַרויפצו־געהן. דאָס שטיבעל האָט געשמעקט מיט פּערפיום און פרויען־ריח.

זאַנוויל איז געבליבען שטעהן ווי פער׳כשופט, ברייט צועפענט די אויגען און גאָרנישט געזעהן. ער האָט בעמערקט ווי אַ ווייסע האַנד בעוויזט זיך אין דער לופט און רופט איהם. אויף אַ פּליושענע אָטאָמאַנע אין דער פאָרם פון אַ לייב איז געלעגען די בלאָנדע אין אַ ראָז־זיידענעם שלאָפראָק, אין אַ פּאָר זילבער געהאָפטענע שטעק־שיכלעך. זאַנוויל האָט

געפיהלט בשעת מעשה ווי אַלעם ביי איהם שטאַרבט אָב און איהם האָט זיך געדאַכט אַז ער חלום'ט.

זי האָט אויסגעשטרעקט איהר געטאַקטע האַנד און די פינגער האָבען אַ בליץ געטהאָן מיט אַ ים גרין־רויטליכע פייערען. דאָס האָט זי איהם געציינט אויף אַ קליין אויסגעבעט פוהען־בענקעל וואָס איז געשטאַנען ביי דער אָטאָמאַנע. זאַנוויל האָט זיך לייכט אַראָבגעזעצט אויף דער אָטאָמאַנע און נאָך לייכטער אָבגעעטהעמט.

— ביזט צופריעדען? — האָט די בלאָנדינקע געפרעגט מיט אַ שמייכעל און לייכט צועפענט איהרע דינע ליפּען, אַ בלישטשע טהוענדיג מיט איהרע ווייסע צייהן.

זאַנוויל איז ווי פער'שכור'ט געוואָרען פון איהר, ער האָט לייכט אָנגענומען איהר האַנד און זי גענומען קושען.

— גלויב מיר — האָט די בלאָנדינקע שטיל גערעדט — אַז כ'האָב דיך נור דערזעהן, ביזטו מיר געפעלען געוואָרען. איך בין דאָך עטליכע מאָל ארויף אין זאַל דיך אָנצוקוקען. ווער ביזטו?

די לעצטע פראַגע האָט זאַנוויל'ען עטוואָס צורודערט, נור ער האָט לאַנג נישט געקלעהרט און געענטפערט:

— דער פיהרער פון די ראַדזענאָוועו גזלנים.

די בלאָנדע האָט עטוואָס ברייטער צועפענט איהרע בלויע אויגען און ווי אַ דערשראָקענע סאַרנע האָט זי איהם געפרעגט:

— ביזטו אויך אַ גזלן?

— איך בין זייער קיסר.

— און איהר וואוינט טאַקע אין די וועלדער?

— געוויס! אין אַ גרויסע הייהל אונטער דער ערד!

— און עס איז אייך נישט קאַלט?

— נו, און אַז עס איז קאַלט, ברעכט מען אָן בוימער, מען צולעגט פייערען און מען וואַרעמט זיך — — — —

— אזוי — — — —

די בלאָנדע האָט זיך פערטראַכט, שפּיעלענדיג זיך מיט איהר זיידענעם צאָפּ און אין גאַנצען האָט זי אויסגעזעהן עפּעס אזוי קינדיש — —

— און דו וואָלסט געוואָלט איך זאָל זיין דיין מיידעל? —האָט די
די בלאָנדינקע איהם נעפרעגט מיט אַ געלעכטער.
— געווים... — האָט זיך זאַנוויל צולאַכט.
— וואָס לאַכסטו?
זאַנוויל האָט בשעת מעשה געקוקט אויף איהר געטאַקטע האַנד וואָס
איז געלעגען אויף דעם ראָז־זיידענעם שלאַפראָק. די דורכזיכטיגע וויים־
קייט פון דער האַנד מיט די צואוואָרפענע נעץ פון בלויליכע זיידען פעדים
האָבען זאַנוויל'ען פער'שכור'ט.

---

פאַרטאָג האָט זיך זאַנוויל אויפגעכאַפּט אַ מיעדער, זיך אויסגעטשור־
בעט און זיך אַרומגעקוקט.
אויף אַ וויעג־שטוהל איז געזעסען די בלאָנדינקע אין אַ גרין־זיידענער
גאַברעלע, אייננורענדיג איין באַק אין די ווייסע וואָל פון אַ קליין הינטעל.
— ס'איז נאָך פריה! וואָס איילט איהר זיך! — האָט די בלאָנדינקע
געזאָגט מיט אַ שמייכעל, זיך אויפגעשטעלט און גענומען גערן צו זאַנוויל'ן
מיט'ן הינטעל אויף דער האַנד.
זאַנוויל'ס פערלאָפענע אויגען האָבען אויף איהר געקוקט מיט אַ
מאָדנעם ערנסט.
— וואָס, איהר זייט ברוגז? — האָט די בלאָנדינקע זיך צושמייכעלט
און אַ שעלמישען וואָרף געטהאָן דאָס הינטעל אויף זאַנוויל'ען.
דאָס הינטעל האָט אַ קוויטש געטהאָן און אַראָבגעשפּרונגען.
— וואָס פאַלט איך איין? — האָט זאַנוויל געענטפערט, אָנגע־
כאַפּט די בלאָנדינקע פאַר דער האַנד און בשעת מעשה דערפיהלט ווי אַלץ
אין איהם שפּאַרט אין מח אַריין.
דאָס הינטעל האָט זיך גענומען וואַרפען מיט אַ בילערייי אויף
זאַנוויל'ען. די בלאָנדינקע האָט געכאַפּט דאָס הינטעל פאַר די אויערען
און מיט איהם אַרויס פון צימער.
זאַנוויל איז געבליבען אַליין, דערפיהלט ווי אַלץ ביי איהם ווערט
אָבגעקיהלט, געהמט פערגליווערט ווערען, פריערט. ער האָט געפיהלט פון
זיינע הענד איהר ליב און גענומען זיי רייבען איינע אין די אַנדערע, האָט

גרוים חשק געהאַט צו צוברעכען איהר בעט, צורייסען די ראָז־זיידענע פּאַרהאַנגען. באַלד איז די בלאַנדינקע ליכט אריין, פערשליסענדיג נאָך זיך די טהיר.

זאַנוויל האָט בעמערקט איהרע קליינע, ווייסע פיסלעך, און ווידער אין אַלעם פערגעסען.

---

זאַנוויל איז אַרוים פון דער „וויקטאָריע" צוזאַגענדיג, אַז ער וועט ביינאַכט ווידער קומען. ער האָט גיך דורכגעשפּאַנט עטליכע געסלעך און אַ מיעדער איז ער אריין אין זיין נומער.

זיינע חברים זיינען נאָך געשלאָפען אין די קליידער. זאַנוויל האָט אריבערגעוואָרפען דאָס לײלעך איבער'ן קאָפּ, זיך איינגעוויקעלט, עטליכע מאָל אָבגעזופט און איינגעשלאָפען.

אַרום האַלבען טאָג האָבען איהם די חברים געוועקט.

— קריך אַרוים — האָט גראַדול געשריען און איהם געצויגען פאַר אַ פוס — קישקע ווארט שוין אויף אונז!

זאַנוויל האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגען, דערפיהלט אַ שרעקליך פייער אין גאַנצען קערפּער, אַרים אַרוים געטהאָן דעם פוס און זיך צוברומט:

— כ'געה נישט!

— וואָס הייסט, געהסט נישט? — האָט גראַדול אַ פערוואונדערטער געפרעגט.

זאַנוויל האָט נישט געענטפערט.

— נו? — האָט איהם גראַדול ווידער געמונטערט.

— ברעך הענט און פים! — האָט זאַנוויל מיט כעס אויסגעשריען און זיך אויסגעדרעהט.

— ריים זיך נישט! — האָט גראַדול בייז געענטפערט און געגאַנגען צו דער טהיר. — און אויב עס ברענט, לעקט מען אַ קאַץ!

זאַנוויל איז געלעגען אַ צובראָכענער, די פים זיינען געווען שווער און עס האָט זיך איהם געדאַכט אַז אַלע גליעדער זיינען צושרויפט, וואַק־לען זיך און קנאַקען. ער האָט זיך עטליכע מאָל געוואָלט איבערציהען, נור

די גליעדער האָבען נישט געדריענט. ער האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ אין קישען און געבליבען ליגען ווי אַ שטיק ליים. פאַר איהם איז דורך ווי אין חלום דער גאַנצער נעכטיגער אבענד. ער האָט נאָך יעצט געפּיהלט אויף זיינע ליפּען איהרע הייסע קושען, האָט עטליכע מאָל צוגעשטעקט די פינגער צו זיינע ליפּען — איהם האָט זיך אויסגעדאַכט ווי ער טאַפּט אָן דעם קוש, און האָט מיט אַמאָל דערפּיהלט ווי זיינע מוסקולען ציהען זיך צוריק אָן, ווערען נאָך שטאַרקער ווי פריהער.

עטליכע מאָל איז איהם דורך אין מח רחל. אָבער ער פלעגט נור מאַכען אַ גרימאַסע מיט'ן פּנים, גלייך ער וואָלט איינגעשלונגען אַ ביטערען פּיל און ווידער געטראַכט וועגען דער בלאָנדע.

— ער וועט קומען מיט דער בלאָנדע אהיים, געהן מיט איהר געאַרעמט ווי אַ שררה. אַלע וועלען זיך אָבשטעלען, קוקען וואָס פאַר אַ שעהן מיידעל זאַנוויל האָט זיך געבראַכט און ווי זי געהט דאָס אויסגע־פּוצט? שעהנער ווי אַ כראַביאַנקע! און אַט וועט איהם אַנטקעגען קומען רחל, וועט צומישט ווערען, נישט גלויבען איהרע אייגענע אויגען — — — און ער? ווי קיינמאָל גאָרנישט! געהט זיך שטייף און רעדט מיט זיין דאַמע!

פאַרנאַכט האָט זיך זאַנוויל ווידער איבערגעטרייסעלט, זיך אַרומ־געקוקט און רוהיג געלעגען. ער האָט געפיהלט אַ העליש פייער אין די ביינער. די פיס האָבען איהם שטאַרק געצווייגען, גלייך פּיאַווקעס וואָלטען דאָס בלוט אויסגענאָגט. אַלס האָט איהם געקעלט, און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ווען ער זאָל יעצט די בלאָנדע טרעפען וואָלט ער זי דער־שטיקט, אַז זי האָט איהם איבערגעפיהרט, האָט אויסגענאָגט זיין בלוט און מאַרך. ער האָט זיך מיט אַמאָל דערפּיהלט שוואַך ווי אַ קינד און אַ שרעק האָט איהם אַרומגענומען.

— און וועך ווייס צי זי איז נישט אַ קראַנקע? — האָט זאַנוויל אַ טראַכט געטהאָן, איינגראָבענדיג טיעף דעם קאָפּ אין קישען — זי האָט מיך איבערגעפיהרט!

ער וועט אהיימקומען אַ קראַנקער, ער ווייס אַז די קרענק איז די מיאוס'סטע, אַז ס'איז כמעט אונמעגליך זיך אויסצוהיילען פון איהר. און

טאַקע „טל־ומטר“ איז דאָך געוועזן אַ העלד, פון זיינע גבורות איז מען דאָך נשתומם געוואָרען, און אַז ער איז קראַנק געוואָרען און גענומען צופאַלען שטיקערווייז, האָבען די חברים איהם פערלאָזט. און ער אַליין געדענקט איהם: אַ הויכער מיט צוויי ווילדע אויגען, מיט אַ רויטער אָבגע־פוילטער נאָז, מיט אַזעלכע רויטע פלעקען איבער'ן גאַנצען פּנים, און גע־גאַנגען איז ער ווי אויף שטאַלצען.

זאַנוויל האָט דערפיהלט אַ קאַלטען שוידער איבער זיין גאַנץ לייב, ער האָט פערקוועטשט די פויסטען און זיך פערטראַכט: ער איז אין דער־היים. אַלע ווייסען אַז ער איז קראַנק, מיידען איהם אויס. און ער איז געצוואונגען צו שלאָפען אין הקדש. פון טאָג צו טאָג ווערט ער שוואַכער, ער קאָן שוין נישט אַרויס אויף דער גאַס. און אַלץ איבער רחל'ן, איבער דער פערדריפּעטע חסיד'ישע טאָכטער!

מיט אַמאָל האָט זאַנוויל דערהערט עטליכע קולות אונטער זיין פענס־טער. ער איז אַראָב פון בעט און זיך גענומען אָנטהאָן. משה'לע האָט גערעדט הויך מיט'ן בעל־הבית פון האָטעל. באַלד האָט זיך די טהיר אויפ־געפּראַלט און צוויי פערדס־הענדלער מיט משה'לע ביק האָבען אַריינגע־טראָגען עפּעס אַ פערבלוטיגטען קערפּער און איהם געלעגט אויפ'ן בעט. זאַנוויל האָט אין די קליידער דערקענט גראַדול'ען, וועלכער איז געלעגען און געקרעכצט. עס איז כמעט אונמעגליך געוועזען איהם צו דערקענען, אַזוי צו'ממית'ט איז ער געוועזען. די אויגען האָט מען נישט אַרויסגעזעהן, זיי זיינען געווען פערלאָפען מיט צוויי שוואַרץ־בלויליכע לאַנטערנעס. פון מויל און פון קאָפּ איז גערונען בלוט.

— וואָס איז דאָס? — האָט זאַנוויל אַ געשריי געטהאָן.

משה'לע האָט זיך אָוועקגעזעצט אויפ'ן פאַרענץ פון בעט און אָפּער־געוואָרפען זיינע פּיס:

— די גאַנצע צייט געכראָפּעט און איצט שרייט ער!

זאַנוויל האָט נישט געענטפערט.

— איהר וועט זיך שוין שפּעטער קריעגען — האָט זיך אַ פערד־הענדלער אַריינגעמישט — יעצט לויפט נאָך אַ דאָקטאָר! דער יונג קאָן דאָך אָבגעהן מיט בלוט! און מאַכט גיכער אַ ויברח! פּאָליציי זוכט איהם!

— ביק, נישט קיין פּיפּס! הערסט! — האָט זיך זאַנוויל געווענדעט צו משה׳לען — גיי שוין נאָך אַ דאָקטאָר.

משה׳לע איז אויפגעשפּרונגען און איז אַרויס.

— ווי ר׳נאָך איז דאָס געשעהן? — האָט זיך זאַנוויל געפרעגט ביי די אידען.

— פּשוט! ער האָט געוואָלט נעהמען אַ פּאָר פערד, האָט מען איהם געכאַפּט, און ווען נישט מיר, וואָלט ער דער׳הרג׳עט געוואָרען.

זאַנוויל האָט גענומען אַ שיסעל וואַסער און גענומען אָפּוואַשען דעם פערבלוטיגטען גראַדולען. ער האָט געפיהלט, אַז דורך איהם איז דאָס אַלץ. ער איז זיך עטליכע מאָל דורך די שטוב און בעשלאָסען נאָך היינט מיט׳ן קראַנקען אַהיים צו פאָהרען.

## .17

— גלויב מיר, רחל, — האט נסן געזאגט צו זיין טאכטער, — מען פערגינט מיר פשוט ברוך'ן נישט! און לאמיר זיך טאקע נישט נארען: ברוך איז פארט דער בעסטער בחור אין שטעדטעל, האט היתר־הוראה, האלט ביים צושטעלען זיך צום עקזאמען, און טאקע באלד, אם ירצה השם, נאך דער חתונה לאז איך זיך קאסטען עטליכע הונדערט רובעל און ברוך וועט קריגען א „שטאדט" און ווערען רב. וואס קען זיין עפּעס בעסערס?

דא איז נתן אנטשוויגען געווארען, געטהאן א שמעק טאבאק און געקוקט אויף דער טאכטער.

רחל האט גאר נישט געענטפערט. זי איז נאר בלאסער געווארען, אראבגעלאזט די אויגען.

— נו, טאכטערשי! — האט דער אלטער א הוסט געטהאן.

רחל האט אויפגעהויבען איהרע פערלאפענע מיט טרעהרען אויגען.

— טהוט וואס איהר ווילט! — האט זי אויסגעשאסען מיט א גע־וויין און ארייין אין אן אנדער חדר.

— א יונג קינד, שעהמט זיך מן הסתם — — לאז זי זיך אביסעל אויסוויינען, ס'מאכט נישט — האט נתן א טראכט געטהאן און זיך צו־געשפּארט אויף דער קאנאפּע.

רחל איז אריין אין איהר שלאף־צימער. זי האט גענומען שפאנען הין און צוריק איבער'ן קליינעם צימער און האט געפיהלט, אז דא טהוט זיך עפּעס, אז מענשען געהען ארום, טראכטען, פלאנעווען, ווי אזוי זי גליקליך צו מאכען... רחל האט האסטיגער געשפּאנט איבער'ן קליינעם צימעריל און מיט א שנעלקייט האט זיך ביי איהר אין מוח געוועבט אלץ נייע און נייע פּלענער ווי אזוי פּטור צו ווערען פון שדוך. מיט א מאל

האָט זיך ביי איהר אין מוח ווי עפּעס אָבגעריסען. דעמאָלט האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, אויפגעשנירעלט איהר ווייסען שטערען, עטוואָס אראָפּ־געלאָזט איהרע אויגען־לעפּלעך און געקוקט, געזוכט — נור ווי אויף צו להבעים האָט זי זיך נישט געקענט דערמאָהנען, האָט אַ טופּע געטהאָן פאר כעס מיט'ן פוס און גענומען שפּאַנען ווייטער. ווען זי האָט דער־פיהלט אַ שטארקע מיעדקייט אין איהרע פיס, האָט זי זיך אויסגעצויינען אויף דער סאראַטענער קאַנאַפּע און בעשלאָסען נאָך היינט ביינאַכט צו זאָגען דעם פאָטער, אַז זי וויל ניט דעם שדוך, אַז זי וועט זיין אומגליקליך איהר גאַנץ לעבען מיט ברוך'ן, אַז — — — אַז זי ווייס אַליין נישט פאר וואָס... און פאר איהר איז עפּעס ברוך אויסגעוואַקסען מיט אַ מאָל פיעל מיאוס'ער ווי ער איז געווען. די נאָז — האָט זיך איהר געדאַכט — איז דאַרער און לענגער, צוּאַוואַקסט זיך אין מויל אריין און דאָס יונגע, בלאַסע פּנים האָט אין זיך עפּעס אַזאַ אַלטקייט, און דער קנייטש, וואָס טהיילט אָפּ די נאָז פון שטערען, האַלט זיך אין איין בעוועגען. גלייך אימיצער וואָלט ביי איהם דאָרט געזעסען און געפּיקעט, און אין גאַנצען זעהט ער אויס ווי אַ מילץ פון אַ הערינג.

רחל האָט געפיהלט, ווי עס ווערט איהר קאַלט. זי האָט שטאַרק איינגעקוועטשט איהרע ביידע שלייפען מיט די פויסטען און בעשטימט עס זאָל איהר גוה אין לעבען, וועט זי מיט ברוך'ן נישט חתונה האָבען. און אין איהר אייגענעם טראַכטען האָט זי געפיהלט, אַז דאָס וועט קיינ־מען נישט זיין, אַז זי וועט דעם פאָטער קיינמאָל נישט זאָגען, אַז זי ליעבט זאַנוויל'ען דעם פערד־גנב, אַז איהר גאַנצער טראַכטען איז נישט מעהר ווי אַ זיסער צייט־פערטרייב, אַז זי גענאַרט זיך זעלבסט, און זי האָט זיך מיט אַ מאָל דערפיהלט אַזוי שוואַך און הילפלאָז ווי אַ קינד...

די שנאה צו ברוך'ן איז ביי איהר מיט אַ מאָל פערשוואונדען. דער טאַטע האָט איהר געזאָגט, אַז ברוך וועט באַלד נאָך דער חתונה ווערען רב. זי וועט זיין רביצין. אַלע ווייבער וועלען איהר קוקען אין מויל אריין. יעדע וועט זיך שעצען גליקליך מיט איהר צו פערברענגען, הערען איהר מיינונג און וואו נאָר אַ שמחה אין שטאָדט, וועט מען זי פער־בעטען, זעצען אויבען אָן, מכבד זיין מיט'ן בעסטען. רחל האָט זיך אָנ־

געשטערנגט ווייטער צו ציהען דעם געדאנק, נאר פלוצלונג איז פאר איהר ארויסגעוואקסען די רביצין פון שטאדט אין איהר זיידענע קופקע מיט די לאנגע דימענטענע אוירינגען, און אז באלד נאכ'ן באדעקענס וועט מען זי אוועקזעצען אויף א גרויסען שטוהל, צולאזען איהרע פלעכטען און די רביצין וועט זיי אפשערען. רחל האט א כאפ געטהאן איהרע צוויי לאנגע צעפ, זיי בעטראכט, גענומען זיי קושען, גלייך ווי זי וואלט זיך צושיידט מיט זיי אויף אייביג און פאר איהר איז מיט א מאל ארויס־געשוואומען די אלטע קריינדיל, די חלות און טשאלענט בעקערין. ווי רחל איז איינמאל פרייטאג נאך מיטאג צו איהר אריין. אונטער א שפאּ־נישע וואנד איז געשטאנען די אלטע קריינדיל, געמידליעט א יונג וויי־בעל דעם קאפ מיט א האריגען פענזעל, גענומען א בריטווע און געגאלט. און דאס יונגע ווייבעל האט אויסגעזעהן ווי אן אויסגעצוואגען קעצעל.

רחל האט ווידער א מאל דערפיהלט א שנאה צו זיי אלע, אפילו צו איהר פאטער. איהר האט זיך געדאכט, אז אלע האבען זיך צונויפ־גערעדט זי אומגליקליך צו מאכען, אז קיינער פערשטעהט זי נישט, וויל זי גאר נישט פערשטעהן... זי האט פערגעסען, אז זי איז ברוגז מיט זאנוויל'ען און זי איז געווען זיכער אז ער וועט זי ראטעווען, פון אונטער דער חופה אפערנעהמען און האט בעשטימט איהם גלייך צו זעהן.

ווי א פער'סם'טע איז רחל ארויס פון שטוב, און שנעל געשפאנט צו שלמה'ס הויז. אין פענסטער איז געווען ליכטיג. זי האט נישט געטראכט און אריין:

— א, סקאציל קומט! א גאסט! — האט תרצה געזאגט און אפ־געווישט מיט'ן פארטוך א בענקעל.

רחל איז רויט געווארען, זיך צוטומעלט, האט א פינטעל געטהאן מיט די אויגען ווי איינער וואס וויל זיך אן עפעס דערמאהנען:

— א דאנק, תרצה! זייט אייך נישט מטריח, כ'האב אייך נאר געוואלט זאגען, איהר זאלט צונעהמען די מעהרען.

— וואס פארע מעהרען?!

— איהר ווייסט גאר נישט? א חידוש! — האט רחל געענטפערט אין גאנצען א צופלאמטע, — אייער זאנוויל האט יענע וואך בעשטעלט

אַ קערץ מעהרען פאַר די פערד און ער קומט זיי נישט נעהמען, — ס'האַלט דאָך אין רעגענען, זיי קענען פערפוילט ווערען...

— און ער האָט אייך בעצאָהלט? — האָט זיך תרצה געפרעגט.

— געוויס! וואָס דען?!

— גלויבט מיר, רחל, דער יונג מאַכט מיך בדיל הדל! אָט זעהט איהר, געקויפט מעהרען און גאָר נישט! דער יונג איז דאָך שוין באַלד אַ וואָך אויף לוויוויטשער יריד, און געה זיי אַ נביא, אַז ער האָט געקויפט מעהרען! אַ שעהנעם דאַנק, רחל'שע, וואָס איהר זייט געקומען. בלי נדר, מאָרגען שיק איך מיין „אַלטען" נאָך זיי. וואָס האָב איך געוואָלט זאָגען? יאָ! — האָט תרצה געהאַלטען אין איין מאָלען, — איהר, רחל, האָט דאָך אונז אין גאַנצען פערשעהמט, נישט געבליבען צו דער סעודה, מיין זאַנוויל האָט אייך אַרומגעזוכט.

רחל האָט אָנגעקוקט תרצה'ן, און איהר האָט זיך געדאַכט, אַז די אַלטע תרצה אָהן צייהן וויים אַלעס און שמייכעלט, אַז זי וויים, אַז זאַנוויל האָט קיינמאָל קיין מעהרען נישט געקויפט און אַז דאָס האָט זי זיך פערברענקט נאָך איהר זאַנוויל'ען און איז דאָס געקומען מיט אַן אויסרייד.

## .20

אין אבענד איז זאַנוויל געקומען פון יריד און געוואָהר געוואָרען, אַז רחל נעהמט אַ כלה ווערען פאַר ברוך גיטעל׳ס. ער איז געוואָרען מאָדנע אונרוהיג. ער האָט מעהר ניט געקענט איינזיצען אויף אַן אָרט, איז ארוים אין גאַס און זיך געלאָזט געהן צו גראַדול׳ען.

אַ ווינד האָט זיך פון ערגעץ אָבגעריסען און גענומען שטאַרק בלאָזען, אויפהויבענדיג גאַנצע קופּעס שטויב. דער ווינד האָט זיך געדרעהט, געיאָגט איבער דער גאַס מיט אַ פּייף.

זאַנוויל האָט גענומען גיכער שפּאַנען.

ער האָט זיך מיט אַ מאָל אָפּגעשטעלט.

נתן מיט רחל׳ען זיינען איהם אנטקעגען געקומען.

דער ווינד האָט זיך שטאַרקער צופייפט, ערגעץ וואו אויף אַ דאַך אַ הויב געטהאָן אַ שטיק אָבגעריסענע בלעך, אַ ריס אראָפּ געטהאָן פון נתן׳ס קאָפּ זיין טוכען היטעל און מיט אַ שנעלקייט עס גענומען טראָגען איבער׳ן גאַס.

דער אַלטער מיט דער טאָכטער זיינען געבליבען שטעהן ווי אונבעהאָלפען, זיך איבערגעקוקט און באַלד זיך געלאָזט נאָכ׳ן היטעל.

זאַנוויל האָט געטהאָן אַ שפּרונג, געכאַפּט דאָס היטעל און מיט דרך־ארץ עס צוגעטראָגען נתנ׳ען.

— אַ שעהנעם דאַנק וואָס איהר האָט זיך מטריח געוועזען, זאַנוויל! דאָס הייסט אַ ווינד! — האָט דער אַלטער געזאָגט און אָנגעטהאָן דאָס היטעל.

זאַנוויל האָט עפּעס געוואָלט זאָגען, אָנגעקוקט די איבערגעשראָקענע רחל, נאָר מעהר ווי אַ נאַרישער שמייכעל איז ביי איהם אויפ׳ן פּנים ניט ארוים.

ווען נתן מיט רחל׳ען זיינען שוין געוועזען אַ שטיק פון איהם, האָט זיי זאנוויל נאָכגעיאָגט אַ צוטראָגענער:

— געהט גיכער אהיים, ר׳ נתן!... עס וועט באַלד אַ גאָס טהאָן אַ רעגען! — האָט זאנוויל אויסגעשאָסען און איז רויט געוואָרען.

— הלואי! — האָט נתן געענטפערט, — די קארטאָפעל דארפען רעגען ווי אַן אויג אין קאָפּ.

זאנוויל האָט בעמערקט ווי רחל האָט געשמייכעלט און ער איז עפּעס צופריעדענער געוואָרען.

ער איז זיי נאָכגעגאַנגען.

אַ בליץ האָט אָנגעצונדען די גאַנצע גאַס.

ערגעץ ווייט האָבען גענומען פּלאַצען גרויסע פעלזען, געפּלאַצט און געקייקעלט זיך אַלץ נעהנטער, זיך צוקראַכט ערגעץ אין דער הויך, זיך פאַנאַנדערגעשאָטען ווי מתנות פויקען.

עס האָט באַלד אַ גאָס געטהאָן אַ רעגען, געפּליוכעט ווי מיט צעבערס.

זאנוויל איז אריין אין הויז געגענאיבער נתנ׳ען.

ביי נתנ׳ען איז געוועזען ליכטיג.

זאנוויל האָט אַ נערוועזען ציטער געטהאָן:

אין דער טיהר פון נתן׳ס הויז איז געשטאַנען רחל.

ער איז לייכט צו צו איהר.

רחל, דערזעהענדיג זאנוויל׳ען, האָט זיך דערשראָקען און זיך אריינגערוקט אין הויז אריין. באַלד איז זי צוריק ארויס:

זיי זיינען געשטאַנען עטליכע מינוט, זיך אָנגעקוקט מיט ערנסטע פּנים׳ער.

זאנוויל האָט אראָפּגעלאָזט די אויגען און געזאָגט:

— רחל, איך דארף דיך זעהן! כ׳האָב עפּעס מיט דיר צו רעדען. זיי מאָרגען אַכט אַ זייגער אין פעלד! וועסט זיין?

— כ׳וועל זיין! — האָט רחל געענטפערט, נישט געזאָגט קיין גוטע נאַכט און פערשוואונדען אין פינסטערען קאָרידאָר.

זאנוויל איז געבליבער שטעהן עטוואָס אַ צומישטער. לאַנג האָבען אין זיינע אויערען געקלונגען רחל׳ס טריט און דער סקריפּ פון דער טיהר.

ער האָט דערפיהלט, אַז דער גרונד אונטער זיינע פיס בעוועגט זיך, נעהמט אפּערשווימען פון אונטער איהם און ער בלייבט ערגעץ אין דער לופט.

מיט אַ מיעדקייט אין קערפּער האָט זיך זאַנוויל אוועקגעזעצט אויף אַ טרעפּעל, איינגעגראָבען דעם קאָפּ אין זיינע גרויסע הענד, שטאַרק פערקוועטשט די אויגען און פון די צייהן האָט זיך געהערט אַ מאָדנע קריצעריי, גלייך אַ שאַרפע זעג וואָלט געשניטען אַן אַלטען דעמב. זאַנוויל האָט געשפּירט, אַז עס הויבט איהם פון אָרט, אַז אַזוי גלאַט אוועקגעהן אָהן אַלעם קען ער נישט, אַז ווען ער וואָלט יעצט געכאַפּט רחל'ען, וואָלט ער זי דערשטיקט, נישט געלאָזט זיך אַזוי טרעטען און בלאָזען אין דער קאַשע אריין. וואָס מיינט זי? — אַ גנב האָט קיין הארץ נישט? און וואָס האָט זי דאָס פערקאָכט אַ קאַשע מיט די מעהרען?! ווען האָב איך ביי איהר געקויפט מעהרען? זי ליעגט שוין מסתמא יעצט אין בעט און לאַכט אין די פויסטען אריין ווי ר'נאָך זי איז פּטור געוואָרען פון מיר. אַ כאָליערא! זי וועט זיך נישט לאַנג פרעהען. כ'וועל איהר באַלד צייגען, אַז כ'שטעה נאָך, אַז מיך צו פּטר'ן איז נישט אַזוי לייכט! כ'נעהם באַלד אַ שטיין און טהו אַ טראַסק אין פענסטער אריין, עס זאָל פון איהם קיין זכר נישט בלייבען!

זאַנוויל האָט גענומען זוכען אַ שטיין, איז דורכגעלאָפען אַ האַלבע גאַס, געזוכט, און אַלע שטיינער, וואָס האָבען זיך דאָרט געוואַלגערט, זיינען איהם עפּעס נישט געפעלען געוואָרען. ער איז באַלד צוריקגעקומען צום פענסטער און געהאַלטען אין איין טענה'ן צו זיך: וואו קריגט מען עפּעס אַזאַ קיילעכדיגען, שפּיציגען שטיין? ער איז צו צום פענסטער און אריינגעקוקט מיט ביידע אויגען, נאָר ער האָט גאָר נישט געזעהן.

פון דערווייטענס איז געשטאַנען דער נאַכט־וועכטער מיט זיין גראָבען שטעקען און געקוקט מיט פערדאַכט אויף זאַנוויל'ען. דער וועכטער האָט גענומען פּאַמעליך צוגעהן. זאַנוויל איז אַזוי געווען צוטראָגען, אַז ער האָט נישט געהערט ווי דער וועכטער איז צו צו איהם. נאָר ווען דער וועכטער האָט איהם שטאַרק אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנד און אַ געשריי געטהאָן: „קום מיט מיר, נאַכט־פויגעל!" האָט זיך זאַנוויל ווי אויסגעניכטערט און זיך אויסגעדרעהט.

דער נאַכט־וועכטער האָט אַ הויכען פייף געטהאָן און געהאַלטען זאַנוויל'ען פעסט מיט ביידע הענד. זאַנוויל האָט מיט אַן איבערנאַטירליכע קראַפט פון אַן אוננאַרמאַלען מענש זיך אַ שליידער געטהאָן אויף'ן וועכטער, זיך עטליכע רגע'ס געאַמפּערט, איהם אַ וואָרף געטהאָן אויף דער ערד, אַ זעץ מיט'ן פוס אין הארץ אריין און איז אריבער דורכ'ן פּאַרקאַן פון נתן'ס סאַד.

פון אַלע זייטען האָבען זיך געהערט פּייפערייען און באַלד האָבען זיך אין דער שטילער נאַכט אריינגעטראָגען די שווערע טריט פון די וועכטערס. זאַנוויל האָט געוואוסט, אַז יעצט צו אַנטלויפען איז אַ סכנה, מען וועט איהם געווים כאַפּען. ער האָט גענומען זוכען אַן אָרט וואו זיך צו בעהאַלטען.

אין עק גאָרטען איז געווען אַ גרוב פון קאַרטאָפעל, פערמאַכט מיט אַ גרויסען שטיין. זאַנוויל האָט אָבגערוקט דעם שטיין, איז אריין, צוריק פערמאַכט, האָט זיך ארונטערגעלעגט אונטער אַ דריבעז פון וואַסער און געלעגען אין געהאַקטע צרות.

עס האָבען זיך באַלד דערהערט קולות אין גאָרטען. מען האָט איהם געזוכט. ער האָט געהערט נתן'ס קול און עס האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אַז מען האָט איהם שוין, מען פיהרט איהם ארוים, יעדער איינער שלאָגט איהם און רחל שטעהט און קוקט. ער האָט בעשלאָסען צו זיין גרייט אויף אַלעס, אפילו זיך צו פערטהיידיגען מיט'ן רעוואָלווער, האָט בשעת מעשה ארויסגענומען פון דער קעשענע אַן אייזערנע הענטשקע און זי זיך אָנגעטהאָן אויף דער האנד.

עס איז שטיל געוואָרען. זאַנוויל איז נאָך געלעגען אַ לענגערע צייט. דערנאָך איז ער ארוים און אוועק אַ דורכגעווייקטער דורך הינטער־געסלעך צו גראַדול'ען.

ביי גראַדול'ען איז געווען ליכטיג.

אין אַ גרויס הילצערן בעט איז גראַדול געלעגען. זיין פּנים האָט אויסגעזעהן ווי בעשאָטען מיט אש. ער איז געלעגען און געכאָרכעלט מיט זיין ברוסט ווי אַ נאַנז.

ביים טיש איז געזעסען ביילע אַ פערוויינטע.

— וואָס הערט זיך? דער דאָקטאָר איז געווען? — האָט זיך זאַנוויל שטיל געפרעגט.

— געווען! — האָט ביילע מיט אַ זיפץ געענטפערט.

— נו, וואָס האָט ער געזאָגט?

— וואָס מיר דאָקטאָר! — האָט דער קראַנקער אָבגעהוסט און אויסגעשפּיגען אַ שטיק בלוט ווי אַ קופּערנער צעהנער. — הערסט, זאַנוויל, איין גאָט זאָל מיר העלפען, ס'איז נישט גוט, ברודער, ס'האָלט שמאָל... די כחות געהען אויס... בלי נדר, מאָרגען פריה טראָג אוועק דעם גבאי פון דער תלמוד תורה אַ פינפעריל מען זאָל זאָגען תהילים.

זאַנוויל איז געשטאַנען, זיך געקראַצט דעם קאָפּ, גלייך ווי ער וואָלט געוועזען דער גאַנצער בעל־חייב, וואָס גראַדול איז קראַנק. באַלד האָט זיך ביילע צוכליפּעט. ער האָט נישט געקענט מעהר צוהערען, איז אריין אין שלאָף־צימער און זיך אויסגעצויגען אויף גראַדול'ס בעט.

עס האָט זיך איהם אַלץ געפּלאָנטערט, אַז מען יאָגט איהם, אַז באַלד קומט מען ארויף, מען נעהמט איהם פון בעט אַרויס און מען פיהרט איהם אַ געשמידטען אוועק.

מיט אַ מאָל האָט זיך אַ געוואַלדיג־הויכער מענש מיט איין אויג אין שטערען גענומען פּאַקען צו איהם דורכ'ן פענסטער. ער האָט זיך געפּאַקט און געפּאַקט, אַנגעפילט די גאַנצע שטוב, יעדעם ווינקעל, יעדע שפּאַרע, און דאָס אויג האָט געשאָסען מיט פּאַספּאָר־שטראַהלען.

דער מענש האָט זיך געהאַלטען פאַר זיין גרויסען, געפאַלדעוועטען בויך, געפלאַצט פון געלעכטער, געוואונקען מיט'ן אויג:

— אבע! רחל האָט דיך אוועקגעוואָרפען! אוועקגעוואָרפען!

פון פערדרוס האָט זאַנוויל אונטערגעשפּאַרעט זיין פערשווימטען פערד, ארויסגעבאַפּט די לאַנגע, קרומע שווערד און אַ ביטערע מלחמה האָט אויסגעבראָכען צווישען איהם און דעם איין־אויגיגען מענש.

מיט יעדען פּאַך פון דער שאַבלע האָט זאַנוויל געשפּאָלטען דעם מענש אין צווייען, און פון דעם מענש זיינען באַלד צוויי מענשען געוואָרען, און אין אַ ווײַלע ארום אַ פולע שטוב מיט איין־אויגיגע מענשען,

און אלע האבען זיך געהאלטען פאר די געפאלדעוועטע בייכער, געלאכט און די אויגען האבען געשאסען ווי פאספאר־שטראהלען...

זאנוויל איז געווארען שטארק בייז, איז אראפ פון פערד, געכאפט איין מענש פאר'ן גערדיק, איהם אויסגעשטאכען דאס אויג און באלד האט א קראך געטהאן א דונער — אלעס איז צושוואומען.

זאנוויל האט זיך אויפגעכאפט אן אפגעגאסענער פון שוויים, גע־עפענט די אויגען: פינסטער, און אין דרויסען און האט געגאסען מיט צעבערס.

ביילע איז געזעסען אויף איהר בעט און זיך אויסגעטהאן. זי האט איינגעטוליעט דעם קאפ אין קישען און שטיל געוויינט.

זאנוויל'ען האט עס געהויבען פון בעט. ער האט נישט געקענט הערען ווי ביילע וויינט.

— ביילע?

— זאנוויל, איהר שלאפט נישט?

— ניין! — האט זאנוויל געענטפערט. — ביילע, וואס וועט אייך העלפען אייער וויינען. גלויבט מיר, גראדול וועט נאך געזונד ווערען. איהר וועט זעהן. — —

— א, זאנוויל, — האט ביילע וויינענדיג געזאגט און זיך אויפ־געזעצט. — קיינער ווייס נישט, ווי שלעכט מיר איז. — א האלב יאהר נאך א חתונה — — און דער דאקטאר זאגט, ס'איז קיין האפנונג ניטא...

ביילע האט זיך צואוויינט אויפ'ן קול.

זאנוויל'ען האט באנג געטהאן צו וואס ער איז געקומען נעכטיגען, האט נישט געקענט הערען ווי ביילע וויינט, האט פערשטאפט די אויערען מיט די פינגער און איינגעגראבען דעם קאפ אין קישען.

ביילע איז געווארען שטילער, געגומען דערצעהלען ווי ר'נאך זי האט זיך בעקענט מיט גראדול'ען, ווי ער האט זיך אין איהר פערליעבט, ווי ער פלעגט זי ארומטראגען אויף די הענד, פלעגט איהר דאס ארט אבהויבען, און וואס האט איהר טאקע געפעהלט? — — — —

זאנוויל האט געשפירט ווי די מיעדקייט איז אוועק. ער האט זיך נעפיהלט קרעפטיג פון ביילע'ס מעשיות און זיך געדרעהט אין דרייען אונ־

טער דער קאָלדרע. ער האָט מעהר נישט געהערט וואָס ביילע דערצעהלט איהם. איהם האָט זיך אויסגעדאכט, אז ער איז גראדול, טראָגט ארום די קליינע ביילקע מיט די ברענענדע „שליפּיעס“, מיט די לאַנגע האָר אויף זיינע הענד...

פון דעם „הייזעל“, וואָס עס האָט זיך געפונען וויז־אַ־וויז גראדול'ס פענסטער, האָט זיך געהערט אַ קרעכצען, ווי אַ פערשטיקט געוויין. זאַנוויל האָט אָנגעשפּיצט זיינע אויערען און איהם האָט זיך געדאכט, אז אַ פרוי וויינט. דאָס געוויין איז שטארקער געוואָרען און זיך דערנעהנטערט אלץ מעהר. אַפּנים, אימיצער האָט געשלאָגען אַ פרעהליכע שוועסטער.

און דער רעגען האָט געפּליוכעט גאַנצע צעבערס אין פענסטער אריין.

דאָס געוויין האָט זאַנוויל'ען אויפגערעגט און ער האָט דערפיהלט אַ שרעקליכע ליידענשאַפט. ער האָט פּלוצלונג דערזעהן ווי ביילקע שטעלט זיך אין אַ ווייס לאַנג העמד, שפּרינגט אראָפּ פון בעט און געהט צו צום פענסטער. דאָס ווייסע העמד מיט די צולאָזטע האָר האָבען זאַנוויל'ען נישט געלאָזט רוהען. ער איז געלעגען ווי אויף שפּילקעס מיט בריט צועפענטע אויגען... ביילע האָט געקוקט דורכ'ן פענסטער, קיינעם נישט געזעהן און, אַ קוועטש טהוענדיג מיט די פּלייצעס, האָט זי גענומען צוריקגעהן...

זאַנוויל האָט איהר לייכט אַ צופּ געטהאָן פאר'ן העמד.

ביילע האָט איהם גענומען גלעטען מיט איהר ווייך סאַמעט הענטעל איבער'ן געזיכט... זאַנוויל האָט אין דער לופט דערפיהלט ביילקע'ס אָבגעהאַקטען אָטהעם און האָט זי ארומגעכאַפּט ווי אַ צורייצטער לייב.

## .21

פאַרטאָג. זאַנוויל האָט זיך דורכגעטרייסעלט. נעבען איהם איז געלעגען ביילע, די פיס איינגעוויקעלט אין איהר ווייס העמד, די שווארצע האָר צושאָטען איבער'ן ווייסען קישען און אין מויל האָט זי געהאַלטען דעם קליינעם פינגער פון דער רעכטער האַנד.

פון צווייטען צימער האָט זיך געהערט אַ כאָרכלען און אַ קרעכצען. זאַנוויל'ען איז קאַלט געוואָרען. ער איז לייכט אַראָפּ פון בעט, זיך אויף גיך אָנגעטהאָן און גענומען געהן צום קראַנקען. ער איז אָבער באַלד געבליבען שטעהן. עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז דער קראַנקער האָט אַלעם געזעהן... דורך דער וואַנד... דאָס רופט ער איהם, וויל זיך מיט איהם אויסשמועסען צו אַזוי האַנדעלט מען געגען אַ קראַנקען חבר. אַ קאַלטער שווייס האָט דורכגעשלאָגען זיין שטערען. באַלד אָבער האָט ער זיך צושמייכעלט:

— וואָס, ווער געזעהן! — — — יענער ליעגט דאָרט אין זיינע צרות! — און איז אריין מיט אונזיכערע טריט.

גראַדול איז געשלאָפען. די נאָז איז געווען לענגער און שפּיציגער, די אויגען טיעף אריין, גלייך ווי מען וואָלט זיי אריינגעקלאַפּט און צו־געמאַכט. פון מאָל צו מאָל האָט זיך דערהערט אַ כאָרכעל פון האַלז. דעמאָלט פלעגען זיך די אויגען־לעפּלעך עטוואָס עפענען און אַ פּאָר היה־נערשע אויגען האָבען אונבעשטימט געגלאָצט...

זאַנוויל'ען האָט עס אויפגעשווידערט. ער האָט אַ שפּיי געטהאָן און זיך לייכט אַרויסגע'גנב'עט.

---

זאַנוויל האָט געשפּאַנט איבער די ליידיגע גאַסען.

ביי אַ קליין הייזעל איז געזעסען ר' יעקב, זאַנוויל'ס געוועזענער

רבי, אין אַ פּאָר הויזען מיט אַ לאַנגען טלית־קטן. ער האָט געהאַלטען צווישען די פיס אַ גאַנז, איהר געעפּענט דעם שנאָבעל און אריינגעשאָטען צו לעפּעלעך הירזש. די גאַנז האָט געגלאָצט מיט איהרע פאַרצלאַיענע אויגען, זיך געקרעקט און אראָפּגעשלונגען.

זאנוויל האָט זיך צושמייכעלט:

— גוט מאָרגען, רבי!

דער אַלטער האָט זיך אומגעקוקט:

— אַ גוט מאָרגען, גוט מאָרגען! וואָס מאכסטו עפּעס, זאנוויל?

— אַ דאַנק! און איהר, רבי? פּאַשעט נאָך אַלץ די געגזלעך?

— ווי דען, קינד, אויף דער עלטער, קיין מלמדות נישטאָ מעהר — די ליטוואַקעס, ימח שמם, זיינען זיך אַנגעלאָפען, ארויסגעריסען דעם ביסען פון מויל, און די צייהן אויך דער פּאָליצע לעגען ווילט זיך נישט... נו, פּאַשעט מען געגז!... מען מוטשעט זיך.

זאנוויל האָט אפילו נישט געוואוסט, וואָס דער אַלטער פּלאַפּעלט, נאָר ער האָט פערשטאַנען, אז עס איז ביי איהם נישט יום־טוב׳דיג.

— רבי, נאַט אייך אויף טאַבאַק! — האָט ער איהם דערלאַנגט אַ פּאַפּירענעם רובעל און גענומען שפּאַנען צו דער תלמוד־תורה.

דער גבאי, אַ דיקער איד מיט אַ ברייטע שוואַרצע באָרד, אין אַ סאַמעטענע וועסט, האָט אויסגעהערט זאנוויל׳ען און זיך צושמייכעלט:

— ניין, כ׳קאָן נישט שיקען די קינדער זאָגען תהילים!

— פאַר וואָס? — האָט זאנוויל אַ פערוואונדערטער געפרעגט.

— ווייל... כ׳ווייס — אז דער חלף ליעגט אויפ׳ן האלז, ווערט מען פרום... כ׳קאָן נישט!...

— וואָס קאָנט איהר נישט? — האָט זאנוויל ארויסגעפּלאַצט בייז. — איך פערלאַנג נישט בחנם. אָט האָט איהר פינף רובעל, און אויב ס׳איז ווייניג — זאָגט!

דער גבאי האָט איהם אָנגעקוקט, געוואָרפען אַ בליק אויפ׳ן פינף־פּעריל און אָבגעהוסט:

— גלויב מיר, זאנוויל, אז איך בין דאָ נאָר נישט אויסען! גראָדול איז דאָך פון דור־דורות אַ גנב. און יעצט שיקען די קינדער זאָגען

תהילים?! נו, זאָג דו אַליין, וואָס פאַר אַ פּנים האָט עס?

זאַנוויל איז געוואָרען בלייך ווי קאַלך. ער האָט געהאַט חשק אַראָפּ־צולאָזען דעם גבאי אַ פּראַסק און אַרויס.

— אוודאי איז ער אַ גנב, נישט קיין סופר! און איך בין אויך אַ גנב! איהר הערט? אָבער אידען זיינען מיר! כ׳זאָג אייך נאָך אַ מאָל, איהר זאָלט שיקען די קינדער זאָגען תהילים! איהר וועט שיקען? זאָגט!

דער גבאי האָט זיך דערשראָקען, געקוקט אויף זאַנוויל׳ען, אויפ׳ן געלד, אַריינגעשנייצט מיט אַ טרוקענע תקיעה אין אַ רויט טיכעל אַריין:

— נו, וואָס וועל איך מיט אייך מאַכען? כ׳וועל שיקען.

זאַנוויל האָט אַרויסגענומען פון דער קעשענע נאָך אַ פינפערעל, אַניעדערגעוואָרפען עס אויפ׳ן טיש און געזאָגט:

— זעהט, אַז מען האַנדעלט מיט מיר ווי אַ מענש, בין איך אויך קיין חזיר נישט!

---

מיטאָג־צייט איז זאַנוויל אַרויס אין גאַס, אויספייפענדיג אַ ניגון. ער איז אַריין אין מאַרק. פון אַ זייטיג געסעל האָט זיך געשלעפּט אין מאַרק אַריין דער אַלטער פראַנעק מיט זיין גרויסען באַראַבאַן. ער האָט אוועקגעשטעלט אין מיטען מאַרק די פּויק, זיך אָבגעריהרט אַ ביסעל און גענומען פּויקען וואָס כח נור.

פון אַלע זייטען האָבען זיך גענומען שיטען מענשען. דער מאַרק איז באַלד שוואַרץ געוואָרען. דער אַלטער האָט בעטראַכט אַלעמען אוז מיט אַ שטימע פון אַן אַלטען קאָמאַנדיר האָט ער אויסגערופען:

„ס׳איז פערלאָרען געגאַנגען אַ חזיר מיט אַ שוואַרצען פלעק. ווער עס וועט עס געפינען, איז געבעטען עס צו ברענגען אין ראַטה־הויז אַריין.

„נתן אָגראָדניק האָט מען די נאַכט געוואָלט בע׳גנב׳ענען. זייט פאָרזיכטיג!“

דער אַלטער האָט געענדיגט זיין דרשה, געטהאָן דריי קלעפּ אין באַראַבאַן און גענומען געהן אונטער דער בעגלייטונג פון אַ קינדערשע קאַץ־מוזיק.

זאַנוויל איז געשטאַנען און געשמייכעלט. איהם איז עפּעס דאָס גאַנצע עסק געפעלען. ער האָט אַ פייף געטהאָן און לייכט גענומען שפּאַנען איבער'ן שטאָדט.

---

אבענד. זאַנוויל איז געוועזן אין פעלד און געוואַרט אויף רחל'ען. ער האָט פון פערדרוס געדרויבערט איין פּאַפּיראָס נאָכ'ן צווייטען, ברייט צועפענט די אויגען אין דער נאַכט אריין און געזוכט, געוואַרט אויף רחל'ען.

ער האָט מיט אַ מאָל דערפיהלט, אַז ער איז אויסגעשפּיעלט, אַז זאַנוויל איז מעהר נישט זאַנוויל, אַז עפּעס אַ מיידעל מיט אַ פּאָר שוואַרצע אויגען האָט איהם ב'כשופ'ט. און צום מיינסטען האָט איהם געקרענקט פאַר וואָס זי לאַכט נאָך פון איהם. זי האָט דאָך איהם געקענט זאָגען, אַז זי וויל נישט קומען, אַז זי וויל איהם מעהר נישט זעהן, אַז זי וויל נישט האָבען צו טהאָן מיט אַ גנב. נו, וואָלט ער געוואוסט קלאָרע דבורים, זיך איינמאָל ארויסגעשלאָגען פון קאָפּ און באַסטא! אָבער זיך גאָר רייצען מיט איהם? צוזאָגען און נישט קומען, אַ כאָליערא! ער וועט זיך נישט לאָזען בלאָזען אין דער קאַשע אריין! ניין! ער געהט באַלד צו איהר און מאַכט דאָרט אַ חתונה, אַז עס וועט איהר פינסטער ווערען אין די אויגען!

זאַנוויל האָט גענומען שפּרייזען אין שטאָדט אריין. ער איז געבליבען שטעהן ביי נתן'ס הויז. די פענסטער זיינען געוועזן בעלויכטען, די ראָלעטען אראָפּגעלאָזט. זאַנוויל איז פּאַמעליך צו און האָט אריינגעקוקט. ביים טיש איז געזעסען רחל אָן אויסגעפּוצטע און געשמועסט מיט ברוך'ען. זאַנוויל איז געבליבען שטעהן ווי אַ צוגעשמידטער און געקלעהרט, אַז אויב ער וועט זיי יעצט ניט שטערען, איז ער אַ הינטישער לעבער! זאָלען זיי וויסען, אַז זאַנוויל איז נאָך נישט געשטאָרבען. און איהם, דעם בלאָסען לאָבסערדאַק, וועט ער נאָך ביינאַכט אַ זשעבערע צוברעכען, גלאַט אַזוי!...

זאַנוויל האָט מיט אַ מאָל ארויסגעלאָזט אַ שענדליך וואָרט, געכאַפּט

אַ שטיין און פון הינטער אַ הויז אפער האָט ער איהם אַ שליידער גע־טהאָן גלייך אין פענסטער אריין.

עס האָט זיך באלד דערהערט אַ קוויטש און אַ קלימפעריי פון גלאָז. זאנוויל איז ארונטער אונטער אַ הילצערנע טרעפּ. ער האָט געזעהן, ווי אלע זיינען ארויס, געקוקט אין אלע זייטען, לאנג גערעדט און ס'איז צוריק שטיל געוואָרען.

זאנוויל האָט מיט אַ מאָל דערפיהלט, אז ווייטער אזוי לעבען קען ער נישט, אז ער איז נישט מעהר ווי אַ טרוס! אנאנדערער אויף זיין אָרט וואָלט בשום אופן נישט דערלאָזט, מען זאָל איהם צונעהמען אַ מיידעל! און ער ליעגט דאָ אונטער אַ טרעפּ אַ גאנצע נאכט אין גע־האקטע צרות! דאָ האָט זאנוויל גענומען שפּארען די טרעפּ מיט זיינע פּלייצעס וואָס כח נור, געפיהלט אז עס קנאקט, נאָך אַ קרעכץ און די הילצערנע טרעפּ האָט זיך איבערגעדרעהט.

זאנוויל האָט זיך אָפּגעשאָקעלט און געפיהלט ווי אַ שווערע משא וואָלט אראָפּ פון איהם. צו גראָדול'ען ארויפגעהן האָט זיך איהם נישט געגלוסט.

— ס'וועט זיך געווים איבער'חזר'ען די נעכטיגע געשיכטע! — האָט ער אַ טראַכט געטהאָן און אויסגעשפּיגען.

ער האָט זיך אַ דערשלאָגענער גענומען שלעפּען אהיים. באלד האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַ שמייכעל געטהאָן. ער האָט ערגעץ אויפגעזוכט אַ שמאַטע, זי איינגענעצט, אויסגעשמירט מיט פּאזשע און זיך אוועק־געשטעלט ביי נתן'ס הויז.

שפּעט אין דער נאכט איז ברוך ארויס.

זאנוויל האָט איהם אָנגעכאפּט, איינגעוויקעלט דאָס פּנים אין דער שמאַטע און איהם פעסט געהאַלטען.

ברוך האָט זיך גענומען ראנגלען, מאכען קולות.

רחל איז ארויס.

זאנוויל, דערזעהענדיג רחל'ען, האָט אָבגעלאָזט ברוך'ען און גע־מאכט פּליטה.

## 22

אין שענק ביי א גרויסען טיש זיינען געזעסען עטליכע יונגען מיט זאַנווילען אין דער־מיט און געטרונקען.

ציט גראָדול איז געשטאָרבען אוןביילע האָט זאַנוויל'ען פער־טרויט א סוד, אַז זי טראָגט, איז ער ווי צומישט געוואָרען, זיך געפיהלט שולדיג און זי גענומען מיט א מאָל אויסמיידען. איינזיצען מעהר אין שטוב האָט ער שוין נישט געקאָנט. עס האָט איהם געטריעבען פון יעדען ווינקעל. ער פלעגט נאָר אַראָפּרוקען דאָס היטעל איבער די אויגען, שפּרייזען אין שענק אַריין און שכור'ען.

יעצט איז זאַנוויל געזעסען ווי א הילצערנער, דעם קאָפּ איינגע־ראַמט אין זיינע גרויסע הענד און אַריינגעקוקט אין דעם נישט־דערטרונ־קענעם קופעל ביער. זיינע בלויע אויגען האָבען זיך ווי איבערגעצויגען מיט א מוטנע, וואַסערדיג הייטעל און האָבען אויסגעדריקט עפּעס טעמ־פּעס, אידיאָטישעס... עפּעס האָט ער פּאַר זיך געזעהן קלויסטער־גלאָקען, גרויסע, קליינע. די גלאָקען האָבען געהאַלטען אין איין קלינגען. דער מוח האָט זיך געהויבען און געטאַנצט ווי אויף שפּרינג־פּעדערס.

משה'לע ביק איז אַרוים פון אונטער א טיש אָהן א היטעל מיט א צושויבערטען קאָפּ האָר. ער האָט זיך אוועקגעשטעלט אין מיטען שענק, זיך צוגענעצט, פערהוסט און גענומען שפּייען אויף א שטח פון צוויי איילען.

ער איז צו צו מאַנקע'ן, וועלכע איז געשלאָפען אויף א באַנק, איינ־געוויקעלט אין א וואַרעם ווינטער־טוך, מיט דער האַנד צו־קאָפּענס, און זי פּעסט אַרומגענומען.

מאַנקע האָט צועפּענט א פּאָר פערשלאָפענע אויגען און זיך געבעטען:

— משה'לע, טשעפּע נישט! לאָז מיך שלאָפען!

משה'לע האט מאנקע'ן גוט איינגעוויקעלט אין דעם טוך, איהר א לייכטען קניפ געטהאן, איז צו צו זאנוויל'ס טישעל און גענומען רעדען מיט זיינע חברים.

זאנוויל האט דערהערט דאס ווארט „נתן אגראדניק", און ער האט זיך ווי אויסגעטשוכעט. נישט אויפהויבענדיג דעם קאפ, האט ער אויפ־געשפיצט די אויערען און זיך איינגעהערט וואס זיי רעדען.

— און ווען האט זי דאס חתונה? — האט זיך א געלער יונג מיט א געשפאלטענער ליפ געפרעגט.

— איבער אכט־טאג, שבת חנוכה, — האט משה'לע געענטפערט.

— טא לאמיר צוגעהן רעדען מיט מארטשינ'ען, — האט דער געלער ווייטער געזאגט.

— נישטא וואס צו רעדען, — האט משה'לע וואוילעריש געענט־פערט. — פאר א יאהרען האב איך מיט זאנוויל'ען כמעט קיין איין כלה נישט דורכגעלאזט! דעם טאג, ווען מען וועט פיהרען די כלה אין מקוה אריין, וועלען מיר אריין צו מארטשינ'ען, איהם געבען א פלעשעל פער־ציגער און זיין ווייב וועט אונז ארויפלאזען וואו דער קעסעל שטעהט. נור דארט, חברה, מוז מען זיך היטען! איין איבעריגען דרעה און דו ליעגסט מיט די קאפיטעס אין א קעסעל אוקראפ.

— ס'וועט זיך באטש לוינען? — האט דער געלער געפרעגט און זיך בעלעקט.

— ווארט, ווארט, וועסט זיך ערשט אנהויבען צו בעלעקען, — האט משה'לע געענטפערט מיט א געלכטער, א ווינק געטהאן מיט'ן אויג און געוויזען מיט'ן פינגער אויף זאנוויל'ען — דאס איז א מאל געוועזען ז י י נ ע, פלעגט זיך מיט איהר ארומשלעפען גאנצע נעכט.

זאנוויל האט פערשטאנען, אז משה'לע רעדט פון איהם און איז בלאס געווארען. ער האט געכאפט דעם קופעל ביער און א גאס געטהאן משה'לען אין פנים אריין.

— ס'איז אפשר א ליגען? — איז משה'לע צו צו זאנוויל'ען מיט פערקוועטשטע פויסטען.

מאנקע, וועלכע איז שוין מעהר נישט געשלאפען, האט זיך אוועק־

געשטעלט צווישען משה'לען און זאַנוויל'ען און געוואָלט מאַכען שלום. זי האָט אָנגעכאַפּט משה'לען פאַר דער האַנד און איהם אַוועקגעשלעפּט:

— יענער מאַכט אַ שפּאַס און דו צינדסט זיך אָן!

משה'לע האָט זיך געריסען מיט קולות פון מאַנקע'ן און אַלץ גע־שטאַנען אויפ'ן זעלבען פּלאַץ.

— לאָז מיך אָפּ! וואָס מיר שפּאַס! וואָס מיינט ער, וואָס? ווער שרעקט זיך פאַר'ן? כ'האָב חוטא בעגל געוועזען פאַר'ן פריץ! געזאָגט, אַז ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט מיט נתן'ס טאָכטער! ס'איז אפשר אַ ליגען?

זאַנוויל איז האַסטיג אויפגעשפּרונגען, אַוועקגעשליידערט מאַנקע'ן, זיך אַרויפגעוואָרפען אויף משה'לען און באַלד זיינען זיי ביידע געלעגען אויף דער פּאָדלאָגע, זיך געקאַטשעט ווי צוויי גרויסע קודלאַטע הינד, אַרויסלאָזענדיג מאָדנע קולות, אַריין איינער דעם צווייטען אין די אויגען, אין די האָר. אַ צורייצטער איז זאַנוויל אויפגעשפּרונגען, אַ שפּיי געטהאָן משה'לען אין פּנים אַריין, וועלכעס איז געוועזען פערלאָפען און בעגאָ־סען מיט בלוט און איז אַרויס אויף דער גאַס.

עס איז געוועזען פינסטער און פראָסטיג.

זאַנוויל האָט געשפּאַנט איבער'ן שאָסע, וואו די שענק איז גע־שטאַנען, געקוועטשט די פויסטען און גערעדט צו זיך אַליין:

— ס'מוז נעהמען אַ סוף! ס'מוז! ווייטער אַזוי לעבען קאָן איך נישט!

זאַנוויל האָט אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון האַלבען־פּעלצעל, אַריינגעמאַכט די הענד אין די בוזים־קעשענעס און געוואָלט עפּעס טראַכ־טען. וואָס ער האָט ניט געטראַכט, זיינען באַלד אָנגעשפּרונגען טויזענד אַנדערע זאַכען, מעשיות און קלייניגקייטען, וועלכע ער האָט שוין לאַנג פערגעסען, און האָבען איהם צומישט.

— און וואָס וויל גראַדול פון מיר? — האָט זאַנוויל גענומען טראַכטען.

און אָט איז ער אין אַ געדיכטען וואַלד — — —

ער זיצט אויף אַ גרויסען פּיען.

אַרום ברענען גרויסע פייערן, ס׳בראָטען זיך גאַנצע זייטלעך קאַלב־פלייש, ס׳שטעהען באַרעלקעס מיט בראָנפען, טונקעלע ביער.

זיין „חברה" ליגען אויפ׳ן גראָז, טרינקען, עסען און לאַכען. אַרום זיי פּאַשען זיך דאָנסקע פערד מיט לאַנגע עקען, אַלע געזאָטעלט.

ביילע מיט רחל׳ען זיצען נעבען איהם.

פּלוצלונג דערהערט זיך פון דערווייטענס אַ טראָמביע.

שנעל וואַרפען זיך אַלע אויף די פערד, כאַפּען די ביקסען, שטעלען זיי אָן גרייט צום שיסען.

ס׳בעווייזען זיך מחנות מענשען אויף הויכע, ווייסע פערד, מיט שוואַרצע פלעקען אויף די בייכער.

פון פאָרענט רייט אויף אַ שוואַרץ פערד אַ מענש בלויז פון ביינער אָהן פלייש. ער רייט אָהן אַ צוים, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און אין האַנד האָט ער אַ לאַנגע שפּיז.

זאַנוויל ציטערט.

דער ביינערדיגער מענש שפּרינגט אַראָפּ פון פערד, צולאַכט זיך ווילד און טהוט אַ מאַך צו זאַנוויל׳ען מיט זיינע קנאַכען:

— העי, דו וואוילער יונג, קום אהער! מיר וועלען זיך אָפּרעכענען!

זאַנוויל טהוט אַ טרייסעל מיט׳ן קאָפּ, שפּרינגט אַרונטער און נעהמט זיך באָרען מיט׳ן טויטען.

ער שפּירט ווי דער סקעלעט מאַכט איהם לעבער אין דער ברוסט מיט זיין דאַרע גאָמבע.

זאַנוויל׳ס קלעפּ טרעפען בלויז אין דער לופט. וואָס זאַנוויל פער־מעסט זיך, טרעפט ער ניט — די ביינער צושפּרייטען זיך ביים סקעלעט און זיין פויסט טרעפט אַ הוילען פּלאַץ.

און אַ ווילד געלעכטער טראָגט זיך אין וואַלד. — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

זאַנוויל האָט אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערען און געשפּאַנט ווייטער. ער איז געגאַנגען און געציטערט, אַז גראַדול זאָל איהם ערשט נישט אַנטקעגען קומען. ער האָט געוואוסט, אַז גראַדול איז גאַנצע נעכט נישט אין קבר, שלעפּט זיך אַרום איבער דער שטאָדט, שרעקט איבער

מענשען. און די מאַמע אַליין איז שיער נישט געשטאָרבען פון שרעק: זי איז פאַרטאָג געגאַנגען אַריינגעהמען אַ קובעל וואַסער, זי קוקט זיך אַרום, זי שטעהט ביז איבער'ן גאַרטעל אין שנעע; ס'איז גאָר קיין ברונען נישטאָ. און מיט אַ מאָל שפּרינגט אַרוים ווי פון דר'ערד אַ ציעג אין תכריכים און לאַכט.

זאַנוויל האָט געפיהלט קאַלטע דרעשטשעס איבער'ן גאַנצען לייב. ער האָט זיך מיט אַ מאָל דערמאָהנט אָן ביילע'ן. ער האָט געוואוסט, אַז ביילע ריכט זיך יעדען טאָג אין קינדבעט אַריין, ליעגט גאַנצע נעכט אַליין און וויינט, און ס'האָט איהם פערקלעמט ביים האַרצען.

— אַ כאָליערע! — האָט זאַנוויל מיט זיך גע'טענה'ט, — כ'בין נישט מעהר ווי אַ „פּסור־בראַט“, אַ הינטיש לעבער! זיך פערדרעהט אַ קאָפּ מיט נתן'ס טעכטעריל! זי וועט נאָך ביי מיר אין פלאַכטעס אוועק פון אונטער דער חופּה. ווי איך בין אַ איד! גלייך ווי כ'קום נור אַהיים, נעהם איך וואוינען מיט ביילע'ן! אַלע אויף צו להכעיס!

זאַנוויל האָט זיך אָפּגעשטעלט.

עס האָבען זיך געצויגען אין דער וועלט אַריין ווייס־זילבערנע פעל־דער. דאָס ווייסקייט האָט געבלענדט די אויגען, זיך געשפּיגעלט אין טיעפען, פיאָלעט־שטוהלענעם הימעל.

זאַנוויל'ען האָט זיך געדאַכט, אַז די ווייסע שנעע־פעלדער הויבען זיך, וואַקסען העכער און העכער, גלייכען זיך אוים מיט'ן וואַלד, וואָס אַנטקעגען איהם, האָט ער נאָך לייכטער אָפּגעאָטהעמט, זיך דערפיהלט היימיש צווישען די לאַנגע, טיעפע פעלדער. ער איז פרעהליכער גע־וואָרען און אויסגעשריען — עה, ברעכען דאַרט אַלע נקבות דעם קאָפּ! ער איז אַרויפגעשפּרונגען אויף דער לאָנקע, וואו דער שנעע איז געוועזען טיעפער און זיך אויסגעצויגען ווי גרוים ער איז. אַזוי איז ער געלעגען עטליכע מינוט און געקוקט גלייך אין קאַלטען פיאָלעטאָווען הימעל.

נאָכדעם איז ער אויפגעשפּרונגען, בעטראַכט דעם שנעע־מענש, וואָס זיין קערפּער האָט אויסגעפּרעסט, און זיך צולאַכט.

אָן עכאָ ווי פון מעטאַל האָט הילכיג אָפּגעקלונגען. ער האָט צו־שפּרייט די הענד, זיך אויסגעצויגען אין דער לופט, אַ קרעכץ געטהאָן,

און די הענד האָבען גענומען הילכיג קלאַפּען אין זיינע פּלייצעס ווי אין אַ באַראַבאַן.

זאנוויל האָט זיך ארומגעקוקט, זיך דערמאָהנט, אז ער האָט צוגע־זאָגט דעם פאָטער זיך אריבערצוכאַפּען נאָך „שידלאָווקע" און בשעת מעשה געוואָהר צו ווערען וואָס עס הערט זיך ביים עקאָנאָם אין שטאַל. ער האָט אראָפּגערוקט דאָס היטעל איבער די אויערען, אריינגעשטעקט די הענד אין די בוזעם־קעשענעס און ווייטער געשפּאַנט.

— פאַר אַ ליטישען גנב — האָט זאנוויל געטראַכט — איז ארויס־פיהרען פערד גאָר קיין געשעפט נישט! וואָס הייסט? יעדער יונג מיט אַ ביסעל מאַרך אין קאָפּ קאָן עס טהאָן. ביי נאַכט, ווען קיינער איז ניטאָ אין שטאַל, געהט מען צו, מען עפענט אַ ברעט און מען פיהרט ארויס אַ פערד. נו, סאַר'ע תורה איז עס?! אָ־אָ, אריינגעהן אין אַ שטוב, וואו מענשען שלאָפען, אויפהאַקען אַ קאַסע, ארויסנעהמען אַ „זשמעניע" מיט געלד, פערשטעה איך נאָך! אָבער פערד? דאָס איז אָן עסק פאַר'ן „אַלטען".

זאנוויל האָט בעמערקט ביים צלם אַ פרוי. ער איז צוגעקומען נעהנטער און דערקענט די משוגענע באַשע.

זי האָט געטראָגען אַ קאַפּטען אָנגעשטופּט מיט פעדערען, אַ שטרויע־נעם קאַפּעליוש מיט בלומען אויפ'ן קאָפּ און שטיל געזונגען.

— באַשע, וואָס טהוסטו דאָ? — האָט זי זאנוויל געפרעגט.

באַשע האָט געעפענט דאָס מויל, ס'האָבען זיך בעוויעזען צוויי שורות פעריל, און זי האָט זיך אידיאָטיש צולאַכט.

— כ'זוך מיין חתן, — האָט זי געענטפערט מיט אַ פערשטיקט געלעכטער. — ער האָט מיר געשריעבען, אז ער וועט קומען נאָ־שפּיץ אין פיער פערד מיט אַ קאָטש. דאָס געה איך איהם אָפּוואַרטען, כע, כע!

זאנוויל האָט זיך צולאַכט און איהר אַ קלאַפּ געטהאָן אין פּלייצע. באַשע האָט אויסגעשאָסען מיט אַ ווילד געלעכטער.

— ווער האָט דיר אָנגעשטופּט דעם קאַפּטען מיט פעדערען? — האָט זאנוויל געפרעגט.

— וו'הייסט ווער?! מיין חתן האָט מיר דעם קאַפּטעון פון דאַנציג געשיקט!

זי האָט אויפגעקנעפּעלט דעם קאַפּטען, ארויסגענומען א פּאַפּיע־רענע פאָטאָגראַפיע, אויסגעשניטען פון א ביכעל:

— נאַ, זעה! דאָס איז מיין חתן! א שעהנער? כאַ, כאַ, כאַ!...

אונטער'ן קאַפּטען האָט די משוגענע באַשע גאָר ־נישט געטראָגען. א מילך־ווייס לייב האָט אַפּערגעקוקט.

זאַנוויל האָט א ציטער געטהאָן, אויסגעשפּיגען און איז אוועק.

אַפּגעהענדיג עטליכע טריט, האָט ער ווידער דערהערט ווי די משוגענע זינגט. ער האָט אראָפּגערוקט דאָס היטעל נאָך טיעפער איבער די אויערען און זיך אומגעקעהרט.

באַשע איז געשטאַנען, געקוקט אויף זאַנוויל'ען און געלאַכט.

זאַנוויל האָט זיך געוואָרפען ווי אין א פיבער.

— באַשע, ווייז מיר נאָך א מאָל דיין חתן!

— איאָ א שעהנער? כע, כע, כע...

זי האָט צוקנעפּעלט דעם קאַפּטען.

א מילך־ווייס לייב. ער האָט ווידער דערפיהלט דעם פריהערדיגען עקעל, נאָך האַסטיגער א שפּיי געטהאָן און איז אוועק.

די משוגענע איז איהם נאָכגעלאָפען:

— מיין חתן! מיין חתן! מיין חתן!...

זאַנוויל האָט פערקריצט מיט די ציינער. ס'בלוט האָט זיך אין איהם אויפגעקאָכט. ער האָט זיך אויסגעדרעהט, זיך פערמאָסטען מיט דעם פויסט באַשע'ן אין הארץ אריין און זי איז ווי א גולם א פאַל געטהאָן אין שנעע אריין.

ער איז געלאָפען גיכער, פעסטער.

הינטער זיך האָט ער געהערט א ווילד געוויין, א שוידערליך רעווען, אז ס'בלוט האָט אין איהם גענומען גליווערען.

— מיין חתן! מיין חתן! — האָט געקלונגען אזוי ווילד און אָבּ־געהילכט צווישען די ווייסע, ברייטע פעלדער.

## 23.

נאַכט. אַ גרויסע שטוב.

שלמה „קראַדניק" האָט אַרויסגענומען פון קופערט אַ געלאָדענעם רעוואָלווער, אַריינגעלעגט אין זעקעל עטליכע פּאָר שטיוועל, געוואָרפען אַ בליק צום וואַנד־זייגער מיט וואָגעס:

— הם! צוועלף. נאָך אַ גאַנצע שעה.

אין בעט אונטער אַ פערינע איז געלעגען תרצה און געכראָפּעט מיט משונה'דיגע קולות.

— זיך צופייפט מיט'ן שופר! — האָט „קראַדניק" אַ בורטשע געטהאָן און אויסגעשפּיגען.

ער האָט בעטראַכט זיין טאָכטער שרה, וואָס איז געשלאָפען אין אַ שלאָף־באַנק מיט'ן רעכטען אויג אָפען, און האָט אָבגעזיפצט:

— ביי לייטען איז דאָס שוין אַ מאַמע!

שלמה האָט געפיהלט, אַז ער איז שולדיג, וואָס שרה איז נאָך אַ מויד. ער האָט שוין געקענט זיין אַ זיידע פון אַ האַלב טוץ אייניקלעך.

— געוועזען בעסערע צייטען. מען האָט געמאַכט דעם רעבעל לייכטער ווי היינט. שדכנים האָבען די טיהרען אָבגעקלאַפּט, יונגען פלעגען זיך אליין שדכנ'ען, פערכאַפּט ווערען פאַר שרה'ן. און איצט?

דער גאַנער מיט די שוואַרצע פּלעקען, וואָס איז געשלאָפען אונטער'ן אויווען, האָט זיך פּלוצלונג אויפגעכאַפּט אין זיין שטייג, זיך אויסגעצויגען אויף זיינע דינע פיסלעך און גענומען קלאַפּען מיט די פליגלען. דער גאַנער האָט אַ כאַפּ געטהאָן מיט'ן שנאָבעל עטליכע האָבערס, איינגעטיקט דעם קאָפּ אין אַ שיסעל מיט וואַסער, אויסגעצויגען דעם האַלז, פערגלייזט די אויגען און אַראָפּגעשלונגען.

— יאָ, — האָט שלמה געטראַכט, — אויב ס'עסק וועט זיך מיר,

אם ירצה השם, איינגעבען, איז ס'ערשטע אַ נדן פאַר שרה'ן! אַראָפּ אַן עול פון קאָפּ! מישטיינס געזאָגט; וואָס וועט זי אויסזיצען?

שלמה האָט אַרויסגענומען פון בוזעם אַ פּענכאַר מיט טאַבאַק, אויס־געוויקעלט אַ פּאַפּיראָס, געעפענט דאָס טיהרעל פון קיך, אַרויסגעשאַרט אַ גליהענדע קויל און פעררויכערט. ער האָט אַרויסגעלאָזען עטליכע גע־דיכטע קנוילען רויך און געוואָרפען אַ בליק צום פענסטער.

די דונקעלע ווענד, איינגעהילט אין שאָטענס, האָבען געוואָרפען אויף „קראַדניק'ען" אַ מרה־שחורה.

אין דרויסען האָט זיך צופייפט אַ ווינד.

שלמה האָט אַ ציטער געטהאָן: אַ קרירה!

ער האָט זיך געשטעלט מיט די פּלייצע צום וואַרעמען קאַכעל־אויווען און זיך ווידער פערטראַכט:

אויפ'ן שאָססע וואָס פיהרט צום וועלדעל, שפּאַנט יעצט זיין זאַנוויל. אויב אַלעס וועט זיין ביים גלייכען, וועלען זיי דורכשניידען דאָס וועלדעל, שטיל אַרויספיהרען די צוויי קאָבילעס, זיי צופיהרען צום בערגעל און דער־נאָך — וויאָ צו משה „קוניאַרזש". אַזאַ שטיקעל אַרבייט וועט אַריינברענ־גען איבער צוויי הונדערט קערבלעך. דער געדאַנק אַליין מאַכט שלומה'ן פרעהליכער.

— בלי נדר — האָט שלומה צו זיך געזאָגט — אַז כ'קריג נאָר אם ירצה השם, די פּאָר גראָשען, איז ראשית — אַ חופּה מיט שרה'ן!

מיט אַ שמייכעל אויפ'ן פּנים האָט ער זיך צוגענעצט און טרעהרען האָבען זיך בעוויזען אין זיינע גרויע אויגען. ער האָט אַרויסגענומען פון דער כאַליעווע אַ פּלאַטשיג פלעשעל מיט שנאַפּס, געטהאָן אַ צוויי ־דריי זופּ. ער האָט איינגעקאַרטשעט דאָס פּנים, געעפענט דאָס שפּייז־שענקעל און פערביסען מיט אַ שטיקעל דאַרען קעז.

פון גאַס האָט זיך געטראָגען אַ לאַנגער פייף פון אַ נאַכט־וועכטער, באַלד נאָכדעם — אַ וואָיען פון אַ היימלאָזען הונד.

שלמה האָט געוואָרפען אַ בליק צום פענסטער:

— המ', דער פראָסט פּאַקט זיך שוין! ער האָט זיך דאָס צולעגט אויף די שויבען!

ער האָט ארויסגענומען עטליכע ציגעל טאָרף, געעפענט אַ פייערקע, זיי אריינגעשטופּט, זיך ווידער געשטעלט צום אויווען און זיך פערטראַכט:

— און טאָמער כאַפּט מען זיי? — איז שלומה'ן דורך אַ געדאַנק, און זיין דאַרער, אַלטער קערפּער האָט געציטערט.

— ווי לאַנג איז, ווי מען האָט איהם געכאַפּט מיט דעם „וואויט'ס" שקאַפּעס? ! — ער פיהלט נאָך יעצט ווי עס רעגענט מיט שטעקענס, עס שניידט דאָס לייב, די הויט פּלאַצט און בלוט רינט. זיי האָבען איהם אַזוי צוקיילט, אַז ער איז אָוועקגעלעגען אַ חודש צו בעט.

פון דעמאָלט אָן האָט שלומה אַלס גענומען טראַכטען זיך צו נעהמען צו אַן אַנדער פּרנסה און יעדעס מאָל ווען עס מאַכט זיך אַ פריש גנבה'לע, טענה'ט ער אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל.

— אַ הינטיש לעבען — האָט שלומה געקלעהרט — אָבגעלעבט שוין איבער פופציג יאָהר, און וואָס? שרעק און שרעק! און געלד? קדחת!

שלומה האָט גענומען זיין שיטער בערדעל, עס געשטעלט פּערפּענדי־קולאַר צו דער גאָמבע און בעמערקט עטליכע גרויע האָר:

— המ', אַ „פּאָוויעסטקע" — דאָס רופט מען שוין אויף יענער וועלט!

שלומה האָט זיך דערמאָנט ווי איינמאָל, אַ שבת נאָכמיטאָג, איז ער געזעסען אין אַלטען בית־המדרש און געהערט ווי אַ ליטווישער מגיד האָט געמאָהלט יענע וועלט, דאָס גן־עדן, דאָס גיהנום, ווי באַלד נאָכ'ן טויט קומט דער דער מלאך „הדומה", קלאַפּט דריי מאָל אָן אין קבר, פרעגט דעם נאָמען. אויב ס'איז אַ צדיק ענטפערט ער באַלד, אַ זינדיגער פערגעסט און ווערט נע־ונד...

שלומה'ן דאַכט זיך ער איז טוידט. דער מלאך „הדומה", עפּעס אַ הויכער, בייניגער איד מיט לאַנגע ברעמען, פּונקט ווי שמחה גרעבער, פרעגט איהם דעם נאָמען און ער — פערגעסען...

שלומה האָט געפיהלט ווי עס ווערט איהם קאַלעמוטנע אויפ'ן האַרץ, האָט זיך אַ שטאַרקען שיבער געטהאָן מיט די פּלייצעס אָן אויווען און זיך גענומען קראַצען דעם קאָפּ.

ער האָט מיט אַמאָל דערפּיהלט אַ שטאַרקע שנאה צו משה „קוניארוש". מיט אַ דרייסיג יאָהר צוריק האָבען זיי צוזאַמען גע'גנב'עט פערד און אויסגעלאָזט האָט זיך: שלומה איז דער גנב און משה — דער סוחר. משה איז היינט אַ שעהנער איד, גבאי אין אַלטען בית המדרש, גע־פיהרט פאַריאָהרען אַ ספר אין שוהל אריין, גיט די טעכטער צו צוויי טוי־זענד קערבלעך נדן, נעהמט זיך איידעמס אויף קעסט. און ער? שלאָפט קיין נעכט נישט, קלעהרט אַלס רייכער צו מאַכען משה'ן.

שלומה זעהט ווי משה שלאָפט יעצט ביי זיך אין אַ „וויענער" בעט מיט געשניצטע מצבות. די לאַנגע, ברייטע באָרד צושפּרייט אויף זיין פעטע ברוסט, דער „קאָלדען" הויבט זיך אויף און אָב, און עס חלום'ט זיך איהם געווים ווי מען קלויבט איהם אויס דאָזער אין שטאָדט... און ער — שלמה — אַ דאַרער, אַלטער, זיצט יעצט נאָך האַלבע נאַכט און גרייט זיך גנב'ענען אַ פּאָר פערד, פאַר וועלכע ער וועט קריגען העלפט און משה העלפט. און ווער ווייסט צו מען וועט איהם נישט כאַפּען? — — — —

שלומה האָט אַ טעמפּען זיפץ געטהאָן און געקוקט אויפ'ן זייגער:

— נו, צייט זיך אַרויסצושאַרען!

ער האָט זיך אָנגעטהאָן אַ וואַרעמע מאַרנאַרקע, זיך אַרומגענאַרטעלט מיט אַ גרינעם גאַרטעל, אַריינגעשטופּט אין גאַרטעל אַ פּאָר וואָלענע הענטשקעס מיט איין פינגער, אַרויפגעצויגען די לאַנגע באָליאַוועס, אַראָב־געדרעהט דאָס לעמפּעל און איז אַרויס.

הינטער'ן שטאָדט נעבען וועלדעל האָט שלמה „קראַדניק" אַראָבגע־נומען דאָס זעקעל פון די פּלייצעס און זיך אָבגעשטעלט.

שלומה האָט אויסגעצויגען זיין לאַנגען, דאַרען האַלז, אויסגעגלאָצט זיינע גרויע אויגען און ווי אַן אַלטער הונגעריגער וואָלף זיך איינגעהערט אין דער שטילקייט. ער האָט אַריינגעלעגט צוויי פינגער אין מויל און אַ פייף האָט זיך דורכגעשניטען.

פון דער צווייטער זייט וועלדעל האָט מען געענטפערט מיט אַ פייף.

— אַ כוואַט אַ יונג! — האָט שלומה געטראַכט — ווען ער וואָלט נור נישט געווען אַזוי ווילד און זיך געלאָזט רעדען פון אַ טאַטען, האַ, דעמאָלט בין איך אַ פערזאָרגטער אויף דער עלטער! אַ יונג געהט, ווערט

פריש, געזונד און משוגע און ליעבט זיך איין אין גראדול׳ס אלמנה. מען זאגט עפעס אן אשה, ס׳זאל זיין וואס אנצוקוקען — — — נו, מילא, א יונג! דער יצר הרע שטופט — — — אבער וויס איך וואס? א יונג א גבר נעהמט און פערליעבט זיך אין אזא קליין, שווארץ ווייבעלע! זי האט נאך קיין חליצה נישט גענומען און בשעת־מעשה זיך „פעריאטעלט“ מיט זאנוויל׳ען. און איצט די שטאדט? כ׳בין דאך שוין באלד א האלב יאהר אין בית־המדרש נישט געוועזן, כ׳בעגראב זיך דאך פאר חרפה!

זאנוויל האט זיך בעוויזען פון וואלד און אויסגעשריען:

— טאטע, קום, ס׳איז שפעט!

שלומה האט געכאפט דאס זעקעל און זיך אונטערגעאיילט.

— וואס הערט זיך מכח די פערד? —האט שלמה געפרעגט.

— וואס זאל זיך הערען? — זיי שלאפען אין שטאל.

שלומה מיט זאנוויל׳ען האבען געשפאנט אלס פעסטער און פעסטער און געשוויגען.

זיי האבען אויסגעזעהן ווי צוויי וועלף, וועלכע דער הונגער טרייבט ארויס פון וואלד אויף׳ן ברייטען שאססע.

דער אלטער האט זיך געהאלטען אין איין טאפען פאר׳ן בוזעם צו דער רעוואלווער ליגט און גערעדט צו זיך אליין:

— בולאן, גניאדע, קאשטאן, שפאק, כאלעריע, משה קוניארוש... — פיעל מאל האט ער אנגעכאפט זאנוויל׳ען פאר׳ן אדבעל:

— שטעה, מען געהט!

זאנוויל האט זיך אבגעשטעלט, געעפענט ברייטער די אויגען, אויפגע־שטעלט די אויערן, זיך ארומגעקוקט, קיינעם נישט געזעהן, האט ער א שמייכעל געטהאן — דער „אלטער“ האט זיך שוין אויסגעוועפט — און געשפאנט ווייטער.

שלומה האט דערפיהלט א דורכדרינגענדע קעלט אין זיינע אלטע ביינער און ער האט זיך דערמאנט ווי זיין תרצה ליגט יעצט אונטער זיין ווארימע פערענע און כראפעט.

— א הינטיש לעבען — האט ער וויעדער געטראכט — ס׳וואלט שוין צייט געוועזן זיך צוריקצוציהען פון דער שעהנער פרנסה.

עס האָט זיך געהערט אַ וואָיען פון אַ הונט.

— אוי, די הינט — האָט שלמה געזאָגט — אַ מיתה משונה אויף זיי! צו וואָס האָט זיי נאָך גאָט בעשאַפען?!

פון בערגעל האָבען זיך געזעהן עטליכע צוואָרפענע הייזלעך.

ארום איז געווען שטיל.

זאַנוויל האָט גענומען דאָס זעקעל מיט די שטיוועל און גענאַנגען אין דאָרף אריין.

אַ שווארצער קודלאַטער הונט איז ארויסגעשפרונגען מיט אַ בילעריי. זאַנוויל האָט זיך צוריקגעצויגען, דער הונט נאָך איהם. באַלד האָט ער זיך אַ וואָרף געטהאָן אויפ'ן הונט, געכאַפּט איהם מיט זיינע קלעשטשעס ביים גערדיק און גענומען שטיקען. דער הונט האָט זיך נישט לאַנג געאַמפּערט, פערגלייזעלט די אויגען, ארויסגעשטעקט אַ לאַנגע רויט־שפּיציגע צונג און געבליבען אָהנמעכטיג אין זאַנוויל'ס הענד.

זאַנוויל האָט זיך אויסגעגלייכט, בעטראַכט דעם אויסגעצויגענעם הונט מיט דער ארויסגעשטעקטער צונג, אַ שפּיי געטהאָן דורך די צייהן.

ער האָט זיך ארומגעקוקט: דער „אַלטער" איז נישט געוועזען.

אונטער'ן בערגעל איז געשטאַנען שלומה, געקלאַפּט אַ יאַסלע אָן אַ יאַסלע פאַר שרעק. ער האָט נישט געקאָנט זעהן ווי זאַנוויל דערשטיקט דעם הונד און ער איז אוועק אונטער'ן בערגעל.

זאַנוויל האָט געכאַפּט דאָס זעקעל און מיט דער שנעלקייט פון אַ יונגען ציגיינער האָט ער לייכט אראָבגענומען די טהיר פון די זאַוויאַסעס.

אַ ווארעמע פּארע האָט איהם געשלאָגען אין געזיכט אריין. ער האָט ארויסגענומען בראָנפען, אָנגע'שכור'ט די פערד, אָנגעטהאָן זיי שטיוועל און זיי לייכט ארויסגעפיהרט פון שטאַל.

אונטער'ן בערגעל האָט שלומה אריינגעלעגט די שטיוועל אין אַ זעקעל, פערשנורעוועט אויף דער פּלייצע.

זיי האָבען זיך אויפגעזעצט אויף די פערד און אוועק אין דער ווייסער נאַכט אריין.

1912, בראָנקס, ניו יאָרק.

# אויף יענער זייט בריק

•



א בלויער פריהמארגען. שמשון כאפּט זיך אויף, רייבט די אויגען, ווארפט א קוק צום פענסטער, וואָס געהט אויף דער לאָנקע:

— גרויסער טאָג. נו, מען וועט זיך אויפהויבען!

ער שפּרינגט ארוים פון בעט, קנאקט אוים די פינגער, גענעצט גע־שמאק אַפּ און בעטראכט די שטייגעלעך מיט פייגעל, וואָס הענגען ביים פולאָפּ. ער ווארפט אויך א בליק צום קינד, וואָס שלאָפט ביי דער קיך אין א מולטער, זאָגט אַפּ „א שווארץ יאָהר" גלאַט אין דער וועלט אריין, שפּייט אוים און פערדרייבערט א פּאַפּיעראָס.

א באָרוויסער אין גאטקעס שפּאציערט זיך שמשון דורך עטליכע מאָל איבער'ן צימער ביז — ער נעהמט זיך איינוואשען. מיט'ן האנד־טוך אויפ'ן אקסעל, מיט נאסע צושויבערטע קודלעס, געהט שמשון צום ווייב'ס בעט און שרייט איהר אין אויער אריין:

— ביילע! גענוג געכראָפּעט! שטעה אויף און מאך עפּעס אין מויל אריין!

ביילע טהוט פון שרעק א שטארקען שיפּ, זעצט זיך אויף, גלאָצט אוים א פּאָר פערראָפּעטע אויגען, דערזעהט ווי שמשון שטעהט און לאכט, האלט זיך פאר די זייטען פון לאכען, טהוט זי א שפּיי:

— טפוי, מיינע וויסטע חלומות צו דיין קאָפּ!

דאָס קינד אין דער מולטער קומט אויף און צעוויינט זיך. עס ווערט אויף א ווײלע אנטשוויגען, הויבט ווידער אָן, פארגעהט זיך העכער און העכער.

ביילע מיט שמשונ'ען הויבען מיט אמאָל אָן רופען:

— וועלוויל! וועלוויל! געה וויעג צו דאָס קינד!

ס'הערט זיך א בורטשען פון פּיעקעליק:

— אזא „בענקאַץ“! אפילו שלאָפן לאָזט ער נישט!

וועלוויל, א אינגעל פון א יאָהר ניין, צעהן מיט א פּאָר שווארצע, פינקעלדיגע אויגעלעך, אין א קורץ העמדיל ביז צום פּופּעק, קריכט ארונטער. ער שאָקעלט די מולטער און וואָרטשעט צו:

— שאַ־אַ. שאַ־אַ־אַ־אַאי....

דאָס קינד וויינט אויף צו להכעיס נאָך העכער. וועלוויל גיט עס א קניפּ און זעצט זיך אוועק.

— ממזר, וויעג! — שרייטביילע, כאַפּט א שוך און וואַרפט וועלוויל'ן אין קאָפּ אריין.

וועלוויל צעוויינט זיך.

דאָס געשריי ווערט גרעסער און גרעסער.

רוזשקע א מאָטע ברונעטקע מיט א פּאָר לאַנגע רייפּען־אויערינגלעך אין די אויערען, כאַפּט זיך אויף, זעצט זיך אוועק אויף דער שלאָף־באַנק און הויבט אָן סטראַשען ביילען, אז אויב זי וועט נישט אויפהערען צו מאַכען אַלע פריהמאָרגען אזעלכע חתונות, וועט זי זיך זוכען אנאַנדער וואָהנונג.

— בין איך ווייטער בדלות! — זאָגט ביילע און קריכט ארויס פון בעט.

די שווארצע קאַץ, וואָס ליגט אויף דער קיך איינגעוויקעלט ווי א ביינגעל און דרעמעלט, כאַפּט זיך אויף, שפּרינגט ארונטער, שטעלט אויף א הויקערדיגען רוקען, גלאָצט אויס א פּאָר פינקעלדיגע אויגען און נעהמט זיך ציהען.

וועלוויל פאַרגעסט זיך אָנ'ם וויינען, גנבה'עט זיך גיך אונטער און גיט דער קאַץ א שטאַרקען צופּ פאַר'ן עק. די קאַץ גיט זיך א ריס, פאַנגט אָן פּריסקען און דער הויקערדיגער רוקען נעהמט קאָנוואולסיש זיך צאַפּלען.

אַלע שיסען אויס מיט א געלעכטער.

ביילע וואַרפט אויף זיך ארויף א האַלב קליידעל און גרייט צום טיש.

שמשון טהוט זיך אָן א פּאָר טריקאָטענע הויזן, א טריקאָטען העמדעל געשניטען דעקאָלטע אָהן ארבעל און בעפּוצט מיט זילבערנע און גאָלדענע בלעכלעך. ער פּערדרעהט וואוילעריש זיינע וואָנסען און זינגט בשעת־מעשה א ניגון.

רוזשקע געהט צום שפּיגעל. די שווארצע האָר בארעקען איהרע בלאַסליכע באקען. זי באנעצט די האָר מיט אָדעקאָלאָן, פּודערט זיך צינדט אָן א שוועבעלע און מיט דעם סאזשע־קעפּיל מאכט זי האלבע רינגען אונטער די אויגען. זי טהוט זיך אָן שמשונס היטעל מיט די גלעקלעך, נעהמט די קורצע האלקע אין דער האנד און לאָזט זיך א באָרוויסע אי־בער׳ן צימער מיט א פּאַדיספּאַן.

גיט שמשון א וואונק צו וועלוויל׳ן, שפּרינגט וועלוויל צו דער קאַטערינקע, נעמט שפּילען א וואלס.

כאפּט שמשון ארום רוזשקען פאר דער טאליע און זייערע פּיס באַוועגען זיך לייכט אין דער לופט.

ביילע, טראָגענדיג א גרויסע ערדינע שיסעל מיט שטשאוו, שטעלט זיך אָפּ, מאכט מיט די אקסלען צום טאקט, קוועלט פון איהר שמשונ׳ען.

אין א ווײַלע ארום זיצען שוין אלע ביים טיש און שלינגען געשמאק דעם שטשאוו.

---

נאָכ׳ן עסען נעמט שמשון די קאטערינקע אויף די פּלייצעס, אין דער האנד האלט ער א שטייגעל מיט ים־חזרים׳לעך. וועלוויל טראָגט איהם נאָך אָן אלטען דיוואן, א צימבעלע און א קעסטעל מיט פּאָקוס־כלים. אזוי געהען זיי איבער דער שטאָדט. שמשון שטעלט אוועק די קאטערינקע, שפּרייט אויס דעם דיוואן און גיט א וואונק צו וועלוויל׳ן. די קאטערינקע שפּיעלט:

— מאַלגאָזשא — אַטאַ, מאַלגאַ — אָזשאַטאַ...

שמשון אקאָמפּאַנירט אויפ׳ן צימבעלע און דער עולם העלפט אונטער. די קאטערינקע ווערט אנטשוויגען. שמשון פארלעגט זיינע נאקעטע הענד אויף זיין בולט׳ער ברוסט און מעשה־ארטיסט בעטראכט ער דעם עולם. געלאַסען ציהט ער זיך אויס אויפ׳ן דיוואן מיט׳ן פּנים צום הי־

מעל. פּאַמעליך נעהמט זיך זיין ברוסט הויבען, זיך ציהען. זי וואַקסט אַלץ העכער און העכער. דאָס פּנים ווערט רויטער און די אויגען, ווי פּערגליווערט, גיבען זיך קיין ריהר נישט. אָט זעהט שמשון אויס ווי אַ פּאַראַבאַלאַ און אָט ווי אַ האַלבער־קרייז.

חברה עפּענען די מיילער און שטופּען זיך אַלץ נעהנטער און נעהנ־טער.

וועלוויל אין אַ פּאָר קורצע, טריקאָטענע הייזלעך, אַ פּאָר לעטש־לעך, אין אַ שוואַרץ־סאַמעטענעם פּאַסעק ביז איבער דעם בייכעל, כאַפּט זיך פּלינק אַרויף אויף שמשון'ס ברוסט און שטעלט זיך אויפ'ן קאָפּ. ביס־לעכווייז ציהט שמשון אויס זיינע פיס, זיין ברוסט זינקט פּאַמעליך. אָט ליעגט ער ווי פריהער מיט'ן פּנים צום הימעל. ער נעהמט וועלוויל'ן פאַר די הענטלעך, גיט איהם אַ שליידער. וועלוויל מאַכט אַ קאָזשעלעק אין דער לופטען און בלייבט שטעהן ווי קיינמאָל גאָרנישט.

— וויוואַט! בראַוואָ! — שרייט דער עולם.

שמשון גיט אַ וואָרף זיין קערפּער, ווי אַ פיש אויפ'ן ברעג, און בלייבט שטעהן אויפ'ן דיוואַן. ער געהט זיך עטליכע מאָל דורך און זיין עלאַסטישער קערפּער צייכענט אויס קרייזען הין און צוריק אין דער לופטען.

אָט ליעגט ער ווי אַ בייגעל, די פיס אַרום האַלז. וועלוויל שטעלט זיך אַרויף אויף שמשונס פּאָדעשוועס. מיט אימפּעט גיט שמשון אַ ציה אויס זיינע פיס. וועלוויל דרעהט זיך אין דער לופטען און בלייבט שטעהן.

דער עולם גאַפט.

וועלוויל נעמט שפּיעלען אויף דער קאַטערינקע און קוקט צו מען וואַרפט נישט עפּעס איינגעוויקעלט אין אַ פּאַפּירעל פון די הויכע פענס־טער אַראָפּ.

שמשון נעהמט דערווייל אַרויס פון קעסטעל עטליכע שפּיציג־בלאַנקענדע מעסערס מיט שוואַרצע הענטלעך און נעהמט זיי וואַרפען אין דער לופטען.

מיט אַן אומגעהויערע שנעלקייט הויבען זיך די מעסערס, פליהען העכער, יאָגען זיך. די בלישטשענדע שאַרפען שניידען דורך די לופט, בלענדען די אויגען און, ס'דאַכט זיך, אַז אָט שטעכען זיי דורך שמשון'ס האַנד.

אָט נעהמט שמשון אַרויס אַ בליץ־לאָמפּ מיט אַן אַבאַזשור, צינד זי אָן, שטעלט זי אויף אַ שטעקען און גיט אַ שליידער. די לאָמפּ דרעהט זיך, דרעהט זיך און פאַלט צוריק אויפ'ן שטעקען. ער נעהמט אַרויס ביינדלעך, בענעצט זיי, צינדט זיי אָן. די ביינדלעך פלאַקערען און שמשון שלינגט זיי ווי לאָקשען.

— וויוואַט! בראַוואָ! — פּאַטשט דער עולם.

— מאַלגאָזשאַ־אַטאַ, מאַלגאַ־אָזשאַטאַ... שפּיעלט די קאַטערינקע.

וועלוויל נעהמט דאָס צימבעלע און פערשיעדענע מטבעות שיטען זיך אַריין.

---

אַרום האַלבען טאָג געהן זיי אַריין אין אַ קעלערשענק עסען מיטאָג.

דער בעל־הבית פון שענק, אַ דיקער איד מיט אַרומגעשווירענע האָר, ווי ביי אַ קאַצאַפּ, מיט אַ פּאָר קעלבערנע אויגען, איז שמשונ'ס אַ חבר. זיי קענען זיך נאָך פון דער אַלטער טיורמע.

די שענק שמעקט מיט קרויט, אָנגעברענטס און ווילגאַטש. כמעט אַלע געסט וואָס זיצען אין שענק טראָגען לאַקירטע שטיוועל און היטלען מיט לאַקירטע דאַשקעס. טהייל פון זיי שפּילען אין קאָרטען, טהייל — אין דאָמינאָ, און טהייל — אין ווערפיל.

שמשון געהט זיך גלאַטען דורך די שענק, וואַרפט רעכטס און לינקס מיט ווערטלעך. חברה קייקלען זיך פון געלעכטער.

ביי עטליכע טישלעך כאַפּט ער אַריין צו קופעל ביער און געהט אַריין מיט וועלווילען אין אַ צווייטען חדר עסען.

אין מיטען עסען קומט אַריין די „מוהמע גאָלדע", דערלאַנגט שמשונ'ען אַ קליין, דיק הענטיל און זעצט זיך אוועק.

וועלוויל האָט מורא זי אָנצוקוקען — איהרע קליינע חזיר'שע אוי־

געלעך קוקען קוים ארוים פון די געשטופּעלטע באַקען. זי נעהמט איהם אויף דער שויס, קושט איהם, גיט איהם קיכלעך און זאָגט איהם, אז זי איז זיינס א מוהמע.

נאָכ'ן עסען געהט שמשון מיט גאָלדען אין א צווייטען צימער אריין און הייסט וועלוויל'ן אכטונג געבען אויף די שטייגעלעך.

אין א פיערטעל שעה ארום קומט שמשון אריין אָהן גאָלדען. ער איז בייז, נעהמט די קאַטערינקע אויף די פּלייצעס, טהוט א מאַך צו וועלווילען מיט דער האנד און געהט ארויס. אויפ'ן וועג זאָגט ער אַז וועלווילען ער זאָל גאָר נישט אין דער היים דערצעהלען.

— די מאַמע וויים וואו מיר עסען מיטאַג. — זאָגט וועלוויל.

— בהמה! נישט דאָס — מיט איין וואָרט — רעד נישט! — צורבייזערט זיך שמשון, לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ און שלעפּט זיך א מיעדער איבער דער שטאָדט.

* * *

שבת נאָכמיטאָג.

אין שטוב איז שטיל, נור דורך דעם אָפּענעם פענסטער לויפט דורך מיט רעש א זאַמדיגער ווינד, טראָגעגדיג אין דער לופטען עטליכעצעהנדליג אבגעריסענע בלעטער און ווערט פערלוירען מיט א קרעכץ ווייט ערגעץ דאָרט אין פרייען פעלד.

דרויסען ערגיץ צוקרעהט זיך א האָן גלאָט אין דער וועלט אריין און ווערט אנטשוויגען.

אויפ'ן בעט צופוסענס, אָנגעשפּארט מיט דעם קאָפּ אויף דער האנד זיצטביילע און קוקט זיך איין ווי איהר שמשון כראָפּעט. זי באַמערקט ווי שמשון שמייכעלט אין שלאָף.

— דאָס חלומט זיך איהם אודאי די „מוהמע גאָלדע" — קלערט ביילע און זיפצט אָפּ.

זי האָט גרוים חשק זיך ארייגצואוואַרפען אין בעט, האַלזען שמשונען, איהם שטאַרק קושען.

דאָס קינד אין דער מולטער קומט אויף און צואווייגט זיך.

ביילע עפענט די טהיר, רופט אריין וועלוויל'ן, וועלכער שפּיעלט מיט די חברים אין קנעפּ. וועלוויל קומט אריין א צוהיצטער, טופּעט פון כעס מיט די באָרוויסע פּאַדעשוועס, קריצט מיט די ציין, לויפט צו'ם קינד און וואַרפט מיט כעס די מולטער. דאס קינד פאַלט ארויס און פאַרקייכט זיך.

ביילע כאַפּט א האַלץ און נעהמט וועלוויל'ן שלאָגען.

ווי אן אבגעבריהטער שפּרינגט שמשון אראָפּ פון בעט, כאַפּט ביי־לען פאַר די האָר און נעהמט זי שטיקען.

וועלוויל בעהאַלט זיך דערוויייל אין א ווינקעל, קוקט ווי די מאַמע ליגט ביי דעם טאַטענס פיס, ווי א געקוילעטע היהן, און אַמפּערט זיך.

— נא, נא — טראַכט וועלוויל — שפּיר א טעם פון שלאָגען! ווייס, אז מיר טהוט אויך וועה!

שמשון קריצט מיט די ציין און שרייט:

— נבלה!... כ'וועל דיר די ביינער ברעכען, אויב דו וועסט איהם נאָך איין מאָל אָנריהרען! געדענק אַלטע מכשפה!.. געדענק!...

— שלאָג! — סאַפּעט ביילע און גלאָצט אויס א פּאָר אויגען — כ'ווייס, דו ווילסט מיך פּטר'ן! נישט דערלעבען וועסטו עס, דו כאָליע־רע איינער! דו ווילסט א מויד!... כ'וועל היינט די „מוהמע־גאָלדע" מיט א קאָפּ קירצער מאַכען!

שמשון ענטפערט נישט, גיט איהר א קאָפּיע און געהט ארויס פון שטוב.

וועלוויל מיינט, אז יעצט איז זיין טוידט. די אויגען פערמאַכט ער און וואַרט, אז די מאַמע זאָל זיך א וואַרף טהאָן אויף איהם און איהם אויסרייסען מיט איהרע לאַנגע, דאַרע פינגער שטיקער פליישׁ.

ביילע הויבט זיך אויף, ווישט אָפּ די טרעהרען, טהוט אויס וועלוויל'ן ביז צו'ם העמד און פערשליסט די קליידער אין קאָמאָדע. זי איז איהם מכבד מיט עטליכע קלעפּ, זאָגט אָן וויעגען דאָס קינד און געהט ארויס.

וועלוויל געהט זיך דורך איבער דער שטוב, זיפצט אָפּ און שטעלט זיך ביי'ם פענסטער.

פון דער לאַנקע הערען זיך לאַנגזאַמע טענער פון א „פויארקע“. וועלוויל דערמאַהנט זיך ווי ער וואַנדעלט ארום מיט'ן טאַטען אויף דער פריי. ער שפירט אין די טענער א בענקעניש, פערלעגט זיינע הענטלעך אויף דער ברוסט און מיט א דין קול'עכעל הויבט ער אָן צו זינגען:

— פּאַטשעמו־ז מעניא מאַ־אַט ראַדי־ילאַ — — — — — — — — —

---

ביילע איז ארוים פון שטוב א פערוויינטע. מיט פערמאַכטע פּויס־טען לויפט זי און אין מח פּלאָנטערט זיך איהר די „מוהמע גאָלדע“.

— אלץ דאָס גראָבע חזיר, אלץ זי! — טראַכט ביילע — זי מאַכט מיר אזא פינסטער מזל ביי שמשוג'ען! כ'וועל איהר אויסדראַפּען די אוי־גען! כ'וועל איהר ווייזען ווי אזוי מען רעדט אָפּ א מאַן!

אויף דער צווייטער זייט טייך וואו ס'וואַסער איז פּלאַך שטעהן יונגע שיקסעס ביז איבער די קניהען אין וואַסער און קלאַפּען מיט „קיענ־קעס“ וועש. זיי קלאַפּען און לאַכען הילכיג צו די פּאַראָבקעס, וואָס פּאַ־שען פערד אויף דער לאָנקע.

אָט פער'גנב'עט זיך א יונגער „פּאַראָבעק“ אין א פּאָר ברייטע צייגענע הויזען מיט א רויטען שפּאַנצער און כאַפּט אָן א שיקסע פאר א פוס.

די מיידלעך נעהמען פּליאַסקען, קוויטשען, זיינען מכבד דעם בחור מיט נאַסע שטיקער וועש.

די פּאַראָבקעס פּלאַצען פון געלעכטער.

ביילע שטעלט זיך אָפּ.

זי בעטראַכט די רויטע מיידלעך מיט די באָרוויסע גראָבע פיס, מיט די פלאַקסענע צעפּ, מיט די רויט־געשטרייפטע „באַרכאַנקעס“ און זי דערמאָהנט זיך:

זי איז א מיידעל. אין א שוואַרצע סאַמעטענע בלוזקע מיט ווייסע אויגעלעך, א שוואַרץ סאַמעטיל אויפ'ן האַלז, די האָר געקעמט „סעצע־סיע“ — זיצט זי און האַלט שמשון'ס קאָפּ אויף איהר שויס. איהרע לענג־ליכע, מיט עטוואָס אויסגעבויגענע שפּיצען פינגער באָדען זיך אין

שמשון'ס לאַקען און זי דערצעהלט — — — זי דערצעהלט אזוי שטיל ווענגען דעם „שווארצען־יונגענמאַנטשיק" וואָס זי האָט נאָר וואָס געזעהן...

שמשון לאָזט קיין אויג נישט אראָפּ פון איהר און ביילע דערצעהלט אזוי זיס, אזוי מחיה'דיג. — — — —

פּלוצים דערפיהלט ביילע א הייסע טרעהר אויף איהר האנד. זי גיט א ציטער, גראבט טיעפער איהרע פינגער אין זיינע האָר, און איהר דאכט זיך, אז דאָס זיצט זי א קליין מיידעלע ביי איהר מאמען אויף א בענקעלע. — — — —

— — — זי בעהאלט דאָס קעפּעל אין דער מאמעס שויס... און די מאמע דערצעהלט ווענגען א ציגיינערין, וואָס וואָהנט איינזאַם אין א שטיבעל, אויף הויכע סקאַלעס, צווישען געדיכטע, בעוואַקסענע פּאַסנעס... און די ציגיינערין פער'כשופ'ט דעם גאַנצען געגענד ארום... און די ציגיינערין פערנאַרט זיך צווישען די מעכטיגע סקאַלעס אלע מיידלעך, וואָס פאַלגען נישט זייערע מאַמעס. — — — — — — — — — — — — — — — —

שמשון טוליעט זיך צו ביילעס ברוסט, נעהמט זי פעסט ארום און שעפּטשעט:

— ביילקע קרוין, זאָג מיר, כ'בעט דיך, בין איך נור איינער ביי דיר? ביזטו מיר געטריי? זאָג!

און אלץ שטאַרקער, שטאַרקער קליאַמערט ער זי ארום.

— ביילעשי — זאָגט שמשון ווידער — דו וועסט נישט בלייבען א קאַרטען־לעגערין. ניין! מיר וועלען באלד נאָך דער חתונה אוועק נאָך ווארשע. כ'וועל אריין אין א צירק און דו וועסט ווערען א מאַדאַם... מיין מאַדאַם! — — — — — — —

אַט ציהט זיך שמשון אוים אויף דער שלאַף־באנק. ביילע קריכט ארויף אויף איהם, שפּיעלט זיך ווי א קינד פאַרטאָג מיט זיין פאָטער. דאָ רייט זי אויף איהם, און דאָ בייסט זי ליידענשאַפטליך זיין אונטערשטע ליפּ; דאָ לאָזט זי אריין איהרע פויסטלעך אין זיינע קודלעס, רייבט

איהרע פּוכאַווע באַקען אַז זיינע עטוואָס שטעכעדיג־בעוואַקסענע... און וואָס טהוט זי נישט?!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— טראַ־טראַ־טראַ־טראַאאאַ! — צוטראַמביעט זיך דער „פּאַט־שטאַרזש“ אַריינפּאָהרענדיג אין שטאָדט און וועקט ביילען אויף פון איהר חלום. ערשטווינט קוקט זי זיך אַרום, זעהט נישט קיינעם, זעצט זי זיך אַוועק ביים ברעג טייך און פערטראַכט זיך.

— שוין זעקס חדשים — זיפצט ביילע — ווי שמשון ווייכט מיך אויס. די לעצטע צייט האָט ער מיך גאַר גענומען שלאָגען!... אַלץ די „מוהמע גאָלדע“, אַלץ זי...

— און אפשר רוזשקע?! — בלייבט זי שטעהן אַ ווייל און צעוויינט זיך.

אַ ווינטעל צעוויעגט זיך. לייכטע וואַלען קלאַפּען, שווענקען אָפּ דעם ברעג. דער טייך זשומעט.

טרעהרען גרויסע ווי אַרבעס קאַטשען זיך אַראָפּ פון ביילעס באַקען, קאַטשען זיך און פאַלען אין וואַסער אַריין. — — — — — — —

---

אויפגערעגט געהט שמשון אַרויס פון שענק.

ער צושפּרייט די פיס, שטעקט אַריין די הענד אין די הויזען־קע־שענעס, קוקט זיך אַרום, גלייך ער וואָלט געקלערט וואוהין צו געהן. די שענק מיט די חברים זיינען איהם יעצט נמאס. ס'ווילט זיך איהם זיין אַליין, גאַנץ אַליין ערגעץ ווייט און רוהיג טראַכטען. מיט פעסטע טריט שפּאַנט שמשון אין דער „בזשעזשינקע“, וואָס געפינט זיך אונטער דער שטאָדט.

דאָס וועלדעל שמעקט מיט זומפּען און פרישׁ געשניטען היי. די בזשעזשינע ביימער זיינען פון אונטען ווי צונויפגעוואַקסען אין איין גרוי־סען, אונענדליכען, ברייטביינינגען בוים. די נאַכט ווי אַ כשוף מאַכערין לאָזט זיך פּאַמעליך אַראָפּ איבער'ן וועלדיל, שטעלט איבער ביימער, קוס־

טען, פּלעכט ביי יונגע בעריאָזקעס די לאַנגע צעפּ אַז ס'ווערט אַזש אונ־היימליך.

פון צווייטען זייט וועלדיל הערען זיך אומעדיגע טענער פון קלויס־טער־גלאָק.

שמשון זעצט זיך אונטער אַ בוים, שפּייט אויס און פּאַרציהט אַ סיגאַר. ער זיצט און קלערט ווי אַזוי פּטור צו ווערען פון ביילען, זי איז שוין איהם דערעסען.

— נישט דאָס וואָס אַמאָל! זיפצט שמשון און לאָזט אַרויס דינע שלענגלענדע רויך.

— אפילו די „מוהמע־גאָלדע“, דאַכט זיך אַ שעלמע, האַ? אָבער אַליץ נישט רוזשקע! נישט דאָס!

ס'האַרץ ציהט איהם צו רוזשקען.

אַט זעהט ער זי אין איהר לאַנגער, טערקישער גאָבּרעלע מיט האַל־בע, ברייטע אַרבעל. די האָר צושאָטען. די לאַנגע רייפּען־אויערינגלעך וואַקלען זיך אין די אוירען. רוזשקע זעצט זיך אַוועק, מאַכט אַריין די גאָבּרעלע צווישען די פיס און איהרע שוואַרצע, שעלמישע אויגען לאָזען נישט רוהען, ברענען...

שמשון שמייכעלט:

אַ פער'שכורענדע קראַפט פאַנגט אָן וואַקסען אין איהם, צוגיעסט זיך מיט אַ שנעלקייט איבער זיין גאַנצען קערפּער, פּילט אָן יעדען שפּאַלט, יע־דען נערוו... ער קאָרטשעט זיך איין אונטער'ן בוים ווי אַ פּאַנטערא און גיט אַ בריל:

— אַ מויד אַ ברען!

שמשון עראינערט זיך:

ער געהט מיט רוזשקען כאַפּען פיש. זיי זיצען ביז שטאָקידענע נאַכט, הונגערן זיך גוט אויס און מעהר ווי עטליכע פּלאַטקעס כאַפּען זיי נישט. מיעדע געהען זיי אַהיים. אויפ'ן וועג פערגלוסט זיך רוזשקען געבראָטע־נע קאַרטאָפעל.

שמשון גראָבט אויס יונגע, פרישע קאַרטאָפעל, נעמט אַראָפּ אַבי־

סעל היי פון סטאָג, רייסט אָן קאָרע פון דיביימער און א פייעריל צו־פלאַקערט זיך אין מיטען דער לאָנקע.

זיי שלינגען מיט אַפּעטיט די קרובע קאַרטאָפעל.

שמשון ציהט זיך אויס נעבען פייער אויפ'ן בויך, שפּאַרט אונטער דעם קאָפּ מיט זיינע צוויי הענד און פערטראַכט זיך. שטיל. ערגיץ דאָרט ווייט, ווייט קוואַקען זשאַבעס.

מיט א ווילדע הנאה בעטראַכט ער די פלאַמען־צינגלעך וואָס הויבען זיך פון פייער. און ס'דאַכט זיך, אז די פלאַמען־צינגלעך בויגען זיך אלץ נעהנטער און נעהנטער צו שמשונען, שפּיעלען זיך מיט איהם: בויגען זיך צו און שפּרינגען אָפּ.

שטיל. יעדע רגע ווי א זיג־זאַג שניידט דורך א בליץ.

רוזשקע זעצט זיך נעבען שמשונען אויף די קניהען, לאָזט פונאַנדער איהרע שוואַרצע פלעכטען, צעשפּרייט איהר קלייד, ווי א קוואָקע די פליגעל, נעהמט ארויס פון בוזעם א פּעשיל קאָרטען, טאַשט עס און צולעגט עס אויף שמשונ'ס פּלייצע.

זי ציהט ארויס א קאָרט:

— מלכה אייבעל:

— א ברונעטקע מיט אויגען ווי די נאַכט, וואַרט אויף דיר ערגעץ גאַנץ ווייט, ווייט... זי בענקט. שלעכטע מענשען לאָזען זי נישט צו דיר... זי וועט אויסשטעהען פיעל צרות, אָבער צום סוף וועט זי דיך קריגען, שמשון! — — — — — — — — —

— פונקט ביילקע, אזוי פלעגט זי אמאָל רעדען, „וורואוזשען"... איהרע אויגען! א העליש פייער! — קלערט שמשון און פיהלט ווי עפּעס פלאָנטערט זיך ביי איהם אין מח, שפּרינגט אַהין סדר.

רוזשקע הויבט אויף א קאָרט:

— אויבער שעל:

— — — — א פּרינץ מיט בלאָנדע לאָקען איז שטערבליך פאַרליעבט

אין דער ברונעטקע. ער פאַנגט זי, פערשליסט זי אין זיין כשוף פּאַלאַץ.
די ברונעטקע אנטלויפט פון זיין שלאָס און קומט צו דיר, שמשון! — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

רוזשקע ווערט שטיל. די באַקען רויטלען זיך. א זאַנפטיג ווינטעל טראָגט זיך לייכט איבער דער לאָנקע. דאָס פייערל דערברענט זיך.

אָט זעהט שמשון ווי א פּאָר לאַנגע הענד אָהן א געשטאַלט שטרעקען זיך אויס... די הענד ציהען, רופען אין שלאָס אריין, וואו די געפאַנגענע ברונעטקע ליגט.

שמשון כאַפּט ארום רוזשקען, קושט זי, שטופּט אריין זיין קאָפּ אין איהר שויס.

רוזשקע האַלזט איהם און שעפּטשעט:

— שמשון, אָט, דאָ אריין קוש! — און ווייזט אויף איהר בראָנזענעם האַלז.

שמשון נורעט אריין זיין קאָפּ אין איהר האַלז, שפּיעלעט בשעת מעשה אויף איהר בלוזקע, העקעלט אָפּ איהר קלייד.

— וואָס טהוסטו? — שעפּטשעט רוזשקע און דריקט זיך אַלץ פעסטער צו שמשונען.

שמשון ענטפערט נישט, נעהמט זי אויף דער האַנד און וואַרפט זיך מיט איהר נעבען פייער. — — — — — — — — — — — — — — — —

פון דעמאָלט אָן בענקט ער אַלץ מעהר און מעהר נאָך רוזשקען.

שמשון דרעהט זיך איבער אויף דער צווייטער זייט, לאָזט ארויס א פּאָר קנוילען רויך און פערטראַכט זיך:

זיין חבר, שלמה „קראַדניק", קומענדיג פון וואַרשע האָט איהם דערצעהלט, אז מיט אזא מיידעל ווי רוזשקע, קען מען אין וואַרשע מאַכען א בכבוד'דיג לעבען. עס האָט פיעל נישט געפעלט, שמשון זאָל פאַר אזא עצה אריינפאָהרען „קראַדניקען" אין פּיסק אריין.

— וואָס מיינסטו עפּעס, קעלבאַסניק! — האָט שמשון ארויסגעזאָגט בייז — רוזשקע איז פון י ע נ ע? ! ניין! רוזשקע איז מיינע!

מיט אמאָל פערגעסט זיך שמשון און איהם דאכט זיך, אז ער איז אן אלפאַנס.

ער שפּאַצירט זיך איבער „טאַוואַראָווע“ אין א פּאָר ברייטע העלע הויזען מיט קעסטלעך, אין א ווייסע פּיקענע וועסט, א גאָלדענעם זייגער מיט א קייט. אויף די פינגער בריליאַנטען. ער שפּאַציערט און קוקט ווי „יאָלדען“ פּאַקען זיך צו איהם. די „מוהמע־גאָלדע“ זיצט ביי דער טהיר און נעמט צו די פּאָר גראָשען.

אויף יום טוב קומט שמשון א היים צו זיך אין שטעדטיל. אָן אויס־געפּוצטער געהט ער זיך צו דער „השכמה“, קויפט מפטיר, איז מנדר א שעהנע נדבה. נאָכ׳ן דאַווענען פּאַרבעט ער זיינע חברים אין שענק אריין. מען עסט, מען טרינקט און שמשון דערצעהלט ווי ס׳לעבט זיך אין וואַר־שע, די בריה׳שקייט פון וואַרשעווער גנבים. חברה זיצען מיט דרך־ארץ און שלינגען זיינע ווערטער. — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

טריט. א הויכער יונג און א פּאָר לאַקירטע שטיוועל מיט א פּאָר געפּאַסטע הויזען געהט פערביי. ער רוקט זיין קליין היטעל „נאַ־באַקער“, מען זאָל בעסער ארויסזעהן זיין קאַזאַצקע פּאה.

דאָס איז „יאַן“, א שייגעץ וואָס רעדט אויף האלב־אידיש. ער איז תמיד אין דער „בזשעזשינקע“, באַפּט קאַנאַרקעס און לערענט זיי ארוים־ציהען בילעטען. זיין צושויבערטע פּאה מיט די שטיקלעך שטרוי ציינען, אז ער איז נור וואָס פון שלאָף אויפגעשטאַנען.

— העי, דו גוי, וואוהין שלעפּסטו זיך? — שרייט שמשון. יאַן קוקט זיך ארום, דערזעהט שמשונען, שרייט אוים:

י—עזוס־מאַריא! — און צלם׳ט זיך — כ׳שלעפּ זיך צו דיר, שמשון. עפּעס אומעדיג היינט, ברודער. ס׳ווילט זיך דעם האלז נאָס מאַ־כען און דערצו בין איך הונגעריג ווי א וואָלף!

שמשון שטעלט זיך אויף, ציהט זיך אוים, עפענט דאָס מויל. א ווילדער אַ־אַ־אַ! שניידעט דורך די שטילקייט פון וועלדעל.

— שמשון, האָסט אפשר א פּאַפּיעראָס? — פרעגט יאַן.

שמשון שטעקט אריין צוויי פינגער אין וועסטעל קעשענע, שלעפּט ארויס א סיגאר, איז מכבד יאנען.
זיי פערשווינדען אין וועלדיל.

---

אין מיטען שטוב ביי א קיילעכדיגען טיש זיצט רוזשקע מיט ביי־לען און שפּיעלען אין „אָקאָ". אויפ'ן טיש אין א מערזשיל ברענט א לעמ־פּעל מיט א געלאַטעוועט גלעזעל. נאָך יעדען קאָן הויבען די שפּיעלערס אויף דאָס לעמפּעל און וואַרפען אריין „שוידער־געלד" אויף נאַפּט.
רוזשקע פּערלעגט איין פּוס אויפ'ן צווייטען, טאַלירט די קאָרטען און מיט א פּרעהליכע מינע זינגט זי פּערשיעדענע קופּלעטען. ביילע אקאָמפּאַנירט איהר — און אויפ'ן טיש קלימפּערן מטבעות.
אויפ'ן פּיעקעלעק קאָפּטשעט א קנייטעל אין א פלעשעל נאַפּט — דאָרט זיצט וועלוויל און ארבייט א פליה־שלאַנג.
די טהיר עפענט זיך. שמשון מיט יאנען קומען אריין. שמשון איז פּרעהליך, רעדט מיט ביילען, גלייך צווישען זיי וואָלט גאָר נישט פאָרגע־קומען. ער שטעלט אוועק עטליכע פלעשלעך בראַנפען און הייסט ביילען עפּעס מאכען צו פערבייסען.
רוזשקע אין א פּאָר שנורעוואנע שטיוועלעך מיט הויכע אָפּצאַסען, אין א קורץ געשטרייפט אונטער־קליידעל, פון אונטער וועלכען עס קו־קען ארויס קאָלירטע זאָקען, געהט אונטער צום שפּיעגעל טאַנצענדיג.
זי נעהמט איבערפלעכטען מיט די בויגיגע הענד איהרע צופּאַטעלטע, לאַנגע צעפּ. די באָרדע בלוזקע ציהט זיך איין און יעדער בויג פון איהר קערפּער שניידט זיך ארויס, רייצט.
שמשון שטופּט יאנען און שעפּט נחת. ער גנב'ט זיך אונטער, כאַפּט רוזשקען ארום און פארשטעלט איהר די אויגען. רוזשקע טהוט בלומרש פון שרעק א צאַפּעל און רייסט זיך ארויס:
— ווי קאָן מען דאָס אזוי א מענשען איבערשרעקען? ! דאָס גאַנצע הארץ קלאַפּט דאָך מיר — צובייזערט זיך רוזשקע און שטעקט שמשא'ס האנד צו איהר ברוסט — נא, זעה!

שמשון רוקט ארונטער זיין האנד אונטער דער בלוזקע. רוזשקע טהוט איהם א פעטשיל. אלע צולאכען זיך. רוזשקע פארשעהמט זיך, לויפט צו שמשונען, נעהמט איהם רייסען פאר'ן אויער:

— דו, חזיר איינער!

שמשון בויגט איין דעם קאָפּ, שמייכעלט און לאָזט זיך.

יאַן שלעפּט דערוייל אראָפּ וועלוויל'ן פון פּיעקעליק, זעצט איהם צו זיך אויף דער שויס און מאכט נאָך אלע חיות און פייגעל. ער טהוט א ציה אויס זיין לאנגען האלז — און א קאַנאַרעק שפּיעלט; א קורטשע איין — א האָן קרייט! א לאָז אראָפּ דעם קאָפּ — א הונד בילד. ער ציהט ארויס פון זיין כאַליעוואַ א פייפעל און פייפט אויס א מאַזורקע.

דער עולם ווערט פרעהליכער און צוזעצט זיך ארום טיש. רוזשקע געהט ארום די געסט מיט א פלאַש. די גלעזלעך ווערען געשווינד ליידיג, און מען גיסט זיי ווידער אָן. די פנים'ער קאָלירען זיך, מען גיט זיך צו קוראזש, מען וויצעלט זיך און מען דערצעהלט מעשיות... רוזשקע מאכט עטליכע כוסות, ווערט פרעהליכער, לאַבוזאַוואטער... זי זעצט זיך אויף שמשונס שויס.

שמשון נעהמט זי ארום און הייבט זי אָן קושען.

ביילע ווערט שטארק בלאַס און באלד פיהלט זי ווי א כוואַליע בלוט שלאָגט איהר אין פנים אריין. זי קוועטשט איין די פויסטען, וויל כאַפּען א פלאַש, כמאַליען איבער די קעפּ.

מיט א שוידער זעהט זי ווי דער האלב־שכורער שמשון גלעט רוזשקען און רעדט אפּגעריסענע ווערטער. זי ציטערט פון כעס, און ס'דאכט זיך, אז זי וויל שמשונען אויפעסען מיט איהרע אויגען.

זי שפּרינגט אויף. מיט וואקעלדיגע טריט געהט ביילע צום קינד און נעהמט שליידערען די מולטער. דאָס קינד פאלט ארויס און צושרייט זיך. טרערען בעווייזען זיך אין ביילעס אויגען. זי קריגט רחמנות אויפ'ן קינד, הייבט עס אויף, טוליעט עס צו איהר ברוסט און קושט עס. זי פיהלט זיך אזוי שוואך, אזוי הילפלאָז...

יאַן גיט וועלוויל'ען בראָנפען און פאַפּיראָסען צו רויכערען. וועל־

ווילן טהוט עס שטאַרק הנאה — עפּעס פּיהלט ער זיך גאָר עלטער, גרעסער... אין גיכען אָבער דערפּיהלט ער קאָפּ־וועהטאָג און אַלץ אין שטוב הויבט זיך אָן דרעהען. — — —

נאַכט. וועלוויל קומט אויף. דאָס לעמפּיל אויפ'ן פּיעקעליק צאַנקט און בעלייכט קוים די פּנים'ער פון די שלאָפענדע.

ער דערשרעקט זיך — די מאַמע אויף דר'ערד, די האָר פונאַנדערגעלאָזט. זי כראָפּעט. נעבען איהר ליגט יאַן אויסגעצויגען ווי אַ ליעשטש אויף ברודיגע וועש אָהן ציכלעך. דער טאַטע אין די קליידער ליגט מיט ה'זשקען אויף דער שלאָף־באַנק.

דאָס פערדרויכערטע לעמפּעל צוטראָגט איבער'ן צימער אַ שווערען, שטיקענדען ריח. אויפ'ן ברודיגען פּאָל וואַלגערן זיך: שטיקלעך פּאַפּיר, אויסגעברענטע פּאַפּיראָסען, שוועבעלעך. אין אַ ווינקעל ליגען צוויי שטוהלען איבערגעדרעהט און נעבען זיי צוויי פלעשליך פון נישט לאַנג אויסגעטרונקענעם בראָנפען. צו דער טהיר צו ביי אַ בענקיל מיסט ליגט אַ צובראָכען גלאָז, שטיקלעך צוקער.

וועלוויל דערזעהט דאָס אַלץ ביים ערשטען בליק און שרעקט זיך שטאַרק. צומייסטען אָבער האָט ער מורא צו קוקען אין דער זייט וואו די מאַמע ליעגט. ס'דאַכט זיך איהם, אז אַ פּאָר גרינליכע אויגען קוקען אויף איהם פון אונטער די פונאַנדערגעלאָזטע האָר.

פון פּיעקעליק טראָגט זיך דאָס פּישטשען פון אַ גריל. די ים־חזיר־לעך וואָרטשען. משונה'דיגע שאָטענס שפּרינגען און טאַנצען איבער די ווענד.

וועלוויל האָט מורא, פערמאַכט די אויגען — בלויע רעדער מיט גאַנצע פּלאַצען זעהט ער פאַר זיך... דאָרט אין ווינקעל שטעהט עמיצער און בלעקט אויף איהם ארויס די צונג... טיעפער, טיעפער בעהאַלט וועלוויל דעם קאָפּ אין קישען און ציטערט פון שרעק.

ניו־יאָרק, 1910.

# אין וואַלד



אין עק ליפּאָווצער וואַלד, אויף א בערגעל, וואו דאָס דאָרף זאַוואַד האָט זיך אָנגעהויבען, איז געשטאַנען א שווארצע קרומליכע געביידע, גע־מאַכט פון פיער־עקיגע קלעצער. די קלעצער זיינען געווען צושפּאָלטען פון אַלטקייט און פערשמירט מיט ליים און בהמה־מיסט.

חיים שמיעד, א שווערער, אויסגעארבייטער איד מיט גרויסע בייגער־נע קנאָכען, מיט רויטע פון פייער אויגען, מיט א צואקערט פּנים, באַ־דעקט מיט סאַזשע, איז געשטאַנען אין דער קוזשנע אין אַן אַלטען פערשי־מעלטען קאַפּעל מיט א לעדערנעם פארטוך. ער האָט געהאַלטען מיט א לאַנגע צוואַנג א צוגליהטע שטאַבע און מיט הנאה געקוקט ווי זיין זוהן שלמה, א נידריגער, ברייטביינינגער יונג אין א שווארץ העמדעל אָהן אר־בעל, האָט אויסגעהאַקט לעבער אין דעם אייזען.

אין דרויסען האָט חיים׳ס עלטסטער זוהן לייזער, א בעווייבטער יונ־גערמאַן מיט עטליכע צוואוארפענע האָר אויף דער גאָמבע, געשמיעדט א גניאַדען זשרעבאַק פּאָדקאָוועס. לייזער האָט געהאַלטען דעם זשרע־באַקס פוס צווישען זיינע אָון געשיילט מיט א דלאָטע די קאָפּיטע. דער פויער האָט צוגעהאַלטען דעם זשרעבאַק פאַר דער מאָרדע, איהם געגלעט, גענעבען ווייסע מייערען און דער זשרעבאַק האָט זיך געוואָרפען ווי אין קדחת. יעדע ווײַלע האָט ער א שטעל אויף געטהאָן די אויערען, א ריס געטהאָן דעם הינטערשטען פוס און זיך צוהירזשעט, עפענענדיג ברייטער זיינע רויטע נאָז־לעכער.

חיים׳ס מוזשיניק, לייבקע, א שווארץ אָבגעריסען אינגעל פון א יאָהר דרייצעהן מיט א פערריסען פויליש נעזעל, איז געשטאַנען אין א זייט מיט עטליכע שקצים און זיי געוויזען א „שיסער“. דער שיסער איז בעשטאַנען פון א גרויסען שליסעל. ביים שליסעל האָט געהאַנגען א לאַנג שטריקעל

און ביים עק פון שטריקעל — א גרויסער משוואָק מיט א פּלאַטשיקען שפּיץ.

—העי, חברה,—האָט לייבעל זיך געווענדעט צו די שקצים קראַצענדיג בשעת מעשה דאָס רעכטע באַרוויסע פיסעל מיט'ן לינקען — ווער וויל קויפען אַט דעם שיסער? נישט מעהר ווי פינף קאָפּיקעס, קוקט, דאָס איז איינמאָל א כלי! מיט איין שאָס הרג'עט מען א וואָראָנע!

די שקצים האָבען דעם „שיסער" בעטראַכט, בעטאַפּט, נור קיינער האָט זיך נישט געאיילט צו קויפען.

—— נו, דו, וואָלאָדעק, — האָט זיך לייבעל געווענדעט צום אָרגאַניסטער'ס שייגעץ — דו האָסט דאָך א רייכען טאַטע, פאַר וואָס קויפסטו נישט?

— באַ — האָט וואָלאָדעק געענטפערט און זיך גענומען שיבערען זיין פלאַקסען קעפּיל — אפשר שיסט ער גאָר נישט. לאָמיך פריהער זעהען ווי ער שיסט!

— גלויבסט נישט — האָב לייבעל געענטפערט — אַט וועל איך באַלד שיסען. און אויב דו האָסט נישט דאָס גאַנצע געלד — האָט לייבעל ווייטער גערעדט — מאַכט אויך נישט אויס, כ'וועל דיר געטרויען. גיב שוין א קאָפּיקע און דאָס איבריגע וועסטו מיר אויסצאָהלען, גוט?

לייבעל האָט ארויסגענומען פון דער קעשענע א פּעקיל „שוועצקע" שוועבעליך, וואָס צינדען זיך אליין אָן, גענומען אָבברעכען די קעפּלעך, זיי אָנגעשטופּט אין דעם לאָך פון דעם שליסעל, פעסט אָנגעשטופּט און אריינגעזעצט דעם טשוואָק אין דעם לאָך. ער האָט געהייסען אַלעמען אוועקגעהן אָן א זייט, אָנגענומען דאָס שטריקעל מיט דער רעכטער האַנד און וואָס כח נור א שליידער געטהאָן דעם „שיסער" אזוי קונציג אָן א שטיין אַז דער טשוואָק האָט דורכגעלעכערט דעם שוועבעל. א קנאַל ווי פון א פיסטאָלעט האָט זיך דערהערט און א וואָלקען רויך איז געבליבען שטעהן אין דער לופט.

דער זשרעבאַק האָט זיך א ריס געטהאָן אומוואָרפענדיג דעם שמיעד מיט'ן פייער און אוועק, שפּרינגענדיג איבער פּלעטער.

דער אַלטער חיים איז אַרויס מיט שלמה'ן. פויערים האָבן זיך גענו־מען טראָגן פון אַלע זייטן, געלאָפן נאָכ'ן זשרעבאַק.

לייבקע האָט דערווייל אָפּגעצויגן און זיך בעהאַלטן הינטער א סטאַדאָלע. דער אַלטער חיים איז אַרומגעפלויגן איבער'ן הויף, געזוכט לייבעלען און גערעדט צו זיך אַליין:

— סאַ—ממזר! כ'וועל איהם היינט די הויט אָפּשינדען, אַז דאָס האָט קיין עול נישט, וואַקסט מיט די שקצים אין דאָרף, ס'וועט זיך נאָך שמד'ען! בלי נדר, נאָך שבת, פּיהר איך איהם אין שטאָדט אַריין, אוועק־געבען צו משה שוסטער און דאָרט וועט ער וויסען וואָס קאָרען גילדט!

ער האָט געשריען, גערופען:

— לייבעל, לייבקע, קום נור אַהער!

לייבעל האָט זיך אַרויסגערוקט פון הינטער דער סטאַדאָלע, זיך גע־ריבען אָן דער וואַנד ווי א פּעט חזר'ל און ברוגז'דיג געזאָגט:

— כ'וועל נישט געהן!... וועסט מיך שלאָגען — — אַז איך בין נישט שולדיג!...

— ווער וועט דיך שלאָגען, ווער, דו הינטישער לעבער — האָט חיים געקריצט מיט די ציין און געהויבען די ברייטע הויזען, — קום שוין אַהער, הערסט? !

דערווייל האָט זיך שלמה'קע אונטערגע'גנב'עט און צוגעטראָגען לייבקען צום פאָטער.

חיים האָט אָנגעכאַפּט דעם אינגעל פאַר די האָר, איהם געשלאָגען מיט זיינע ביינערנע קנאַכען, געטרעטען מיט די פיס און גערעוועט.

— באַנדיט, כ'וועל דיך איינמאָל דער'הרג'ענען, דערשטיקען וועל איך דיך, גנב איינער! דו זאָלסט מיר נישט געהן אין וואַלף'ס דרכים, הערסט? נישט פערשוואַרצען אויף דער עלטער מיין פּנים! און אויף ס'ניי גענומען טרעטען דעם אינגעל מיט די פיס.

לייבקע האָט קיין טרעהר געלאָזט, איז געלעגען אויף דער ערד, איינגעקורטשעט ווי א טוידט חיה'לע און פאַרקוועטשט די אויגען. ער האָט בשעת מעשה געקלערט וועגען זיין ברודער

וואָלף. ער האָט געוואוסט, אַז ביי וואָלף׳ען, וואו די זעברעס ענדיגען זיך, הייבט זיך אָן אַ ביינערנע רייף און אַז דער גרעבסטער שטעקען שפּאַלט זיך אָן איהר אין צווייען. נישט איינמאָל האָט לייבקע געזעהן ווי וואָלף האָט זיך אויסגעצויגען ביי מעכיל׳ן אין שענק. ער האָט ארויפ־געשטעלט אָן אייזערנע קאָוואדלע אויף זיין בלויז האַרץ און די שטאַרקס־טע פּויערים פון דאָרף האָבען מיט גרויסע האמערס געשמיעדט שטיקער אייזען. אַזאַ רייף, האָט ער געוואוסט, קריגט מען פון אַ סך קלעפּ, און ער איז זיכער געווען אַז ווען ער וועט עלטער ווערען וועט ביי איהם אויס־וואַקסען אַזאַ רייף. דעמאָלט וועט דער „אַלטער" מעהר איהם נישט שלאָ־גען.

חיה, דעם שמיעד׳ס ווייב, אַ הויכע דאַרע אידענע פון אַ יאָהר עטלי־כע פופציג מיט שווארצע וואָנסען, איז פּונקט אָנגעקומען פון דאָרף.

— מערדער, דו ווערסט נאָך דעם אינגעל דער׳הרג׳ענען, גענוג זאָל שוין זיין, הערסט, דו אַלטער קרח!?

— אַ קלאָג אויף דיר מיט דיין זוהן צוזאמען — האָט חיים זיך געווענדעט צו זיין ווייב האַלטענדיג בשעת מעשה דעם אינגעל פאַר אַ האַנד — אַז דו ביזט נישט בעסער פאַר איהם! זי נעמט זיך אָן, גע־הרג׳עט איהר מוזשיניקיל — — — אַ דער׳הרג׳עט זאָלסטו ווערען, באַ־טשאַן*), דו! ווען כ׳וואָלט מיט דיר געשלאָגען כפּרות צומאָרגענס באַלד נאָך דער חתונה וואָלט איך געווען אַ גענעזענער! ניין, — האָט חיים אויסגעשפּיגען מיט אַ קרעכץ — — כ׳בין אריינגעפאַלען! ס׳איז פאַר מיר קיין שידוך נישט געווען!

פון וואַלד איז אָנגעקומען וואָלף, חיים׳ס צווייטער זוהן, אַ שוואַר־צער בחור ווי אַ ציגיינער, פון אַ יאָהר אכט און צוואנציג. ער האָט גע־טראָגען אַ קליין טוכען היטעל מיט אַ לעדערנעם דאַשעק, אַ פּאָר לאַקיר־טע שטיוועל מיט געפּאַלדיוועטע כאַליאַוועס. אין דער האַנד האָט ער גע־האַלטען אַ לאַנג צווייגעל און עס וואוילעריש געדרעהט צווישען די פינגער.

---

*)באַטשאַן — בושעל.

זעהענדיג ווי דער פאטער האלט ליבקען און קריגט זיך מיט דער מאמע האט וואָלף איהם איבערגעשלאָגען מיט א בייזער:

— נו, טאטע, האסט זיך שוין צו'דרש'ענט, לאָז שוין נעמען א סוף, ס'גאַנצע דאָרף קומט זיך צונויף אויף אייער שווארץ וואונדער! געה, געה בעסער אין דער קוזשנע!

דער אלטער דעזעהענדיג וואָלפען האט זיך עטוואס פערלוירען, אָפּגעלאָזט ליבקען, א שפּיי געטהאָן, אויפהויבענדיג די הויזען און געשאָלטען אין דער וועלט אריין:

— פער'שרפעט זאָלען זיי ווערען! חיים שמיעד וועט זיך אָנפרעגען ביי ר' וואָלף גנב צו ער זאָל שלאָגען ליבקען! א נישט דערלעבען וועט ער עס! זיי וועלען זיך נאָך אלע דערשפּילען!

ליבקע האט זיך א האסטיגען שטעל אויף געטהאָן, זיך אָפּגעשאָקעלט פון די קלעפּ, ווי א הינטעל וואס שפּרינגט ארויס פון וואסער, זיך געטאפּט פאר'ן צוקלאפּטען געזעס און געוואָלט מאכען פּליטה.

— העי, ליבקע, קום נור — האט וואָלף איהם צוגערופען — וואס דער „הינטען" בריהט? הא, הא, — האט זיך וואָלף צולאכט — כ'האב מורא עס וועט דיר גאר נישט זיין! נא, דא האסטו א זעקסער און קום מיט מיר אין וואלד אריין. הער זיך איין, אויב יעקב „שרייבער" וועט זיין אין וואלד וועסטו גלייך געהן צוריק און אויב נישט וועסטו צוגעהן צו לאה'ן און איהר זאָגען, אז כ'וועל היינט אבענד זיין ביי איהר. נו, נישט געזוימט, שטעל א פאַלקע!

---

טיעף אין וואלד ביים „באראק" האט זיך וואָלף אָפּגעשטעלט.

— הער, ליבקע, כ'געה צו וואו מען האקט דעם דאָמב.

— און איך?

— דו וואַרט דא, הערסט? כ'וועל נור א קוק טהאָן צי יעקב איז דאָרט נישטא. וואס האב איך געוואָלט זאָגען? יא! אויב כ'וועל נישט זיין צוריק אין א צעהן־פופצעהן מינוט מעגסטו געהן אהיים. נור הער

זיך איין — דאָ האָט וואָלף צוגעלעגט דעם פינגער צו דער נאָז — האַלט מויל!

ליבקע וואָלט געגאַנגען פאַר וואָלף׳ען אין פייער. זיך תמיד געזור׳ט וואָלף׳ס ווערטער: אויב דו ווילסט ס׳זאָל פון דיר זיין א לייט לערנען דיך אויס שווייגען! אז מען וועט אפילו שניידען דאָס לייב אין פאַסען — שווייג! לאָז קיין טרעהר נישט!

זיין קינדיש מוח׳ל האָט פערשטאַנען וואָס קומט פאַר צווישען וואָלף׳ען און לאה׳ן, כאָטש ער האָט נישט געוואוסט ווי עס אָנצורופען. און אזוי ווי ער האָט ליעב געהאַט אַלץ נאָכצומאַכען וואָלף׳ען — האָט ער נעטראַכט אז ווען ער וועט גרעסער ווערען, וועט ער זיך אויך אזוי טרעפען מיט פייגלען — יעקב׳ס מיידעל.

לייבעל האָט ארויסגענומען דעם זעקסער פון מויל, איהם אָפּגעווישט אָן זיינע הויזען און גענומען שפּילען מיט זיך אליין „קאַפּשלאַק“.

ער האָט זיך מיט אמאָל אויסגעצויגען אויפ׳ן מאָך, פערזשמורעט די אויגען און נעקוקט אין די ברענענדיגע זון אריין. א מילכיגער רעגען בויגען האָט איהם איינגעהילט אין גאַנצען, נעוואָרעמט דאָס פנים. עס האָט זיך מיט אמאָל דערהערט א קלאַפּ. לייבקע האָט זיך אויפגעכאַפּט. נישט ווייט פון איהם איז ארוים פון מאָך א „סקאָוראָנעק“ און שנעל זיך גענומען רעדלען ארויף. אָט איז ער שוין זעהר הויך, פונקט אין דער מיט פון דער זון. און דער פויגעל צוטרעלט און צופייפט זיך אַלץ העכער, גיט מיט אמאָל א קנאַל, פּלאַצט, רייסט זיך איבער און שיט זיך פונאַנדער ווי א ווייטער דונער. לייבקע האָט פארקוועטשט נאָך שטאַרקער זיינע אויגען און דערפיהלט ווי א פּאָר פליגעל וואַקסען איהם אויס אונטער די אָרעמס, הייבען איהם אויף און טראָגען איהם טיעף אין הימעל אריין. דאָס גאַנצע דאָרף שטעהט און וואונדערט זיך — לייבקע פליהט. און אז דער טאַטע נעהט שלאָגען, גיט ער א הייב אויף די הענד, א פּאַטש מיט די פליגעל — און כאַפּ מיך! און אז פייגעלע וועט וועלען וועט ער זי נעמען אויף די פליגלען און וועט איהר ווייזען, ווי ביי פריוועסען אין שלאָס טאַנצען ארום דייטשלעך און ער קען זיך מיט זיי.

ער האָט דאָך אַליין געזעהען מיט דעם אַלטען באַרטעק, דעם פּאַס־טעך, ווי דער אַלטער ישראל פּריוועס זיצט אַ טויזטער אין שלאָס, האַלט אַ שטיקעל ברענענדיג קיהן, עפּענט קופּערס און ציילט גאָלדענע רענדלעך. די דייטשלעך האָבען צוגענומען זיין קליין ברודעריל אויך און די מאַמע האַלט אין איין וויינען, אַז פישעלע איז געשטאָרבען. ער זעהט איהם יעדע נאַכט. די דייטשלעך פיהרען איהם אין שלאָס אַריין און דאָרטען פון אונטער אַ גאָלדענע הייהל שפּרינגען אַרויס פיעל קינדער, פישעלע אויך צווישען זיי. ער האָט איהם באַלד דערקענט, זיך געפרעגט וואָס די מאַמע מאַכט. נור ער שווייגט — וויל קיינעם נישט אויסזאָגען. אויף אַ גרויסען שטוהל האָט ער דאָרט געזעהן פייגעלעס מאַמע, די שעהנע גיטעל, ווי זי איז געזעסען מיט אַ גרויסע גאָלדענע קייט אַרום האַלז. ער וועט פייגלען דערצעהלען. וואָס הייסט? אַז ער וויל איז ער מיט איין מאַך פון די פליגעל אויפ'ן שפּיץ פון אָט דעם בוים. און באַלד — נאָך אַ מאַך — און ער איז שוין אויפ'ן צווייטען בוים און אַ ציה אַזוי מיט'ן קערפּער — און ער פליהט אַריבער גלייך צו מרדכי שרייבער...

פון שטאָדט איז אָנגעקומען דער דאָרפס־שטראַזשניק, אַ פופציג יעהריגער קאַצאַפּ מיט אַ פּאָר קליינע קאַלמיצקע אויגען. ער איז געגאַנגען שטייף, קלינגענדיג מיט זיין פּערראָסטעטע שווערד.

— העי, לייבאַ, וואָס וואַרפסטו זיך אַזוי? האָסט ס'קדחת?

לייבקע איז האסטיג אויפגעשפּרונגען, דערזעהען דעם פּאָליציאַנט האָט ער אַ שמייכעל געטהאָן, זיך אַוועקגעשטעלט אין דער גאַנצער לענג, צוגעשטעלט צוויי פינגער צום אָבגעריסענעם דאַשעק און ווי אַ זעלנער איהם אָפּגעגעבען „טשעסט“.

— זדראַווי זשעלאַיעם, גאָספּאָדין באַבורין!

— און וואָס טהוסטו דאָ אין וואַלד — האָט באַבורין געשמייכעלט, אַראָפּגענומען זיין שווער טיכען היטעל און זיך געווישט דעם רויטען, פערשוויצטען שטערען — היטסט וואָלף'ס קאָנטראַבאַנדע?

— טאַק מאַטשנאָ! — האָט לייבקע געענטפערט, אַרויסגענומען בשעת מעשה דעם זעקסער — נאַ, זעה, דאָס האָט מיר וואָלף געגעבען,

כ'זאָל איהם היטען דאָרט אין גרוב עטליכע בלוזען בראַנפען — —

— יאָ, יאָ, יאָ! פ'וואַקסט אַ „מאַשענניק"! — איז זיך דער קאַצאַפּ פערגאַנגען אין אַ געלעכטער — העה, וויז נור דעם זעקסער!

— ער איז אַ פאַלשער — האָט לייבקע געלאַכט — און איהם גע־געבען די מטבע.

דער קאַצאַפּ האָט איהם געדרעהט, בעקוקט, געקלאַפּט אין דער שווערד און אַנגעהמעגדיג לייבקען פאר'ן קאָלנער האָט ער שטרענג גע־זאָגט:

— וואו האָסטו גענומען דעם זעקסער, דו, „זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ"? זאָג? מען דאַרף אייך אַלע אידען אויס'שחט'ען! אַלע! דער זעקסער איז אַ פאַלשער!

— וואָלף האָט איהם מיר... — האָט לייבקע אָנגעהויבען און באַלד חרטה געקריגען.

— אַזוי, וואָלף האָט איהם דיר געגעבען, זאָג, דער קעשענע אָב־טיסט? קום שוין מיט מיר! כ'נעהם דיך גלייך מיט דיין טאַטען, מיט דיין ברודער, דעם גנב, און איהר אַלע געהט ביי מיר אוועק נאָך סיביר! אין קייטען! נאָך סיביר!

לייבקע האָט זיך גענומען רייסען. דער קאַצאַפּ האָט איהם גוט אָנ־געריסען פאַר די אויערן, דערלאַנגט איהם עטליכע בענקלעך אין געזעס אריין און גענומען אוועקגעהן.

לייבקע איז אַן אויפגעקאָכטער געוואָרען, זיך געטרייסעלט אין גאַנ־צען. געוואוסט, אַז דער קאַצאַפּ האָט איהם צוגענומען דעם זעקסער, איז ער נישט אַ פאַלשער, האָט ער גענומען נאָכלויפען נאָך באַבורינען מיט אַ שטיין, געשריען ער זאָל איהם אָפּגעבען. דער קאַצאַפּ האָט נישט גע־ענטפערט. לייבקע האָט איהם גלייך אין קאָפּ אריין אַ שליידער געטהאָן דעם שטיין און פערשוואונדען צווישען די בוימער.

---

פויערים אין די בלויזע העמדער זיינען געשטאַנען מיט שאַרפע העק און אויסגעהאַקט קרייזען אַרום די אַראָפּגעלאָזטע דעמבעס. שיקסעס און

עלטערע גויה׳ס האָבען אריינגעזעצט קלינעם אונטער דער קאָרע, זי אָפּ־געריסען און עם געלעגט אין קופּעס. טהייל האָבען זיך געווישט זייערע נאַסע, צופלאַמטע פּנים׳ער מיט די אויסגעשמירטע הענד און געלבליכע פלעקען זיינען געבליבען דאָ און דאָרט.

— גאָט זאָל העלפען! — האָט יעקב, א איד אין די זעכציגער, אויסגעשריען צוקומענדיג נעהנטער.

— אויף אימער און אייביג! — — —

די פּויערים זעהענדיג דעם „פּאַן פּיסארזש" האָבען זיך גענומען פלייסיגער פאר דער ארבייט.

— נו, וואָס זאָגט איהר, טאַטע, — האָט זיך יעקב געווענדעט צו אַן אלטען פּויער — וויפיעל קופּעס דאָמב וועלען מיר היי־יאָהר האָבען?

— באַ, כ׳וויים — האָט דער פּויער זיך פערטראַכט, ארויפגעצויגען בשעת מעשה זיינע צייגענע הויזען — א טויזענד וועט זיין, אויב נישט מעהר!

יעקב האָט זיך אוועקגעזעצט אויף אַן אָפּגעהאַקטען בוים. ער האָט זיך געוואונדערט ווי דער אלטער קאַצפּער, א גוי פון א יאָהר עטליכע אכטציג, שטעהט נאָך א גאַנצען טאָג מיט דער האַק אין דער האַנד און שטעהט נישט אָפּ פון די איבריגע פּויערים.

קאַצפּער איז נאָך ביי יעקב׳ס פאָטער געווען „לעשניק" אין וואַלד. דעמאָלט איז דער וואַלד געווען געדיכטער, ס׳איז אונמעגליך איהם געווען דורכצוגעהן — אזוי געדיכט זיינען די ביימער געווען. אלטע דעמבעס זיינען פון אלטקייט אליין געפאַלען, געלעגען צעהנדליגע יאָהרען, צופאַ־לען און פרישע דעמבעס זיינען ארויסגעוואַקסען פון די צופוילטע ביימער.

נישט איין מאָל אין א ווינטער פאַרנאַכט האָט זיך קאַצפּער פערקליבען אין א ווינקעל און גענומען וואָיען ווי א וואָלף. באַלד האָבען זיך הונגע־ריגע וועלף גענומען אָפּרופען פון אלע זייטען און פינקעלדיגע, וועלפישע אויגען האָבען ארויסגעברענט פון וואַלד.

יעקב קוקט אויף קאַצפּערס צוקנייטשט, ווי א געבאַקענער ווינטער־עפּעל, פּנים, אויף זיינע כמעט צוגעמאַכטע פון אלטקייט אויגען און ווען

נישט די הענד וואָס האָבען זיך פאַמעליך באוואויגען, וואָלט מען גע־
מיינט, אז קאצפער שלאָפט שטייענדיגערהייט.

— עס דומה לחמור — האָט יעקב צו זיך געזאָגט.

ער האָט געקוקט אויף דער אַלטער פּיאסעצקא מיט איהר טאָכטער קאשאַ'ן — די אָרימסטע פון דאָרף, האָבען איין „מאָרג" לאנד און א „לעפּיאנקע".

קאשאַ איז געשטאַנען מיט עטוואָס צושפּרייטע, באָרוויסע פיס, גיך געריסען די קאָרע און דערלאַנגט איהר מוטער. קאשאַ מיט איהרע קליי־נע הענד האָט אויסגעזעהען ווי א קינד. יעקב האָט באמערקט, אז דאָס קלייד ביי קאשאַ'ן איז פיעל קורצער פון פאָרענט ווי פון הינטען:

— דאָס טראָגט זי שוין ווידער — האָט ער געטראַכט.

פאַר יאָהרען האָט קאשאַ געהאַט א קינד מיט'ן אָרגאַניסטער. ער האָט זיך געקליבען חתונה האָבען מיט איהר, דערווייל איז ער פער־שוואונדען און זי טראָגט שוין ווידער.

א פויער האָט בעמערקט ווי יעקב קוקט אויף קאשאַ'ן און שמיי־כעלט, איז ער עטוואָס אויפגערוימטער געוואָרען און געזאָגט:

— קאשאַ, גאָט איז מיט דיר, האָסט זיך געמוזט איבערעסען, זעה נור סאר'א בויך האָסט געקריגען?

קאשאַ איז רויט געוואָרען און גאָר נישט געענטפערט.

— דו וואָלסט שוין גאָר געוואָלט דיין ווייב זאָל זיך איבערעסען—
האָט קאשעס מוטער בייז געזאָגט — קוק איהם נור אָן, דעם כוואַט, דאכט זיך א „כלאָפּ" ווי א דאָמב און דאָס קאָן א קאָץ א ווידעל נישט צובינדען, אזא צוקראַכענער! נישט בחנם שלעפּט זיך דיין ווייב ארום מיט אנדערע!

— אָט אזוי, אָט אזוי גיעב איהם! — האָבען זיך עטליכע שיקסעס אנגערופען — לאָז זיך נישט, פּיאסעקצא!

— דו, אַלטע „סוקא", ביזט דאך ערגער פון דיין טאָכטער — האָט דער פויער אָן אויפגעקאָכטער געזאָגט — ווער געדענקט דיך נישט ווען דו האָסט זיך ארומגעשלעפּט מיט'ן יונגען „פּאַן" און יעדעס יאָהר

געהאט אין דער סטאַדאַלע א ממזר!

— דו חזר'ש אויער, דו! דיין פראַנקע האָט נישט געהאט א ממזר מיט'ן „סאַלוטס" און דו אַליין ביזט אויך א „שובער". נישט בחנם איז דיין מאַמע געווען בעל־הבית'טע ביים גלת צוועלף יאָהר! און מיך אליין האָט נישט דער אלטער וויקאר ארומגענומען ווען כ'האָב זיך פאר איהם מתודה געווען? נור איך בין נישט קיין נאר! כ'האָב פאר'ן קוש געקראָגען פינף רובעל און אַלע זינד בחנם פארגעבען!

— וואָס אמת, איז אמת! — האָבען אַלע געלאַכט.

— אביסעל א יחוס — האָט יעקב געשמייכעלט אין זיך, מעהר נישט איינגעהערט וואָס די פויערים האָבען גערעדט.

א גרויסער זשוק איז געשטאַנען אויף א יאגדע־בוימעל, און אַנגעכמור־רעטער, מיט אן אראָפּגעלאָזטען שנוק. א צווייטער האָט זיך ארומגע־רעדעלט מיט א זשומעריי. ער האָט דורכגעשניטען פערשיעדענע קריי־זען, יעדע ווילע צו צום זשוק אויפ'ן בוימעל, איהם געגלעט מיט די פליג־לעך, געלעקט מיט'ן שנוק און איז באלד ווידער פערשוואונדען זשומענדיג אַלץ העכער. מיט אמאָל האָט זיך דער זשוק אוועקגעשטעלט אויפ'ן בוימעל, עפּעס אויסגעשפּונען מיט די הינטערשטע פיסלעך, געהויבען די פליגלען. די זשוקעס זיינען פאמעליך צו איינער צום צווייטען, איינגע־פלאָכטען זיך מיט די פיסלעך, געקלאַפּט מיט די פליגעל און צוזאמען אוועקגעפלויגען.

יעקב האָט זיך פערטראַכט און גענומען שפּאצירען איבער'ן וואַלד.

צייט מען האָט איהם איבערגעגעבען, אז „וואָלף ר' חיים'ס" איז ביי איהם אן אפּטער בן־בית, איז דער אלטער יעקב ארומגעגאנגען ווי אהן א קאָפּ. און פטור צו ווערען פון וואָלף'ען, ווי ער האָט געמיינט אין אָנהויב, איז נישט געווען אזא לייכטע זאך. דען גאָט זאָל שומר ומציל זיין — אזא יונג קאָן לייכט אונטערצינדען, שטעכען און וואָס קען ער נישט?

מיט אן אמת, האָט זיך דעם אלטען עפּעס נישט געגלויבט, אז צווישען וואָלף'ען און לאה'ן זאָל זיין עפּעס ערענסט. נו, טאקע? וואָס פארע אידישע טאָכטער וועט דאָס האָבען צו טהאָן מיט א גנב? על אחת

כמה וכמה וועט דאָך אַן אשת־איש אודאי נישט האָבען צו טהאָן! אלא מאי? וואָס דען? האָט דער אַלטער יעקב טאַקע נישט געפונען קיין תירוץ און געפּיהלט, אַז ער איז מיאוס אריינגעפאַלען, אַז ס׳רוקט זיך אויף איהם אָן אַ פינסטער עלטער — — און ווער ווייס? טאָמער שטראָפט איהם גאָט. ער האָט דאָך צוגעזאָגט גיטעלען, זכרונה לברכה, דער ערשטער ווייב, אַז ער וועט נישט נעמען קיין בתולה — — נור געה זיי אַ בריה! געווים איז עס באַר איהם נישט געווען קיין שדוך, דער שוועהר, שלמה פּאַכטער, איז נישט זיין שטאַנד — — נור גאָר נישט! פּערפּאַלען!

אַזוי האָט זיך יעקב אַרומגעשלעפּט איבער׳ן וואַלד ביז פאַרנאַכט. נישט ווייט פון „באַראַק" האָט ער דערזעהן קאַשאַן.

— וואָס טהוסטו דאָ? — האָט זי יעקב געפרעגט.

— די מאַמע האָט מיך געהייסען וואַרטען אויף אַ קוויטעל — האָט זי געענטפערט און נישט אויפגעהויבען די אויגען.

יעקב האָט רחמנות געקראָגען אויפ׳ן שיקסעל, ווי זי איז געזעסען אַזוי איינגעקורטשעטע, מיט פערלעגטע הענד — האָט ער איהר אויסגעשריבען אַ קוויטעל, געגעבען אַ קופּערנעם צעהנער אַ מתנה און זי געהייסען געהן אהיים.

דאָס שיקסעל איז צוגעפאַלען צו יעקב׳ן און איהם גענומען קושען די האַנד.

— ניטע, קאַשאַ, מען דאַרף נישט — האָט יעקב געשטאַמעלט — כ׳בין דאָך נישט קיין „קשאָנדז" — און ער האָט צוגעכאַפּט די האַנד.

יעקב האָט זיך מיט אַמאָל גענומען אַרומקוקען אין אַלע זייטען, געקוקט אויף קאַשאַן און עס האָט איהם עפּעס אַ בריה געטהאָן אין אַלע גלידער. ער איז צוגעגאַנגען נעהנטער צום שיקסעל, גלייך זיך פערלוירען, אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד און אוועקגעגאַנגען.

---

אַז יעקב איז צוגעקומען צו זיין הויז און דערזעהען ווי וואָלף שפּרינגט דורך זיין פאַרקאַן, איז ער אויף אַ רגע צומישט געוואָרען, זיך באַלד געטאַמעוועט און אַ געשריי געטהאָן:

— העה, וואלף!

וואלף האט דערזעהען יעקב'ן, אינסטיקטיוו ארונטערגערוקט דאס היטעל איבער די אויגען און צוגעגאנגען, אויספייפענדיג עפעס דורך די פערמאכטע ציין.

— וואס שפרינגסטו עפעס איבער די פלעטער ווי א קאץ — האט דער אלטער געשמייכעלט — כ'וויס, פאר מענשען איז דאכט זיך געמאכט א טויער?

— איהר ווייסט דאך ר' יעקב — האט וואלף גוטמוטהיג געענט־פערט — כ'האב שוין אזא טבע! די פרנסה אונזערע ברענגט עס מיט — און ער האט זיך צולאכט.

— און דו לעבסט נאך אלץ, הא? — האט דער אלטער איהם א קלאפ געטהאן אין דער פלייצע.

— וואס פרעגט איהר, ר' יעקב! כ'הויב איצט אן צו לעבען!

— אזוי, הא, הא, הא! — האט זיך דער אלטער כלומרשט צולאכט.

יעקב איז קיין נאר נישט געווען, האט ער דערווייל פערצויגען דעם שמועס און בשעת מעשה געפלאנט ווי ר'נאך אונטערצורוקען וואלפען א פיסעל. ער האט געפיהלט, אז איצט האט ער די בעסטע געלעגענהייט.

— און ווי געהט עס מיט פרנסה?

— שוואך, ר' יעקב!

— הער, וואלף, ווילסט מאכען א פאר רובעל?

— כ'וויל שוין גאר!

יעקב האט אנגענומען וואלפען פאר א האנד, מיט איהם אבגעגאנ־גען עטליכע טריט און זיך אבגעשטעלט.

— הער זיך איין, ס'וואלט געווען א מצוה ביי מיגאצקען ארויסצו־נעהמען דעם „שימעל" — דאס איז א „הונדצוואט" א גוי, ער קאן נישט קוקען אין די דלת אמות וואו א איד שטעהט! ברויכסט מעהר? דעם שימעל רופט ער „ראבין". איך אליין וואלט ביי דיר צוגענומען דאס פער־דעל. כ'וואלט דיר געגעבען א פינף און צוואנציגער אבי דעם ערל אנלער־נען. און וואס מיינסטו, ס'איז א שווער שטיקעל ארבייט? — אסור!

קענסט גלייך דעם סוס ארונטערפיהרען פון דער לאנקע, ס׳וועט אסור א הונד א ביל טהאן! נו, וואס שווייגסטו?

— ס׳געהט! — האט וואלף געענטפערט — גיט אהער א פינפעריל האנד־געלד.

— געמאכט!

---

פארנאכט האט חיים פערמאכט די „קוזשנע" און געגאנגען מיט די בנים אהיים. לייבקע האט זיך אויך געפלאנטערט צווישען זיי. אפנים דעם טאטענ׳ס קלעפ האבען איהם ווייניג געארט. ער האט געוואוסט, אז אזוי דארף זיין, אז א טאטע האט געזונטע, אייזערנע הענד צום שלאגען און אז ער וועט גרויס ווערען וועט ער אויך האבען שטארקע הענד און וועט אויך שלאגען. דערפאר טאקע האט ער מעהר דרך ארץ געהאט פאר׳ן טאטען ווי פאר דער מאמע. כאטש די מאמע האט איהם אלץ נאכגעגעבען. און מיט אן אמת האט חיים לייבקען אויך ליעב געהאט, וואס ער מאכט זיך פון די קלעפ קיין וועזען. ארייגגעכאפט, קיין פיפס געטהאן און פארטיג! — אזוי דארף עס זיין — האט זיך חיים געטראכט. גע־הענדיג פון דער „קוזשנע" אהיים האט חיים עטליכע מאל א קניפ גע־טהאן לייבקען אין דער באק אריין און עפעס אונטערגעברומט. אלע זיי־נען געווען הונגעריג, נישט געערדט צווישען זיך און געטראכט ווי מען וועט דאס „ארייגכמאליען" די געזאטענע קארטאפעל מיט פוטער־מילך.

חיה, דערזעהענדיג די חברה פון דערווייטענס, איז גאר לעבעדיגער געווארען. גיך ארייגגעקאטשעט אין מיטען שטוב א פאס פון העריגג, אראבגענומען דאס ברעט פון דער שלאף־באנק, ארויפגעלעגט אויף דער פאס, אוועקגעשטעלט אן ערדען שעפעל מיט צוויי אויערן מיט פארי־גע, מעהליגע קארטאפעל, צוויי קרוגען פוטער־מילך, אן אייגען געבאקע־נעם לאבען ברויט און א שיסעל פוטער.

חיים איז אריין מיט די בנים, בעקוקט וואס עס שטעהט אויפ׳ן טיש און א געשריי געטהאן:

— נו, חברה, נעהמט אייך צו מנחה, גיכער!

אליין האָט ער אַנגעריבען אַז דער נאַסער, קופּערנער שעפּ זיינע הענד, זיך ארומגעגארטעלט מיט א קאָלירטע נאַז־טיכעל אנשטאט א גארטעל און אויסגעשריען:

— אוי, אשרי יושבי ביתך עוד יהללוך סלה! — —

די חברה האָבען זיך צושאָטען איבער דער שטוב און עפּעס געמאַה־לען מיט די מיילער.

— אוי, אַשימה אספרנה! — לייבקע, האָסט אהיים געטריבען די קוה?

— יי־אא! — האָט לייבקע געענטפערט, ווארפענדיג א הייסע קאַר־טאָפעל פון איין באַק אויף דער צווייטער.

נאָך מנחה האָבען זיך אַלע צוזעצט ארום טיש, גענומען די בלעכער־נע לעפעל אין די הענד אריין און מיט ליב און לעבען זיך ארייננגעטהאָן אין עסען.

אויף דער שוועל האָט זיך בעוויזען אַן עלטערער איד מיט א פּאַק אויף די פּלייצעס. דער איד האָט אַנגעקלאַפּט מיט'ן שטעקען אַן דער שוועל.

— ברוכים היושבים, מיט א גוטען אַפּעטיט! איהר האָט דאָך גע־ווים פאַר אַן אָרעמען אידען א לעפעל געקעכץ?

— געוויס האָבען מיר — האָט חיה א צופריעדענע געענטפערט — נעהמט נור אראָפּ, פעטער, דעם פּאַק און זעצט אייך צום טיש.

דער איד האָט געטראָגען א צייגען כאַלאַטעל, א פּאָר שטיוועל, ווייסע פון בלאָטע, מיט שווערע כאַליאַוועס. די פּאָלעס זיינע געוועזען אריינגעמאכט אין דעם שטריק, מיט וועלכען ער איז געוועזען ארומגע־גארטעלט. ער האָט פּאמעלעך אראָבגענומען דעם פּאַק, זיך געוואַשען און הויך המוציא געמאכט.

— פון וואַנען קומט א איד? — האָט חיים איהם שלום געגעבען.

— פון וואנען איך קום? — האָט דער אורח געצויגען די ווערטער און געשניטען דאָס ברויט אין קליינע רייפלעך — הם, פעטער לעבען, פון דער גאַנצער וועלט! היינט בין איך דאָ, מאָרגען — דאָרט און אזוי שטופּט מען דורך דאָס ביסעל יאָהרען, אבי ווייטער!

דער עולם האָט זיך באַלד ארומגעזעצט ארום דעם אורח ווי ארום אן אבן־טוב, אָנגעשטעלט די אויערן און זיך איינגעהערט צו יעדען וואָרט זיינס. דען וואָס איז א חידוש ? ס'זיינען דורך חדשים און א לעבע־דיגען מענשען אויסער די דאָרפישע האָט מען אויפ'ן ישוב נישט גע־זעהן, האָט טאַקע דער ישוב דערעסען און ס'האָט זיך געוואָלט דורכ־שמועסען מיט א אידען, הערען וואָס עס טהוט זיך אויף דער וועלט. און ווי דער עולם איז אזוי געזעסען און זיך געשמאַק איינגעהערט ווי ס'לעבט זיך אידען אין טיעף „ראשעיע", האָט זיך די טהיר געעפענט און באַ־בורין סטראַזשניק, דער „סאָלטוס" און נאָך זיי אן עולם פויערים זיינען אריין אין שטוב.

חיים האָט זיך צומאָל פון אָרט נישט געריהרט. ער איז שוין גע־וואָהנט געווען צו די צרות, געוואוסט, אז דאָס זוכט מען זיין גן־עדן פיהרער, וואָלפען.

די פויערים האָבען געשריען, געוואָלדעוועט, געסטראַשעט זיי וועלען אונטערצינדען, אויסגעזוכט די שטוב, דעם בוידעם — וואָלף איז נישט געווען. דער אלטער חיים האָט זיך מיט אמאָל א שטעל געטהאָן, אריין צווישען די פויערים און גענומען רעדען:

— פּאַנאָוויע, איהר קענט אלע חיים שמיעד, אמת? און נישט פון היינט! איך בין אין זאָוואָר געבוירען געוואָרען און אז מען האָט אייך „געוואָלאַשטשעט"*) האָב איך זיך פון מיין חלק אָפּגעזאָגט, אוועקגעגע־בען אייך מיין „וואָליקע" לאַנד. וואָס שווייגט איהר?

— אמת, אמת, — האָבען די פויערים אויסגעשריען.

— און איצט, ווער האָט אייך די וועגען, די בריטשקעס געמאַכט? ווער שמיעדט אייך די פערד? אלץ חיים שמיעד, אמת? האָב איך אייך אמאָל גענאַרט? זאָגט! אמת, כ'בין א איד — אָבער אן עהרליכער איד!

— וואָס אמת, איז אמת — האָבען די פויערים געשריען — חיים איז

*) צוטהיילט די ערד.

אַן עהרליכער איד!

— טאָ וואָס ווילט איהר פון מיר? וואָס בין איך שולדיג, אז כ'האָב א זוהן א גנב? איהר ווייסט דאָך, א טאַטע פאַר א זוהן הענגט מען נישט!

די פּויערים האָבען זיך ביסלעכווייז גענומען ארויסרוקען. חיה האָט געוויינט, געזוכט לייבקען, נור לייבקע איז שוין לאַנג געווען אין וואַלד, געגאַנגען אַנזאָגען דעם ברודער ער זאָל אַבציהען.

---

אין אבענד האָט געכאַפּט א מאַיאָווע פרעסטיל.

וואָלף איז געלעגען אין א האַלב איינגעפאַלענע סטאַדאָלע וואָס איז געשטאַנען אין וואַלד און געוואַרט אויף לאה'ן.

ער האָט אריינגערוקט דעם קאָפּ צווישען די אַקסלען, איינגעטער־ליעט זיך אין רעקיל און געציטערט פון קעלט. ער האָט אויפגעזוכט אין א וועסטיל־קעשענע א שטיקעל פּאַפּיראָס און פערדרויכערט. ארום איז געווען שטיל, נור עפּעס א שווארצער קוטער איז געלעגען אויסגע־צויגען אויף א בעלעק, נעבען דאָך, געוואַרטשעט און געשאָסען מיט די גרינע פּאַספּאַר אויגען.

וואָלף האָט פערשטאַנען, אז ס'איז נישט גלאַט וואָס לאה זוימט זיך אזוי שפּעט און זיך בשום אופן נישט געקאָנט שענקען ווי ר'נאָך ער איז געווען אזא חמור און זיך נישט געכאַפּט אז יעקב שטעלט איהם אונטער א פּיסעל. און איצט מעג ער זיך שוין אָפּגעזעגענען מיט'ן איינענעם דאָרף, אויב ער וויל נישט לעבעדיגערהייד די קאָפּיטעם אויסציהען. די נכפּה האָט איהם געגעסען. ער האָט זיך מיט אמאָל אויסגעגלייכט, פאַר־קוועטשט פון כעס די פויסטען און געשאָלטען. ער האָט געפּלאַנט נאָך מיט אַלע זיך אָפּצורעכענען, זיי אָנטהון געברענטע צרות. און יעקב'ן, דעם חסיד, וועט ער היינט נאָך ארויסנעמען די פערד! ווי ער איז א איד!

עס האָבען זיך דערהערט טריט. לאה אן איינגעהילטע אין א פאַ־טשיילע איז שטיל אריין אין דער סטאָדאָלע.

— וואָס אזוי שפּעט, לאה׳שע? וואָס הערט זיך?

— ס׳הערט זיך, יאָ — האָט לאה זיך געבייזערט, — כ׳האָב זיך קוים ארויסגעריסען, דיינע געשעפּטען — — און אצינד זוכט מען דיך, ס׳גאנצע דאָרף איז אויף, טראָג זיך בעסער בעציימענס אָפּ, הערסט?

— וואָס דו רעדסט, נארעלע, ווערמען וועט דאָס איינפאַלען מיך דאָ ביי נאַכט צו זוכען? און ווייסטו ווער ס׳האָט „גע׳סליחה׳עט"? דיין אַלטער! ס׳א שיי...! קום אהער, טייבעלע, ס׳איז מיר אזוי קאַלט! וועסט ־אָ זיין מיט מיר ביז פאַרטאָג, גוט?

— וואָר פאַלט דיר איין, וואָס? דו הער מיך בעסער, און ציה שוין אָפּ, דען מען קאָן יעדע מינוט דאָ אהערקומען. דאָס גאנצע דאָרף פּויערים איז אוועק דיך זוכען.

— זיי קיין קינד נישט, לאה, מען וועט וואָלף׳ען נישט כאַפּען — און ער האָט זי ארומגענומען.

זיי האָבען זיך ארייננעזעצט אין א קופּע אַלטע גראָבאָווינע, זיך ארומגענומען, זיך צוגעטוליעט און פאַרגעסען אין אַלעם.

עס האָבען זיך דערהערט קולות. לאה איז א פערציטערטע געוואָרען און גענומען וויינען. וואָלף האָט זי בערוהיגט, זי ארומגעוויקעלט מיט גראָבאָווינע מען זאָל מיינען ס׳איז א „סטאָג" שטרוי און אליין האָט ער זיך אויסגעצויגען אויף דער ערד און צוגעלעגט דאָס אויער צו דער טהיר.

די קולות זיינען געוואָרען אַלץ העכער. וואָלף האָט זיך נישט פערלוירען, פערמאַכט מיט א ברעט די טהיר, אויפגעזוכט א צובראָכענע ווידלע מיט צוויי ציין און בעשלאָסען פאַר קיין פאַל זיך ניט אונטערצוגעבען. ער האָט שאַרפער אָנגעשפּיצט די אוירען.

— שלאָגט איהם! ער וועט זאָגען! ער מוז זאָגען! — האָט וואָלף דערהערט קולות און ער איז א פערציטערטער געוואָרען.

— אויב דו זאָגסט נישט וואו וואָלף איז, הענגט מען דיך אויף, הערסט, לייבאַ? — האָט ער דערקענט באַבורינס שטימע.

ס׳איז צוריק געוואָרען שטיל. מיט אמאָל האָט זיך דערהערט א סוויסטשען ווי מען וואָלט עמיצען געפּאַטשט, קולות: „בעסער! בע־

סער!״ און ליבקע האָט זיך צוואווייַנט.

ווי א צורייצטע חיה איז וואָלף ארומגעלאָפען איבער דער סטאַ־דאָלע מיט דער ווידלע אין דער האנד און איין גאָט ווייס פארוואָס ער האָט דוקא געזוכט אן אנדער ווידלע, צי א האק ער זאָל ארויס און וויי־זען די „פסו־בראַטעס״ ווי צו שלאָגען א קליין אינגעל, זיין ליבקען. אין דער סטאַדאָלע איז מעהר קיין ווידלע נישט געווען. לאה'ס שטיל געוויין האָט איהם אויפגערעגט. ער האָט פארגעסען אז לאה איז זיין געליעבטע און אָנכאָפענדיג זי ביי א האנד האָט ער איהר איינגערוימט:

— שווייג, נבלה, דען כ'דערשטעך דיך!

פאר גרויס כעס האָט ער דערלאנגט דעם קאָטער א כמיאל מיט דער ווידלע, אז ער האָט קיין צייט געהאט זיך צו דערהאלטען מיט די לאַפּעס און אראָפּ אויף דער ערד ווי א שטיין.

ער האָט ווידער דערהערט באַבורינ'ס קויל:

— פּאַנאָוויע, דער קליינער וואַקסט א גנב! ער ווייס וואו וואָלף איז, אז נישט וואָס וואָלט ער דאָ געטהאָן ביי נאכט אין וואלד? שלאָגט אזוי לאנג ביז ער וועט אויסזאָגען.

באלד האָבען זיך דערהערט ליבקעס געשרייען, אויסטערליש רעווען, אז ס'בלוט האָט וואָלף'ן געגומען פריהרען אין די אָדערן. ער האָט גע־ציטערט, זיך פארשטעלט די אויערען און געקלאַפּט קאָפּ אין וואנד.

— זאָגסט אז ער איז אין די „לעפּיאנקע״? דו „היצעל״, דו! פאר־וואָס האָסטו באלד נישט געזאָגט, וואָלסטו דאָך פארשפּאָרט צו קריגען קלעפּ!?

— צו דער „לעפּיאנקע״, צו דער „לעפּיאנקע״, נעמט ליבא'ן מיט—האָבען זיך געהערט ווילדע קולות.

וואָלף האָט דערהערט ווי ס'ווערט איהם וואַרעם ביים הארץ, עס שטיקט עפּיס אין האלז און ער האָט געשעפּטשעט: ליבקעלע, ליב־קעלע!

ער האָט א פּראל אויף געטהאָן די טהיר און ארויס מיט דער ווידלע. די פּויערים האָבען זיך צושאָטען. באלד איז באַבורין געלעגען א

דורכגעשטאכענער. ער האט געשלאגען רעכטס, לינקס, געכמאליעט אי־
בער די קעפ, געפאלען, זיך גיך אויפגעהויבען, און ווידער געשלאגען,
געפלעמט — — און מיט אמאל האט ער דערפיהלט א בריה איבער'ן
קאפ — ווי מען וואלט איהם אפגעמאסטען מיט א דראנג.

— סא'יז נאך דיר, וואלף! — און ער איז אומגעפאלען.

אז ער האט געעפענט די אויגען האט שוין אנגעהויבען צו טאגען.

— ער לעבט! — איז לייבקע צו און איהם גענומען קושען די
הענד.

דער הימעל איבער'ן וואלד האט זיך פערפלאמט. וואלף האט זיך
לאנג איינגעקוקט אין דעם פלאם, זיך געוואלט עפעס דערמאהנען, גע־
פיהלט ווי די כוחות פערלאזען איהם און דערזעהן נעבען זיך לייבקען.

ס'איז איהם ווי לייכטער געווארען, לאנג געקוקט אויף לייבקען און
אויף זיינע מיט בלוט פערטרוקענטע ליפען האט זיך באוויזען א שמייכעל.

און אז לייבקע האט זיך דערשראקען, נישט געקאנט אויסהאלטען
וואלף'ס בליק און זיך אפגעדרעהט מיט א געוויין, האבען וואלף'ס פער־
גליווערטע אויגען נאך אלץ געקוקט אויף דעם ארט וואו לייבקעס פנים
איז געשטאנען.

# דער מִשְׁפָּט



## 1.

### (מיין שוועסטעריל זעלדין)

**שמחה פישער, א פארגרעבטער, מגושמ'דיגער איד, האט** געוואָהנט אין שכנות מיט פנחס „שרייבער". שמחה'ס פּוריש הייזעל מיט'ן שווארצען, שטרויענעם דאך פון אלטקייט איז געשטאנען ביים עק פון דער זשאַלדעווקע וואו זי שניידט זיך ווי א טרעפּ צווישען שפּיציגע סקאַלעס און פּאלט מיט א רויש אין דער ווייכסעל אריין. און פון דערוויי־טענס האט זיך געדאכט, אז דאס הייזעל איז ארויסגעוואקסען פון די סקאַלעס, וויעגט און שווענקט זיך אין וואסער ווי א בערלינקע און ארום און ארום פלעכטען זיך זילבערנע סטעגגעס.

דער פישער מיט דריי בנים זיינען געשטאנען אהן קאפּאטעס, בארוויס, מיט פערשארצטע איבער די קניען הויזען און געשמירט מיט קעז גרויסע צוויי אוירינגע עמערס. שמחה'ס ווייב, א געזונדע, רויטע אידענע ווי א פּויערטע, מיט א ווייס דריי־עקיג טיכעל אויפ'ן קאפּ איז געשטאנען א בארוויסע, מיט ברייטע צונויפגעוואקסענע ווי ביי א גאנז פינגער און פאריכט גרויסע, געשטריקטע שאטקעס. די מענער האבען אריינגעלעגט שטיינער אין די עמערס, דער שטראם זאל זיי נישט אוועקטראגען. און אז אן עמער איז פול געווארען מיט פיש, האבען זיי גיך אנגעצונדען שטיקער קיהן, די פיש זאלען נים זעהען וואו צו אנט־לויפען און האבען דעם עמער ארויסגעשלעפּט. די צאפּעלדיגע פיש האט מען אריינגעלאזט אין די געשטריקטע שאטקעס און זיי אנגעהאנגען אן א פּליט וואס איז געשוואומען אין וואסער צוגעבונדען צום ברעג מיט גראבע שטריק.

אויף דעם פּליט איז געזעסען שמחה'ס מוזשיניק, זעליג. א אינגעל פון א יאהר צעהן מיט א וואַרצעל נעבען אויער און געווארפען קריש־

קעם און א פלאש מיט וואסער, וואו א גאָלדען פישעל איז ארומגעשוואר־מען.

זעליג איז געוואקסען אין וואלד ווי א ווילדע ציעג. אפּט פער־פאלען געוואָרען אויף עטליכע טעג, זיך מיטגעכאפּט מיט א בערלינקע זאלץ וואָס איז פערביי געשוואומען און אין דערהיים האָט ער קיינעם נישט אויסגעפּעהלט. און איינמאָל אז ס'איז דורך א וואָך און זעליג איז נישט אהיימגעקומען, האָט די מוטער געלאָזט פאלען א וואָרט. אלע האָבען געשוויגען. און נישט בחנם! ווען זעליג איז געבוירען געוואָרען מיט'ן וואָרצעל האָט די מוטער זיך דערשראָקען און געשיקט נאָך דער אלטער „טשאָראָווניצע" זי זאָל איהם אָפּשפּרעכען.

די מכשפה האָט געהייסען דעם קליינעם זעהר היטען, אז נישט וועט די קייסערין פון דער זוייכסעל, די הייליגע וואנדע, איהם צונעמען.

און דער פישער מיט די בנים האָבען געגלויבט באמונה שלמה, אז דאָס שטיק וואסער וואו זיי וואוינען מוז צונעהמען א מענשען. דען דער פאנג ווערט שוואכער פון יאָהר צו יאָהר. דאָס וואסער פאָדערט זיינס — דעריבער געהט זיי אזוי שלים־מזל'דיג.

און יעדעס מאָל, ווען זעליג איז פערפאלען געוואָרען אויף עטליכע טעג, האָבען אלע געשוויגען און ביי זיך האָט יעדער געטראכט, אז דאָס וואסער האָט שוין זיין קרבן, איז, ווי אויף צו להכעיס, דער קליינער יע־דעס מאָל צוריקגעקומען. די ווייכסעל האָט איהם שוין דריי מאָל ארויסגע־וואָרפען. דעריבער האָט שמחה ניט געוואָלט וויסען פון דעם אינגעל, איהם ניט געלערענט קיין אידישקייט, איז טאקע זעליג אָרומגעגאנגען קרועה בלויה.

— וואָס האָסטו זיך אוועקגעזעצט, וואָס, בהמה דו — האָט די פּי־שערין א געשריי געטהאָן צו זעליג'ען — געה אריבער צום „שרייבער" און פרעג וויפיעל פיש מען זאָל שיקען אויף שבת.

דאָס אינגעל האָט געכאפּט די פלאש מיט'ן גאָלדענעם פישעל און זיך געלאָזט איבער'ן וואלד.

זעליג האָט געטראכט, אז ווען ער וועט עלטער ווערען, וועט ער

ניט כאַפּען קיין פיש מיט עמערס. ער וועט זיך אויסבויען א פּליט און כאַפּען פיש מיט פּיטשען. און אז ער וועט רייך ווערען (און רייך ווערען וועט ער געוויס) קויפט ער זיך א פּאָר גומענע שטיוועל, מיט לאַנגע כאַליאַוועס, וואָס פאַרבינדען זיך מיט א שנאָל אזש אונטער'ן בויך. א לעדערנעם רעקעל און ער וועט ארומפּאַהרען אין די וואַסערן אין אן אמת פּישערשיפעל, מיט אזא גרויסען ראָד. דעמאָלט וועט ער זיך אויס־בויען פּונקט אזא הויז מיט א גלעזערנע ווערענדע, ווי פּנחס שרייבער האָט. און טאָמער גאָר אוועקשענקען דאָס גאָלדענע פישעל רחל'ען ? זי איז דאָך מיט איהם שוין ברוגז דעם צווייטען טאָג ! ער האָט איהר שוואַרצער קאַץ דעם עק אָבגעהאַקט. א שעהנע ריינע כפּרה ! אז די פיש וואַרפען דעם רויגען, דאַרף זי זיך נישט פער'גנב'ענען און אויפפרעסען זיי ! יאָ, דאָס פישעל וועט ער אוועקשענקען רחל'ן. אמת, גאָלדענע פישלעך וואַלגערן זיך נישט אין דער ווייכסעל, נור גאָר נישט, ער וועט עלטער ווערען וועט ער כאַפּען א וואַל־פיש, איהם אויסהוילען, זיך אויפנעהמען פון דער שופען־פעל א פּאָר הויזען מיט א ראָק צוזאַמען, וואו די בלויזע אויגען זאָלען זיך נור ארויסזעהן, און ער וועט זיך א לאָז טהאָן מיט אויפגעשטעלטע פּליס־פעדערען צו די גאָלדענע פישלעך, ער ווייס, אז זיי וואוינען אין די טיעפסטע קעסיל־גריבער. ער וועט אָבער רחל'ן אָנזאָגען זי זאָל טוישען דאָס וואַסער און אריינוואַרפען עטליכע קרישקעס.

אויף דער ווערענדע איז געזעסען רחל און זיך אויסגע'טענה'ט מיט דער שוואַרצער קאַץ, וואָס איז געלעגען אין אן אויסגעבעטען קאָשעק מיט א געשוואָלענעם רוקען:

— מיין אָרעם קעצעל ! ס'טהוט דיר וועה ? נו, וויין נישט ! מיקאַ־לאַי זאָגט ס'וועט זיך אויסהיילען. דערפאַר וועט זעליג'ס וואַרצעל ווע־רען אזוי גרויס, אזוי גרויס, זעהסט, אזוי ! — און זי האָט צושפּרייט ביידע הענטלעך — וועט דאָס זיין מיאוס — האָט רחל זיך צולאַכט — זעליג מיט אן עק אויף דער באַק !

— רחל, זעהסט, כ'האָב א גאָלדען פישעל ! ווילסט עס ?

רחל האָט זיך אויסגעדרעהט און אַראַבגעלאָזט אַ ליפּ:

— כ׳בין ברוגז!

— פאַר וואָס ביזטו ברוגז?

— ווייל ביזט אַ גזלן!

— אַז דער טאַטע האָט מיך געהייסען, אויף מיין וואָרט! ער האָט נאָך געהייסען כאַפּען דיין קאָץ אין אַ זאַק אריין און זי אַראָפּוואַרפען פון בערגיל, אַזוי, פּליוך, אין וואַסער אריין!

— און מיינסט ס׳וועט דיר זיין געשאָנקען? גאָט וועט דיך שטראָפען! מיקאַלאַי זאָגט, אַז דיין וואָרצעל מוז ווערען אַזוי גרויס, ווי דער אַבגעהאַקטער עק.

זעליג איז אויף אַ מינוט צומישט געוואָרען, זיך אָנגעכאַפּט פאַר דער באַק און איהם האָט זיך בשעת מעשה מיט אַן אמת אויסגעדאַכט, אַז דער וואָרצעל ווערט לענגער.

— ס׳איז אַ ליגען! אין וויפיעל וועטסטו אַז מאָרגען האָב איך איהם שוין נישט? כ׳האָב אַזאַ מיטעל!

— וואָס פאַרע מיטעל?

— מען שמירט איהם אויס מיט טויבען־בלוט עטליכע מאָל, ווערט ער פערדאַרט און פאַלט אַרונטער.

— טאָ פאַרוואָס טהוסטו עס נישט?

— ווייל די מאַמע זאָגט דער וואָרצעל איז מזל׳דיג און אַז כ׳וועל איהם אַראָפּנעהמען פאַר 13 יאָהר, וועט ס׳מזל אַנטלויפען.

— און דו ביזט מזל׳דיג?

— אודאי, זעהסט מיך האָט די ווייכסעל דריי מאָל אַרויסגעוואָרפען און כ׳וואָלט אפילו אין ים אויך געקאָנט שווימען! מיין טאַטע איז שוין אַזוי לאַנג פישער און האָט נאָך קיינמאָל קיין גאָלדען פישעל נישט געכאַפּט. און איך ווייס וואו זיי וואוינען אויך! און דו ווייסט נישט!

— וואו?

— אין די קעסעל־גריבער!

— זעליג, ס'איז אמת, אז א קעסיל־גרוב מוז יעדעס יאָהר צונעמען א מענש ?
— אודאי, זיי וואוינען דאָרט מיט די גאָלדענע פישלעך! דו ווייסט, אז כ'וועל עלטער ווערען וועל איך אהין צו די גאָלדענע פישלעך.
— און אז זיי וועלען דיך נישט ארויסלאָזען ?
— זיי וועלען יאָ ארויסלאָזען !
— און וואָס וועסטו דאָרט טהאָן ?
— ווייסט וואָס, דאָרטען ליגען אלע ים־אוצרות, וועל איך זיך אָנלעגען פולע קעשענעס מיט גאָלד און בריליאַנטען און קומען צוריק.
— און וועסט מיך אויך מיטנעמען ?
— דיך ? אז ביזט ברוגז !
— אודאי בין איך ברוגז !
— וועל איך דיך נישט מיטנעמען !
— טאָ נעהם נישט !
— טאָ גיעב מיר אָפּ ס'גאָלדענע פישעל !
— ס'גאָלדענע פישעל ? טאָ פאַר וואָס ביזטו אזא שלעכטער, נעמסט מיין קעציל און — — — — —
— אויף מיין וואָרט, כ'וועל מעהר דעם עק נישט אָפּהאַקען !
— אז דו האָסט שוין אָפּגעהאַקט !
— רחל, וואו ביזטו ? ס'עסען ווערט קאַלט — האָט די אלטע דיענסט גערופען.
— כ'געה שוין — האָט רחל געענטפערט און זיך אויפגעשטעלט.
— קום מאָרגען צו אונז, רחל, „באַטשאַנעס"*) זיינען שוין גע־קומען צו פליהען, וועסט קומען ?
— כ'וועל קומען — און זי איז אריין אין שטוב.

---

*) בושעלס.

## 2.

דער וואלד האָט פרעהליך גערוישט, געשמעקט מיט קאלעפּאַניע**).
זעליג, אַן אָבגעברענטער ווי אַ ציגיינערל, איז זיך געגאַנגען אַ באָרוויסער איבער'ן וואלד, אויסגעמיטען די סטעזשקעס וואו אַלע געהען, געשפּרייזט איבער דער שוואַרצער, זומפּיגער מיט מאָך בעוואַקסענער ערד און הנאה געהאַט ווי די קיהלע, פייכטע ערד צוגעהט און פידעלט אונטער זיינע פיסלעך ווי גוט אויסגעקנאָטענע טייג. דאָס אינגעל האָט געהאַלטען אַ שליסעל אין מויל און געפייפט אויף וואָס די וועלט שטעהט.

רחל אַ פרעהליכע מיט צופּלאָמטע בעקלעך, מיט די שיך און זאָקען אין די הענד איז דעם אינגעל נאָכגעגאַנגען.
שטראַהלען וואָס זיינען געווען בעהאַלטען טיעף אין וואלד האָבען מיט אַ מאָל גענומען שטיפען, זיך פּלעכטען אַרום רחל'ן, די שטראַהלען האָבען זיך פער'גנב'עט פון הינטען, איהר אַ קוש געטהאָן, צוריק אָפּגע־שפּרונגען און מיט אַמאָל זי אַ גאָס אָפּגעטהאָן מיט אַזאַ זילבערנע ליכטיגקייט, אַז רחל האָט אַזש פערזשומערט די אויגען און אַרויסגע־לאָזט אַ פרעהליכען קוויטש.
פייגעל זיינען געוואָרען לעבעדיגער, זיך אַרויסגעריסען מיט אַ פּאַ־טשעריי פון טיעפען גראָז, געבליבען הענגען אַנטקעגען דער צופּלאָמ־טער זון און זיך צוטרעלט.
דער וואלד האָט פרעהליך גערוישט, געשמעקט מיט קאַלעפּאַניע.
און עס האָט זיך געדאַכט גלייך מחנות פיערעל־שפּיעלער זיינען צוואָרפען איבער'ן וואלד, ווערען אַלע מיעדער, הערען ביסלעכווייז אויף

**) גומי אויסצורייבען אַ בויגען פון אַ פיעדעל.

צו שפּיעלען — האָבען די פּיעדעל־שפּיעלער דערזעהן ווי א יונג פּאַרעל שטעהט האנד אין האנד באָרוויסע אויף דער פייכטער ערד, האָבען זיי זיך דערפיהלט אינגער, ראַש און ראַשער גענומען רייבען זייערע בויגענס אָן געל־רוויטליכע שטיקער קאָלעפאָניע און די הויכע סאָסנעס ווי אָנגעצויגענע סטרונעס האָבען א ציטער געטהאָן, זיך צוברומט ווי א וויי־טער, שטילער ים: יוגענד! יוגענד!

---

ארויסגעהענדיג פון וואלד האָט דראָס פּאַרעל זיך אָוועקגעזעצט אויפ׳ן ברעג פון דער ווייכסעל און גענומען שווענקען אין דעם דורכזיכטיגען וואסער זייערע בלאָטיגע פיסלעך.

אויף דער צווייטער זייט וויכסעל האָבען זיך געצויגען ברייטע גרינע לאָנקעס דורכגעוואָרפען מיט געלען „כאָבער“.

איבער דער לאָנקע איז זיך ארומגעגאנגען א ווייסער בושעל מיט א שווארצען עק. ער האָט געהויבען זיינע רויטע פיס ווי שטאָלצעס, גדלות׳דיג פערריסען זיין לאנגען האלז מיט׳ן רויטען שנאָבעל און גע־שלונגען מיט א „קליו־קליו“ גרינע זשאָבקעלעך. און אז די זון איז ארויסגעשוואומען פון הינטער א וואָלקען און גענומען באקען, האָט דער בושעל זיך אָוועקגעשטעלט אויף איין פוס, בעהאלטען זיין רויטען שנאָ־בעל מיט א האלבען קאָפּ אונטער א פליגעל און אזוי געבליבען שטעהן אויף דער גרינער לאָנקע ווי אָן אויסגעמאָהלטער.

— רחל, ווייסט וואָס עס וואָלט געווען א גוטע זאך?

— וואָס?

— טאָ שווער זיך, אז וועסט קיינעם נישט דערצעהלען!

— אסור נישט!

— געה, כ׳האָב מורא וועסט יאָ דערצעהלען!

— אויף מיין ווארט נישט, זעליג!

— טאָ געדענק! — און זעליג האָט אויפגעהויבען א פינגער צו דער נאָז — ווייסט וואָס מיר איז איינגעפאַלען?

— וואָס?

— דו וועסט נישט טרעפֿען! — האָט זיך זעליג צולאַכט.

— זאָג שוין! — האָט רחל זיך געבעטען, אַנגענומען זעליג'ן ביי א האַנד און געריבען איהר נאַס פיסעל אָן זיינס.

— דו ווייסט, ווען מיר קריגען א גענזען איי, אוי, וואָלט דאָס גע־ווען גוט?

— צו וואָס דארפסטו א גענזען איי?

כ'וואָלט עס אריינגעלעגט אין דער גניאזדע צו די „באַטשאַנעס“ וואָלט ארויסגעקומען א האַלבער באַטשאַן און א האַלבע גאַנז.

— און דער באַטשאַן וועט דיך צולאָזען?

— כ'וועל עס פארטאָג אריינלעגען, ווען ביידע פליהען אוועק.

— זעליג, דו ווייסט ווער עס ברייגנט קליינע קינדער? ברייגנע זאָגט, אז א באַטשאַן ברענגט א קליין קינד אין א קאַשיקעל. וואו וואוי־נען די אַלע קינדער?

— אין הימעל!

— און אז ס'רעגענט?

— אז ס'רעגענט? כ'ווייס נישט! מסתמא בעהאַלטען זיי זיך, ווען די וואָלקענס געהען אראָפּ צו דער ווייכסעל זיך אָנטרינקען.

— און דער באַטשאַן, וואָס שטעהט אויף דער לאָנקע, קען אויך ברענגען קליינע קינדער?

— אודאי!

— זעליג, און אז איך וועל שטארק וועלען וועט דער באַטשאַן מיר אויך ברענגען א קינד?

— אודאי! — און זעליג האָט אויסגעשטרעקט די הענד — אזא בארג מיט קינדער!

— געה, כ'וועל זיך שעמען פאר ברייגנע צו ברענגען א קינד אין שטוב אריין. אזא קליין מיידעל ווי איך טאָר נישט האָבען א קינד! מען מוז פריהער חתונה האָבען, אמת?

— טאָ פארוואָס האָט פראַנקאַ דעם לעשניקס געהאַט א קינד? זי האָט נישט חתונה געהאַט!

— זי איז דאָך אַ שיקסע!

אַ צווייטער בושעל, עטוואָס אַ קלענערער, מיט אַ ווייסען פליגעל ווי אַן אָפּגעקאַלעכטער האָט זיך פּאַמעליך אַראָפּגעלאָזט. דער „ער" וואָס איז געשטאַנען אין מיטען דער לאַנקע האָט זיך ווי אויסגעטשוכעט, צושפּרייט די פליגעל, פּעררייסען דעם לאַנגען האַלז, זיך פונאַנדערגענעצט און גענומען לויפען אַרום און אַרום דער „זי" מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ און געשריען — קליאַ־קליאַ — — דער „ער" האָט זיך אָפּגעשטעלט, אויפגעהויבען זיין רויטען עטוואָס צועפּענטען שנאָבעל, וואו ער האָט געהאַלטען אַ גרין זשאַבקעלע, וואוילעריש געקוקט אויף דער „זי", ווי ער וואָלט געזאָגט: „ביי מיר וועט שוין אַ ווייב נישט שטאַרבען פון הונגער", און עס איהר אונטערגעטראָגען. בשעת די „זי" האָט זיך געקרעקט, געהויבען דעם האַלז, געגלאָצט די אויגען און געשלונגען דאָס זשאַבקעלע וואָס האָט זעהר קיין חשק געהאַט צו מאַכען אַ שפּאַציר איבער'ן בושעלס גרגרת, האָט דער „ער" איהר עטליכע מאָל פון ליעבשאַפט וועגען אַ פּיק געטהאָן מיט'ן שנאָבעל, איינגענורעט זיין קאָפּ צו איהר אונטער'ן פליעגעל און עפּעס געזוכט. ער האָט זיך צוריקגעזעצט, גענומען פּאַטשען מיט די פליגעל, געפלויגען נידריג אַרום דער „זי", געמאַכט חנד'לעך מיט'ן בויגיקען, קלוגען האַלז און דער תמיד שטילער פויגעל האָט זיך צוזונגען: קליאַ־קליאַ־קווע, קליאַ־קליאַ־קווע! —

זעליג איז אַרויס פון וואַסער.

— געה שוין אהיים, רחל, און ברענג אַן איי, איצט איז די גניאזדע לעדיג. גיכער, טהו אָן די שיך!

רחל האָט אַ פרעהליכע אָנגעטהון די שיך, זיך געפּיהלט באַקוועמער און אַ שפּרונג געטהון.

— נו, וואָס געהסטו נישט? — האָט זעליג געפרעגט.

— כ'פויל זיך אַליין!

— וועל איך מיט דיר מיטגעהן, גוט?

און די קינדער אָנגעהמענדיג זיך פּאַר די הענטלעך זיינען שפּרינגענדיג פערשוואונדען אין וואַלד.

## 3.

זעליג איז א פּרעהליכער צו צו דער סטאַדאָלע וואו די בושעלס האָבען געהאט דעם נעסט, גענומען פון רחל'ן דאָס איי, עס צוגעהאַלטען מיט די ליפּען און לייכט ווי א קאַץ גענומען קלעטערען אויף דער גלייבער ליימענער וואנד. ער האָט זיך אַנגעכאַפּט פאַר אַן אָפענער קראָקווע, געוואַרט אביסעל, ווי ער וואָלט געזוכט דאָס גלייכגעוויכט און זיך א ווארף געטהאָן מיט'ן קערפּער אויפ'ן דאך. דער נעסט איז בעשטאַנען פון אַן אַלטע הילצערנע בראָנע. אין דער בראָנע איז געלעגען א קאָש אויסגעבעט מיט גראָז און צווייגען. א טוכלער ריח פון פיש, זשאַבעס און היהנדלעך האָט זעליגען א שלאָג געטהאָן אין פּנים אריין. אין דעם נעסט זיינען געלעגען דריי גרויסע אייער. זעליג האָט ארויסגענומען אַן איי, אריינגעלעגט אנשטאַט דעם דאָס גענזענע און געוואָלט זיך אראָפּלאָזען פון דאך, וויביידע בושעלס האָבען זיך מיט אמאָל בעוויזען און זיך געטראָגען מיט צושפּרייטע פליגעל גלייך אויף זעליגען. זעליג האָט נאָך צייט געהאט אראָפּצושפּרינגען, נור ער האָט זיך אזוי דערשראָקען די בושעלס זאָלען איהם נישט צופּיקען, דאָס ער איז געבליבען א רגע שטעהן מיט דעם איי אין ביידע הענט.

רחל האָט ארויסגעלאָזען א קוויטש:

— זעליג, שפּרינג אראָפּ!

זעליג האָט זיך איינגעקורטשעט, פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט ביידע הענט, ווי איינער וואָס ערוואַרט קלעפּ און גענומען זיך אראָפּגליטשען פון משופּע'דיגען דאך.

דער „ער" דורכפליהענדיג האָט אויסגעצויגען זיין לאַנגען האַלז, זיך פערמאָסטען מיט זיין שאַרפען שנאַבעל זעליגען אין פּנים אריין. זעליג

האָט אויסגעמיטען דעם בושעלס שנאַבעל, געכאַפּט אַ פּיק אין דער פּלייצע און אראָפּגעפאַלען פון דאַך ווי אַ שטיין. דאָס איז האָט זיך צושפּריצט און אָבגעגאָסען זעליגען מיט אַ געלע פליסיגקייט.

רחל האָט געמיינט, אַז זעליג איז געוואָרען טויט פון דעם קלאַפּ, האָט זי זיך גענומען אויסקנייפּען שטיקער פלייש, געפאַלען נעבען זעליגען אויף די קניען, איהם ארומגעכאַפּט מיט ביידע הענטלעך, גענומען קושען און זיך צעוויינט:

— זעליגעל, טייערער מיינער, ס'טהוט דיר וועה, זאָג? אַלץ בין איך שולדיג! צו וואָס האָב איך געבראַכט דאָס איי?

אַז זעליג איז פון דעם קלאַפּ צו זיך געקומען, האָט ער דערפיהלט אַ וועהטאָג אין דער פּלייצע און זיך דערמאָהנט, אַז דער בושעל האָט איהם אַ פּיק געטהאָן. רחל דערזעהענדיג, אַז פון רעקיל רינט בלוט האָט זי זיך אַ כאַפּ געטהאָן פאַר'ן קעפּיל.

— אוי — מאַמעשי, בלוט!

און זי האָט זיך ווידער אוועקגעזעצט נעבען זעליגען אויף די קניען און איהם גענומען בעטען:

— זעליגעל, טהייערער מיינער, קום צו אונז, ברייגע וועט דיר עפּעס צולעגען, זי וועט אסור קיינעם נישט דערצעהלען, וועסט זעהען, כ'בעט דיך, זעליגעל, קום!

זי האָט איהם אַ קוש געטהאָן און זיך צעוויינט: אַלץ איבער מיר! זעליג זעהענדיג, אַז מען וויינט איבער איהם, האָט ער זיך מיט אַן אמת דערשראָקען, פארגעסען אָן דעם וועהטאָג און זיך אויפגעשטעלט.

— קום, רחל, מיר וועלען צוגעהן צום וואַסער, וועסטו מיר אָפּוואַשען דאָס בלוט, גוט? וויין נישט, מיר וועט גאָר נישט זיין! כ'האָב שוין געהאַט גרעסערע לעבער אין קאָפּ און ס'האָט זיך אויסגעהיילט.

— ביזט בייז, זעליג?

— ניין!

— ווילסט מיר זאָלען אייביג זיין חבר?

— אודאי וויל איך!

— זעהסט, כ'האָב דיך אזוי ליעב — האָט רחל געזאָגט און געכאַפּט איהר הענטיל איבער דעם עלעבויגען אין מויל אריין, פערקוועטשט די אויגען און א שטארקען ביס זיך געטהאָן, אז אלע איהרע צייהנדלעך האָבען זיך, פערלאָפּענע מיט בלוט, ארויסגעפּרעסט.

זיי האָבען געשוויגען, געגאנגען איבער די דינע, טרוקענע צווייגלעך, וואָס האָבען זיך געבראָכען אונטער זייערע פיסלעך, געגאנגען צו דער ווייכסעל.

רחל ווי א קליינע מאַמע האָט זיך גענומען פּאַרען ארום זעליג'ן. זי האָט איהם אויסגעטהאָן דאָס רעקעל, דערנאָך האָט זי אראָפּגעצויגען דאָס העמדעל, זיך אין גאנצען פערגעסען, אז מען טאָר ניט קוקען אויף א נאַקעטען אינגעל, גענומען איהר ווייס פּארטוכעל, עס געטונקט אין קאלטע וואַסער און ארומגעווישט זעליגען דעם וואונד. זעליג איז געלעגען אויף אלע פיער, ווי א פערוואונדעט חיה'לע, זיך קיין ריהר געטהאָן און הנאה געהאַט, וואָס רחל פּאַרעט זיך ארום איהם. און אז זי האָט דעם וואונד ארומגעווישט, האָט זי אויסגעוואַשען איהר פּארטוכעל, עס גוט אויסגעדרעהט, ארויפגעלעגט עס זעליגען אויפ'ן וואונד, זיך פערקליבען מיט איהם צווישען קוסטעס, אין שאָטען, און איהם געהייסען זיך אויסציהען מיט'ן פּנים אויף איהר שויס, אז דער וואונד זאָל זיך עטוואָס צוטריקענען.

זעליג האָט אלץ געפאָלגט און איז גלייך אנשלאָפען געוואָרען ביי רחל'ען אויפ'ן שויס.

רחל האָט יעדע ווײַלע אונטערגעהויבען דאָס פּארטוכעל — געקוקט צו דער וואונד פערטריקענט זיך. דער וואונד אָבער האָט געבלוטיגט, האָט רחל'ן פּארקוועטשט אונטער'ן הערציל און זי האָט זיך שטיל צוואויינט. און א פערוויינטע, מיט רויטע פערלאָפּענע אויגען, האָט רחל אויך איינגענורעט איהר קעפּיל צווישען די בלעטער און איינגעשלאָפען.

# 4.

די „זי" בושעל האָט א גאַנץ פריהמאָרגען נישט אָבגעטרעטען פון איהר נעסט — געקוקט ווי דאָס קליינוואַרג פּיקט זיך פון די אייער.

דער „ער" איז געוועזען צוטראָגען, געשוועבט איבער דעם נעסט מיט מאָדנע אויסגעשרייען, געבראַכט יעדעס מאָל דער „זי" עפּעס אין מויל אריין און געשפּרייזט ארום דער סטאָדאָלע גיך, מיט אן איינגעקורטשעטען האַלז צווישען די פליגעל און ער האָט אויסגעזעהן ווי א יונגערמאַנטשיק, וועמעס ווייבעל ריכט זיך מיט אן ערשטלינג אין קינבעט אריין.

די „זי" האָט ארויסגעלאָזט א מאָדנעם „קליו־קליו". דער „ער" האָט זיך צוגעזעצט, צושפּרייט די פליעגעל און געזעסען ביים נעסט. ער איז אויף א רגע ווי צוטומעלט געוואָרען, געקוקט אויף דער „זי", וועלכע האָט אראָפּגעלאָזט פערשעמט דעם קאָפּ, ווי זי וואָלט זיך געבעטען: אז כ'בין אויף מיין וואָרט ניט שולדיג. א קליין גענזעלע האָט זיך ארויס־געקייקעלט פון דער אויסגעגעסענער שאָל פון אן איי. דער בושעל האָט דערפיהלט, ווי אלץ אין איהם נעהמט זיך טרייסלען און ווי אן אָבגע־נאַרטער סאַמעץ האָט ער זיך א וואָרף געטהאָן אויף דער „זי", געפּליקט מיט'ן שנאָבעל איהרע פעדערען. די „זי" האָט נאָך טיעפער אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, זיך נאָך נעהענטער צוגערוקט צום „ער" און ווי אן אמת שול־דיגע האָט זי זיך נישט געוועהרט, פערקעהרט, אלץ אין איהר האָט זיך גע־בעטען: שלאָג בעסער.

דער בושעל האָט א פּיק געטהאָן דעם קליינעם גענזיל מיט'ן שנאָ־בעל, עס געכאַפּט פאַר'ן קעפּיל און עס א שליידער אראָפּ געטהאָן פון דער סטאָדאָלע. ער האָט גענומען צוּוואַרפען מיט'ן שנאָבעל און מיט די לאַ־פּעס דעם נעסט, מעהר זיך נישט אומגעקוקט אויף דער „זי", געשטאַנען א ווײלע און אוועקגעפלויגען.

די „זי“ האָט זיך אויסגעגלייכט, גענומען שאַרפֿען אָן די צייהן פֿון דער בראָנע איהר שנאָבעל און געטראַכט, אַז זי איז אַ פֿערלוירענע, אַז דער „ער“ איז געפֿלויגען זי פֿער׳מסר׳ן פֿאַר דער סטאַדע.

די „זי“ האָט אויפֿגעהויבען איין פֿוס, גענומען שטאַרקער שאַרפֿען איהר שנאָבעל אָן דער בראָנע און זיך צוואוויינט אויף איהר שטייגער. זי איז געוועזען זיכער, אַז דאָס איז נישט איהר שולד, אַז אַן אומגליק איז איהר געשעהן, אַז זי וועט זיי דערצעהלען, די עלטסטע פֿון דער סטאַדע... זי וועט זיי ווייזען די צוויי קינדער, עבטע בושלעך, מיט רויטע לאַפּקעס און רויטע שנעבעלעך... און זי האָט זיך ווידער צואוויינט.

---

זעליג מיט רחל׳ן זיינען געזעסען אויף דער פּליט.

— דו ווייסט, רחל?

— וואָס?

— פֿון היינט אָן וועל איך קענען שווימען פּונקט ווי אַ קאַטשקע.

— ווי ר׳נאַך?

— כ׳וועל זיך אויפשניידען די פֿינגער פֿון — — —

— זאָלסט עס נישט טהאָן, הערסט, זעליג! כ׳וועל אויף מיין וואָרט אייביג מיט דיר זיין ברוגז, אייביג!

— אַז דו לאָזט נישט! הער מיך אויף אַ פֿריהער אויס!

— אודאי לאָז איך נישט!

— זעהסט, כ׳וועל נעמען די הייטלעך פֿון גענזענע לאַפּקעס, זיי אריינמאַכען צווישען מיינע פֿינגער, זיי פֿעסט ארומבינדען ביז זיי וועלען זיך איינוואַקסען און דערנאָך — — —

— און בלוט וועט נישט געהן? — האָט איהם רחל איבערגעריסען.

— אודאי וועט נישט געהן! אַפֿעלאַ האָט מיך אויסגעלערנט זיך צו צושניידען אַ פֿינגער מיט׳ן שאַרפֿסטען מעסער און ס׳זאָל קיין בלוט נישט געהן, איהר מאַמע איז דאָך אַ מכשפה!

— דו ביזט דאָך ברוגז מיט אַפֿעלאַן?

— אודאי בין איך ברוגז! דו ווייסט, רחל, אַפֿעלאַ האָט אַזאַ גראָז,

אז מען טהוט עס א לעק שלאפט מען א גאנצען מעת־לעת. גלויבסט נישט? אויף מיין ווארט!

— האט זי!

זיי האבען א ווײלע געשוויגען.

— זעליג, ס'איז טאקע אמת, אז אפעלא'ס מאמע געהט אין שיך פון מענשישע אדערן?

— אודאי. דו ווייסט, אפעלא'ס מאמע קאן ווערען א שטרוי אויך, זיך בעהאלטען אין קלענסטען שפעלטיל! זי איז דאך אן אמת'ע מכשפה!

די שטילע ווייכסעל האט זיך געבלעזילט. פון די בלעזלעך זיינען גע־ווארען קרייזען. די קרייזען האבען זיך צוואוואקסען, איינגעשלונגען איינער דעם צווייטען, געווארען גרעסער און גרעסער און די תמיד רוהיגע ווייכ־סעל, וואס האט אויסגעזעהן ווי א קריסטאלענער שפיגעל, איז ווי פער־גליווערט געווארען, איינגעשלעפערט אלץ ארום.

א שוואלב האט דורכגעפלאטערט, דערזעהען אין וואסער נאך שוואלבען, האט ער פון היימליכקייט וועגען זיך אבגעשטעלט, איינגע־טונקט דאס שנעבעלע און די ווייכסעל האט זיך אויף דאס ניי צובלעזילט.

זעליג האט דערצעהלט, אז אונטער'ן „שווארצען שטיין", אין א גלע־זערנעם פאלאץ וואוינט וואנדע, די קייסערין פון ווייכסעל. זומער אין די גרויסע היצען, ווען די ווייכסעל ווערט פלאך, פערקלייבט זיך וואנדע מיט איהרע שוועסטער אויפ'ן שטיין און פערנארען צו זיך קליינע קינדער. זי האט שוין איהם אויך דריי מאל געוואלט כאפען, האט ער אבער אזוי שפרוך, אז ער זאגט איהם, וואקסט גלייך אויס א פייערדיגע רייף און זי קאן צו איהם נישט צו.

— זעליג, און צו וואס דארף וואנדע אזוי פיעל קינדער?

— צו וואס זי דארף זיי? זי קושט זיי אזוי לאנג ביז די נשמה געהט זיי אויס און דעמאלט עסט זי אויף זייערע הערצלעך!

די קינדער האבען דערזעהן, ווי א מחנה בושעלס קומען אנצופליהען

לאָזען זיך אראָפּ אויף דער „קעמפּע"*), וואָס געפינט זיך אין מיטען דער ווייכסעל.

— דאָס געהען זיין פּראַווען א חתונה — האָט זעליג געזאָגט און זיך געווענדט צו רחל'ן — קום, מיר וועלען צופאָהרען מיט דער לאָדקע.

זעליג האָט אָבגעבונדען פון דער פּליטע די לאָדקע. רחל האָט זיך ארומגעקוקט צי קיינער פון די היימישע זעהט זיי נישט און איז א פרעה־ליכע אריינגעשפּרונגען אין שיפעל.

רחל האָט געקוקט ווי די קליינע קריסטאַלענע וועלען פאַלדעווען זיך, שלינגען איין איינער דעם צווייטען, בלענדען די אויגען, איז זי פרעהליכער געוואָרען און ארויסגעלאָזט א מאָרנעם קוויטש.

זיי זיינען ארוים פון דער „קעמפּע", ארויסגעשלעפּט די לאָדקע און זיך אויסגעצויגען אויפ'ן גראָז.

די בושעלם האָבען זיך אויסגעשטעלט אין א האַלבען קרייז. אן על־טערע פּאָרעל, ווי צוויי חשוב'ע בעלי־בתים מיט פערלייגטע הענד, האָבען געשפּאַנט אין מיטען קרייז. דער „ער" איז געקומען צופליהען, געהאַלטען דאָס טויטע גענזיל אין שנאָבעל, עס אונטערגעטראָגען דער עלטערער פּאָר — נאַ, זעהט!

די עלטערע בושעלם האָבען דאָס גענזיל בעטראַכט, באַשמעקט, גע־וואָרפען מיט זייערע לאַנגע העלזער, געגודערט אויף זייער שטייגער און צוויי בושעלם זיינען אוועקגעפלויגען.

באַלד זיינען די בושעלם צוריק געקומען מיט דער „זי". די שלוחים האָבען מיט „קליו־קליא, קליא־קליא" איבערגעגעבען דעם „זי'ס" טענות. די בושעלם האָבען זיך ווידער צוגודערט, זיך געקאַכט, ארוים פון קרייז, זיך צונויפגעשטופּט אין איין קופּע און פון דערוווייטענס האָט זיך גע־דאַכט, אז א ברייט־ביינינג פערזעהעניש מיט צעהנדליג בויגיקע קעפּ שטעהט אין מיטען דער ווייכסעל און שרייט „קליו־קליו, קליא־קליא"! — די בושעלם האָבען ארומגערינגעלט די „זי". דער „ער" איז דער ערש־

---

*) אינזעל.

טער צו, דערלאַנגט זיין ווייביל א פּיק גלייך אין קאָפּ אריין און פון אלע זייטען האָבען זיך לאַנגע העלזער מיט אָפענע שנאָבעלס געטראָגען צו איהר, פעדערען האָבען זיך געדרעהט אין דער לופטען און דער פויגעל איז צוריסען געוואָרען אויף שטיקלעך.

---

עס איז געוואָרען שפּעט. רחל איז געזעסען און געוויינט, געוואוסט, אַז זי מיט זעליגען זיינען אין אלעם שולדיג. זעליג האָט זי אויפגעהויבען:

— קום, רחל, מיר וועלען אַהיים פאָהרען.

זיי זיינען אריין אין דער לאָדקע. שווערע וואָלקענס האָבען זיך מיט אמאָל גענומען שניידען פון דער ווייכסעל, זיך אוועקגעשטעלט ווי ווענד, ווי חורבות און עס איז געוואָרען שטאָק פינסטער. א בליץ האָט אָנגעצונדען די גאַנצע ווייכסעל. רחל איז צוטומעלט געוואָרען, פון צופיעל ליכטיגקייט גאָר נישט געזעהן, פארגעסען, אַז זי איז אין דער לאָדקע, און איז אויפגעשפּרונגען. האָט א קראַך געטהאָן א דונער, גלייך מען וואָלט שטיינערנע בערג צוריסען, און ס'האָט א גאָר געטהאָן א מבול.

רחל איז מעהר אין דער לאָדקע נישט געוועזען. זעליג האָט אראָבגעוואָרפען דאָס רעקיל, געזוכט רחל'ען, זיך אראָבגעלאָזט אונטער'ן וואַסער — רחל איז נישטאָ.

די ווייכסעל האָט געשטורעמט.

שווארצע וואלען, ווי צורייצטע חיות, מיט שוים אויף די מיילער, האָבען זיך אויפגעשטעלט אויף די הינטערשטע פיס, גערעוועט, זיך געוואָרפען אויף זעליגען. און פון אלע זייטען האָבען בליצען, ווי פייערדיגע סטענגעס, איהם געבלענדט די אויגען. די לאָדקע איז שוין געוועזען ווייט פון איהם, זיך געטראָגען אליין איבער דער ווייכסעל. א וואָל האָט איהם איינגעהילט, און זעליג האָט דערפיהלט, אז ס'ווערט איהם גרינגער, האָט ער אָבגעלאָזט הענד און פיס און דערזעהן ווי א פּאַלאַץ מיט גרינע פּייערלעך שווימט צו איהם. וואנדע איינגעהילט אין ווייסליכע בליצען בלייבט הענגען אין דער לופטען. זי רופט איהם צו זיך, ווייזט איהם

רחל׳ען, שיקט צו איהם בליצען און די בליצען, ווי לאנגע צינגען, ווערען אלץ דינער. די בליצען קיצלען, קושען, ברענען, און זיין מאַמע שטעהט איבער איהם, קוועטשט ציטרין אויף צוקער און לעגט איהם אין מויל אריין. און מיט אמאָל צושפּרייט וואנדע איהרע וואַסערדיגע האָאר. די האָאר ווערען לענגער, וויקלען איהם ארום און, ווי דורך טויזענדער רינגעס, שטראָמט וואסער, פערלעשט די בליצען און ס׳ווערט איהם אזוי גוט, אזוי גוט און ער שווימט.

# ציגײנער



## 1.

פייערדיגע פלאַמען זיינען געוואַקסען פון דער ערד ארויס, געוואַקסען און זיך פערצווייגען אַלץ העכער און העכער ביז די ווייס־צוגליהטע שפּיצען האָבען זיך צונויפגעגאָסען מיט׳ן הימעל און איבערגעלאָזט הינטער זיך קופּער, גאָלד און בראָנז.

ארום די פייער־פלאַמען האָבען זיך געטאָפּיעט קליינע, פּורפּור־רויטע פייערלאַך.

דאָס האָט זיגמונד בליאַש געברענט זיינע „קאַרפּעס"*) און געמאַכט פון געוועזענעם וואַלד לאַנקעס.

צווישען די פייערען ארום א ליימענער פּאַדלאָגע זיינען געוועזען צוואָרפען קופּקעס ציגיינער.

א יונגער ציגיינער אין א פּאָר ברייטע, בלויע הויזען, אין א פּאָר לאַקירטע שטיוועל מיט געפּאַלדעוועטע ווי א האַרמאָניע כאַליאַוועס, איז געזעסען מיט א ציגאַנקע. מיט דער לינקער האַנד האָט ער זי ארומגענומען און די פינגער פון דער רעכטער האָט ער פערלייגט אין א פייג, צוגעשטעלט דעם גראָבען צו די ליפּען און הילכיג ווי דורך א פייפעל האָט ער אויסגעפייפט א פּאַלקע.

עטליכע פּאָרלעך האָבען זיך לייכט געטראָגען איבער דער ליימענער פּאַדלאָגע.

ווי אן אויסגערוהטער לייב איז געלעגען אויבען אָן דער „סטאַראָסטאַ" מאַראַלע, א ציגיינער פון א יאָהר עטליכע און פופציג, מיט א פּאָר לאַנגע גרויע וואָנסען. ער איז געלעגען אין א פּאָר בלויע הויזען בענייהט

*) דער שטאָם פון אַן אָבגעהאַקטען בוים.

מיט שוטאַש־בלומען, אין אַ צועפּענט באַטיסטענעם העמד, פון אונטער וועל־כען אַ קופּער־האָריג לייב האָט זיך אַרויסגעזעהן, געקוקט מיט אַן אָפּען פּנים צום וואַלד־צו און לאַנגזאַם געצויגען זיין פאַרצעלאָיענע פּיפּקע.

נעבען איהם אויף אויסגענעהטע קישענס איז געזעסען זיין ווייב, אַן אַכצעהן יעהריגע ציגאַנקע, איינגעהילט אין אַ קאָלירטע זיידענע פּלאַכטע. די שעהנע ציגאַנקע האָט אַוועקגעלעגט איהר קאָפּ אויפ'ן אַקסעל. ווי אַן אומעטיג קינד, צועפּענט איהרע גרויסע אויגען מיט די בלויע רייפען אַרום, איינגעצויגען די לענגליכע ברעמען און אונרוהיג געגומען קלימפּערן מיט איהרע צעפּ, אין וועלכע זילבערנע רובעלס זיינען געווען איינגעפלאָכ־טען. זי האָט אויסגעשטרעקט איהר לאַנגען, ברוינעם האַלז, זיך פערקוקט אַזוי ווייט ווי דאָס אויג האָט געקענט כאַפּען און אַזוי געבליבען זיצען אין דער נאַכט אַריין אַ שטאַלצע, אַן אונרוהיגע.

אַרום איז געווען שטיל. די ציגיינער זיינען געלעגען אויף די בייד־בער, זיך איינגעקוקט אין די פייערן, געפּיפּקעט זייערע ליולקעס און גע־שפּיגען.

אַ פולע לבנה האָט אָבגעגאָסען די בוימער פון צוויי זייט שאָס־סע מיט אַ מאַטען שיין און די בלעטער, ווי בלייכע ים־שיסעלעך, האָבען געשפּרונגען פון אַ ציגיינער אויף אַ ציגאַנקע. די פייערן האָבען זיך געהאַלטען אין איין ציהען, זיך דערנעהענטערט און איינגעהילט אַלץ אין רויטען — איז די לבנה מיט אַמאָל רויט געוואָרען און די ים־שיסעלעך האָבען זיך אויף אַ רגע בעהאַלטען.

די שעהנע ציגאַנקע האָט אַ ציטער געטהאָן.

— וואָס איז קינד ? אָפּעלאַ, פויגעל מיינער, וואָס איז ? — האָט מאַראַלע זי ליעבליך געפרעגט.

אָפּעלאַ האָט איהם אַ רגע אָנגעקוקט און זיך אַ שטעל געטהאָן אויף די קניהען. די קאָלירטע פּלאַכטע איז געבליבען הענגען אויף איין אַקסעל און אָפּעלאַ איז געבליבען שטעהן אין אַ לויז ווייס קלייד, ווי אין אַ נאַכט־העמד אָהן אַרבעל. זי האָט אָנגעכאַפּט איהר מאַראַלען פאַר די לאַנגע האָהר, זיך אָפּגערוקט אַזוי ווייט ווי די אויסגעשטרעקטע הענד האָבען

ערלויבט, פערביסען די אונטערשטע ליפּ מיט איהרע ווייסע, ווילדע צייהן און געלאכט און געשאַקעלט מיט׳ן צופּאַטעלטען, שווארצען קאָפּ האָהר, וואו א צוויי־שאַרפיגער שטילעט איז געווען דורכגענומען.

די בלייכע ים־שיסעלעך, ווי א מחנה ווייסע פייגעל, האָבען אויף דאָס ניי גענומען שטיפען מיט אַפּעלא׳ן, האָט זי זיך הארציג צולאכט און בויגיג, ווי א ווילדע קאַטץ, גענומען אויסקושען מאַראַלען די אויגען, דאָס האַריגע לייב, טיעפער איינגעגראָבען איהרע צעהן פינגער אין זיינע לאנגע פאַסמעס האָהר, זיך צוריקגעבויגען, און, איינגעהילטע אין א רויטען שיין, זיינען ביידע געבליבען זיצען ווי פון איין שטיק קופער אויסגעשמיעדט.

די ציגיינער, וואָס זיינען געלעגען ארום, האָבען נערוועז גענומען פּיפּקען זייערע ליולקעס, געשפיגען ווי ווייט זיי האָבען נור געקענט, כמעט זיך געשעמט צו קוקען ווי מאַראַלע, זייער „סטאַראָסטא“, פערגעסט זיך און זיך געשראָקען, אז דער אַלטער זאָל באַלד קיין נארישקייט נישט אָפּטהאָן.

— אמת, אַפּעלא איז א טייפעל, א שטיק פייער, פונדעסטוועגען דארף זי געדענקען, אז זי איז נישט מעהר ווי א מויד און איהר פּלאַץ איז ביי מאַראַלע׳ס פיס — האָבען די ציגיינער געטראַכט, זיך דערפיהלט מיט אמאָל אינגער און זיך גענומען צושארען צו די ציגאנקעס.

אַפּעלא האָט זיך פאמעליך אראָפּגעלאָזט אויף די קישענס, זיך אויסגעצויגען מיט׳ן פּנים צום הימעל און אן אונרוהיגע גענומען כאַפּען מיט ביידע הענד די ים־שיסעלעך, אונטערגעשטעלט אונטער זיי די באַקען, דעם שטערען, די שווארצע האָהר, די אויגען.

און בערג פונקען, ווי פאַלענדע שטערען, האָבען זיך געשאָטען פון אַלע זייטען — דאָס האָבען האַלב־נאַקעטע ציגיינערלאַך געוואָרפען גרויסע שטיינער אין פונאנדערגעברענטע קאַרפּעס.

ארום איז געווען שטיל. פון מאָל צו מאָל האָט פון א צובראָכענע קאַרפּע א סענק אויסגעשאָסען.

צעמבאַל, דער בלינדער, גרויער פיעדעלשפּיעלער, מיט דער קאַלטער נעוואַטער, ווי פון בראָנז געפלאָכטענער באָרד, וואָס איז פערוואַקסען

אזש אין קאָפּ אַרײַן און זיך פֿערצװײגען ביז אונטער די אױגען, האָט אױסגעזעהן װי אַן אױסגעגראָבענע מיט די װאָרצלען קאַרפּע. צעמבאַל האָט אַ שאָר געטהאָן מיט זײַנע בײַנערנע קנאָכען איבער די סטרונעס פֿון אַן אַלטער פּיערעל, צװפֿענט זײַנע היהנערשע אױגען און מיט אַ צוצװיגענע פּחד־שטימע האָט ער אָנגעהױבען די אַלטע, צום הונדערטען מאָל דערצעהלטע געשיכטע:

„געלעבט האָט אַמאָל אַ ציגײַנער אַלגאַשי. ער האָט געערדט מיט דיר, דאַכט זיך געהאַלטען די הענד אין די הױזען־קעשענעס און װי דו ביזט נור אװעקגעגאַנגען, זיך אַ כאַפּ געטהאָן — די פּאָר גראָשען זײַנען נישטאָ. און אַז מען האָט איהם געכאַפּט אין אַ שטוב איז ער געװאָרען אַ װערעמיל און אַרױס דורך אַ שפּאַלט. אַ גוטער ציגײַנער איז אַלגאַשי געװעזען — פֿון „קאַשטשאַל“ ניט געװאָלט װיסען און צום הײליגען „דעמב“ תפילה געטהאָן. און פֿערשװאונדען איז אַלגאַשי בײַ טאָג, דען פּאָר זײַן קאָפּ האָט דער „װאָיעװאָדא“ צוגעזאָגט הונדערט זילבערנע גילדען, און בײַ נאַכט איז אַלגאַשי געשװאומען איבער דער װײַכסעל מיט זײַן באַנדע װאָװילע יונגען. און געקעניגט האָט דער ציגײַנער אַלגאַשי בײַ נאַכט איבער דער װײַכסעל גאַנצע דרײַ יאָהר מיט דרײַ טעג.

„שװערע צײַטען זײַנען געקומען — מחנות טערקען װי הײשעריקען האָבען פֿערפּלײצט פּױלען, ליטא און אונגאַרן. יונג און אַלט, װער עס האָט נור געקענט האַלטען אַ שװערד אין האַנד, איז געגאַנגען שלאָגען דעם טערק און געבליבען זײַנען אין לאַנד קינדער און װײַבער.

„געװאָלט האָט אַלגאַשי שלאָגען דעם טערק, שטאַרק געװאָלט, געשעמט האָט זיך דער ציגײַנער אַלגאַשי צו בלײַבען אין אַ מדינה פֿון װײַבער און קינדער. שטאָלץ איז דער ציגײַנער אַלגאַשי געװעזען, געװאַרט דער „װאָיעװאָדא“ זאָל נאָך איהם שיקען און אַן אָנגעכמורעטער, אַ בײַזער האָט זיך אַלגאַשי געטראָגען אױף זײַן שיפֿעל איבער דער װײַכסעל און געפּײַפֿט. און דער „װאָיעװאָדא“ האָט נאָך אַלגאַשי׳ן ניט געשיקט. און װאָס נעהענטער די טערקען האָבען זיך גערוקט צו דער װײַכסעל, געצונדען דערפֿער, אַלץ גיכער האָט זיך אַלגאַשי געטראָגען איבער דעם

וואַסער, געפּאַכעט מיט זיין קרומע שאַבלע און העכער געפּייפט. און אַז די פייערן זיינען געוואָרען אַלץ גרעסער, איינגעהילט די װײַכסעל, און יי ווייסע שוים הינטערן שיפעל איז מיט אַמאָל רויט געוואָרען, האָט אַלגאַשי אָפּגעזיפּצט און אַ שמייכעל געטהאָן. דאָס האָט איהם די ווייכסעל אַליין געשיקט שלאָגען דעם טערק. אַ פרעהליכער האָט אַלגאַשי נאָך דיזעלבע נאַכט געשיקט אַ שליח צום „וואַיעוואָדא" און שלום געשלאָסען. און באַלד האָט מען דערהערט איבער גאַנץ פוילען אַלגאַשי'ס גבורות — ער האָט געשניטען מיט זיין קרומע שאַבלע טערקישע קעפּ, ווי מען שניידט שטרוי".

דער בלינדער צעמבאַל איז אנשוויגען געוואָרען. זיך אויסגעדרעהט צו די פייערן און אַ ווייס־צוגליהטע שיין, ווי אַ בליץ, האָט זיך פאַר־פלאָנטערט אין זיין קאַלטענוואַטע באָרד, זיך אַ הויב געטהאָן און ווי אַ בלאַנקענדע שאַרף זיך איינגעשניטען אין זיין צואַקערט און פערוואַק־סען פּנים.

ער האָט ווידער אַ ציה געטהאָן מיט די פינגער איבער די סטרו־נעס און אַ צושטראָהלטער האָט ער נאָך פּאַמעליכער געגומען ציהען זיי־נע ווערטער:

„און אַז אַלגאַשי איז צוריקגעקומען פון דער מלחמה. האָט ער דעם „וואַיעוואָדא" געבראַכט אַ מתנה אַ גאָלדענע שווערד און זיך — אַ גאָל־דענע ציגאַנקע. שעהן איז געוועזען די גאָלדענע שווערד, שעהנער אָבער — די גאָלדענע ציגאַנקע. איהרע שוואַרצע אויגען האָבען געברענט ווי זיעבען זונען און ניט איין יונג איז דורך איהר פאַר'שרפ'עט געוואָרען. געפעלען איז דעם „וואַיעוואָדא" די גאָלדענע שווערד און נאָך מעהר איז איהם געפעלען — די ציגאַנקע. האָט דער „וואַיעוואָדא" אַלגאַשי'ן אָפּ־געשיקט די גאָלדענע שווערד און בעפוילען ער זאָל איהם שיקען די צי־גאַנקע. די ערשטע נאַכט דאַרף זי בעלאַנגען צו איהם. אַזאַ מנהג איז דאַן געוועזען.

— אַ דונער וואָלט איך איהם געגעבען! — האָט אַ יונגער ציגיינער איבערגעריסען צעמבאַלען מיט אַ ניגון.

„און אומעטיג איז אַלגאַשי געוואָרען. ער האָט אראָפּגעלאָזט זיין שטאָלצען קאָפּ און זיינע וואָנסען זיינען געפאַלען איבער די אַקסלען. ער האָט געשוואָרען ביים אַלטען „דעמב“ צו זיין געטריי דעם „וואַיעוואָדא“ און שיקען די ציגאַנקע האָט איהם דאָס הארץ ניט געלאָזט, אוי, ניט גע־לאָזט. און אַלגאַשי איז אוועק מיט דער ציגאַנקע צו דער ווייכסעל, געפאַלען פאר'ן אַלטען, נאַקעטען „דעמב“, אהן בלע־טער און אהן צווייגען, און אַזוי געזאָגט: „אַלטער דעמב, הייליגער־דעמב, אַזוי און אַזוי, אַזוי און אַזוי, צי זאָל איך שיקען די מויד צום „וואַיעוואָדא“? און דער דעמב האָט געענטפערט: „פרעג ניט מיך, פרעג די ווייכסעל און אויב זי וועט דיר ניט ענטפערען וואַרף איהר די גאָלדענע שווערד פאר א קרבן און דער סמן וועט זיין — די ווייסע פאַסען פון היג־טער דיין שיפעל מוזען רויט ווערען“.

„און אַלגאַשי איז געזעסען מיט דער שעהנער ציגאַנקע אויפ'ן ברעג פון דער ווייכסעל, געהייסען טרייבען זיין שיפעל און געוועזען זיכער, אז א נס וועט געשעהען. און ווייס איז די שוים פון הינטער'ן שיפעל געווע־זען און נאָך ווייסער זיינען דער ציגאַנקעס ווייסע ציינער געוועזען. איז אַלגאַשי געוואָרען אונרוהיג, א שליידער געטהאָן די גאָלדענע שווערד אין דער ווייכסעל אריין, גיכער געהייסען טרייבען דאָס שיפעל און די שוים איז אַלץ ווייסער געוואָרען. און די שעהנע ציגאַנקע האָט צופלאָכ־טען איהרע לאַנגע, שוואַרצע צעפּ, ארומגענומען אַלגאַשען מיטביידע הענד און שטאַרק געבעטען ער זאָל זי ניט שיקען צום „וואַיעוואָדא“. און אז דעם „וואַיעוואָדא'ס“ שליח האָט זיך בעוויזען פון דער ווייטענס און די ווייסע שוים פון הינטער'ן שיפעל איז ניט רויט געוואָרען, האָט אַלגאַשי א בלאַסער אויפגעהויבען זיין ציגאַנקע און זיך א וואַרף געטהאָן מיט איהר אויף די שפּיציגע, שוואַרצע שטיינער, וואָס האָבען זיך גע־שווינקט אין דער ווייכסעל. און די ווייסע שוים האָט גענומען רויט ווערען.

„אַזוי איז געשטאָרבען דער ציגיינער אַלגאַשי און זיין גאָלדענע ציגאַנקע — — — —“.

צעמבאַל איז אַנשווינגען געוואָרען, פערלייגט א פּוס אויף א פּוס. פערמאַכט די בלינדע אויגען און אָנשפּאַרענדיג זיין לאַנגע, קאַלטענע־וואַטע באָרד אויף דער פידעל, האָט ער גענומען ציהען מיט'ן בויגען איבער די סטרונעס, איבער דער באָרד. זיינען די ציגיינער לעבעדיגער געוואָרען, גענומען מיט־פּייפען, מיטזינגען און די, וואָס זיינען געלעגען אויף די בייכער, האָבען פערריסען די פיס אין דער לופטען און צונע־קלאַפּט מיט די טילקעס צום טאַקט.

און א פער'חלום'טע איז אַפּעלא געזעסען אויף די ווייכע קישענס, געזעהן דעם גבור אַלגאַשי, ווי ער שטעהט ערגעץ ווייט א הויכער אין א פּור־טערען היטעל, האַלט די גאָלדענע ציגאַנקע אויף די הענד. די ציגאַנקע שפּרייט פייערדיגע פלאַכטעס, צינדט בוימער און דער וואַלד ברענט. אַפּעלא האָט א ציטער געטהאָן, זיך א ווײַלע איינגעהערט ווי די צי־גיינער זינגען און איז אויפגעשפּרונגען. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די קאָ־לירטע זיידענע פלאַכטע איבער די ברוסטען, זי פעסט איינגעצווינגען ארום דער טאַליע און אין איהרע געלע געשנורעוועטע שטיוועלאַך מיט די זייי־דענע קוטאַסען, האָט זי גענומען ארומגעהן איבער דער פּאָדלאָגע געלאָ־סען. זי האָט געהויבען מיט די אַקסלען, געבויגען איהרע פולע נאַקעטע הענד, פערלעגט די צוויי צעפּ ארום דעם קאָפּ ווי א קראַנץ און זיך אָפּ־געשטעלט.

און „אַווטשאַרעק" האָט זיך צושאָטען אין דער נאַכט אריין.

א יונגער ציגיינער אין א פּאָר לאַקירטע שטיוועל מיט שטאָהלענע פּאָדקאַוועס, די שוואַרצע געקרויזטע האָהר פערקעמט מיט א שרינט אין דער מיט, די וואָנסען וואַויל־יונגעריש פערדרעהט, איז א פאַל אריין געטהאָן ווי א רוח און זיך גענומען טראָגען אויף איין פוס צו דער צי־גאַנקע. ער האָט אָנגענומען אַפּעלא'ן ביי דער האַנד, אויסגעשטעלט א פּוס, מיטגעזונגען און שטעהענדיג אויף איין פּלאַץ האָט ער גענומען צוקלאַפּען מיט א פּוס צום טאַקט, אז פונקען האָבען זיך געגאָסען פון אונטער דער פּאָדקאַווע. ער האָט זיך מיט אמאָל א ריס געטהאָן ווי א ווינד, געפלויגען מיט אַפּעלא'ן איבער דער פּאָדלאָגע און עס האָט זיך

גערדאַכט אַז ער קלײַבט זיך צו אַנטלױפֿן מיט דער ציגאַנקע ערגעץ אין פֿעלד אַרײַן; האָט ער זיך אָבער בײַם ראַנד פֿון דער פּאַדלאָגע אין דעם שטאַרקסטן אימפּעט אַ זעץ צו געטאָן, פֿערוואָרפֿן אַ פֿוס, אַ זעץ געטאָן אין דער לאַקירטער כאַליאַווע, אַ קנאַל מיט דער צונג, זיך האַסטיק אַ כאַפּ אױף געטאָן, געבליבן שטײן אױף די אָבצאַסן, זיך גענומען דרײען אױף אײן פֿוס צוקלאַפּנדיק מיט דעם צװײטן, גלײַך מען װאָלט אַרבעס געשאָטן, געפֿאַלן אױף די הענט, אױפ׳ן בױך, זיך אַרומגעװיקלט װי אַ בױגעל אַרום אַפּעלאַ׳ס פֿיס און אַפּעלאַ אַ צופּלאַמטע, אַ שטאָלצע, מיט׳ן בלאַנקענדן שטילעט אין איהרע צופּאַטעלטע, שװאַרצע האָהר, װאָס האָבן זיך האַלב צושאָטן איבער די אַקסלען, האָט זיך בױגיג צוגעזעצט אױפ׳ן ציגײנער, אױסגעשטרעקט איהר לאַנגען גאָלדענעם האַלז, פֿערזשמורעט די אױגען און װי אַ קלאָר פּײַפֿל גענומען אױסזינגען און „אָװטשאַרעק“.

און אַז די ציגײנער, יונג און אַלט — טונקעל־קופּערנע, מיט שװאַרצע קעפּ האָהר, מיט פֿלאַם־פֿײַערדיגע אױגען, ריהרעװודיג, מיט טיגריי־שעס אין זײערע אַלע גליעדער, האָבן דערזעהן פֿון דערװײַטנס די קופּער־שמיעדען מיט די גרױסע זילבערנע קנעפּ װי גלעקלאַך, האָבן זײ זיך דערפֿיהלט שטאָלצער, װאָס די ציגײנערשע יחסנים פֿאַרלאָזען זײערע פֿײַערן בײַ נאַכט און שלעפּן זיך אַהער, און אַלץ צוליעב אַפּעלאַ׳ן!

זײ האָבן זיך אײַנציגװײַז אױפֿגעשטעלט, אַראָפּגעװאָרפֿן די בלױע רעקלאַך און אַ ציגײנער איז זיך פֿערגאַנגען:

...שװאַרצע אױגען, שװאַרצע צעפּ,
װײַסע צײהן, זילבערנע קנעפּ!
האָלאַ, האָלאַ, האָלאַ־לאַ!
האָלאַ, האָלאַ, האָלאַ־לאַ!

און אַ כאָהר פֿון מענערשע שטימען האָט זיך געריסן אין דער נאַכט אַרײַן, געװאָרען װילדער, זיך אָפּגעריסן און אָנגעיאָגט אַ מאָד־נעם אומעט. האָט זיך אַ ציגײנער ערגעץ צולאַכט — האָבן אַלע אױס־געשאָסן אין אַ קינדיש געלעכטער, זיך געפּאָאַרט און װילד זיך געטראָ־

גען איבער דער פּאַדלאָגע.

יונגע פּויערים און שיקסעס האָבען זיך צונויפגעקליבען פון אַרום, זיך צוזעצט פון דערווייטענס און געקוקט. עס איז געוועזען שטיל. די פּייערען זיינען זיך צישוואומען, אָנגעפּילט די לופט מיט א רויטליכען רויך. די לבנה א בלוטיגע, א רויטע איז געשטאַנען איבער'ן וואַלד און גרויסע, לאַנגע שאָטענס האָבען זיך געלעגט, געהויבען, זיך אויסגעצויגען איבער'ן שאָססע און פערשוואונדען ערגעץ דאָרט אין טיפען וואַלד.

פון די שאָטענס האָט זיך אַרויסגעשניטען א הויכע פיגור, באַלד נאָך א פיגור און זיי האָבען זיך דערנעהנטערט צו די ציגיינער. דאָס איז געוועזען זיגמונד בליאַש, א הויכער, ברונעט פון א יאָהר פינף און צוואַנציג, מיט א קלוג ריהרעוודיג פּנים, וואָס מאַכט תמיד דעם איינדרוק אַז עס איז ניט גערעזירט. בליאַש, פאַרפּאַהרענדיג צו זיך אויף א טאָג אין וואַלד אַריין, איז א נייגעריגער געגאַנגען בעקוקען די ציגיינער. נאָך איהם האָט זיך נאָכגעשלעפּט וואַצעק זיין לעשניק — א נידריגער, ברייט־ביינערער און איינגעהויקערטער פּויער מיט צושפּרייטע הענד און פּיס, דערמאָהנענדיג פון דערווייטענס א גרויסען שפּין.

אַז זיגמונד בליאַש איז צוגעקומען נעהנטער און דערזעהן אַפּעלאָן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. די ציגאַנקע אין איהר קאָלירטע, זיידענע פּלאַכטע מיט די צופּאַטעלטע האָר דורכגענומען מיט'ן בלאַנקענדען שטיי־לעט, איז געשטאַנען אין דער מיט פון דער פּאַדלאָגע א בויגיגע, א שטאָל־צע. זי האָט א בויג געטהאָן איהר קאָפּ רעכטס — און די לבנה האָט זי אָפּגעגאָסען מיט א מאַטע זילבערנע בלייכקייט; לינקס — און די פּייערען האָבען זי איינגעהילט אין א רויטליך זיידענעם טוהל. זיגמונד האָט אַליין נישט געוואוסט וואָס אין דער ציגאַנקע געפעלט איהם און פונקט ווי דער ים אין א שעהנעם פאַרנאַכט שטימט אי פרעהליך, אי אומעטיג, אַזוי האָט בליאַש מיט אַמאָל דערפּיהלט ווי עס ווערט איהם אי לייכט, אי שווער און א צוגעשמידטער איז ער געבליבען שטעהן און געקוקט אויף דער ציגאַנקע.

דער לעשניק האָט פון גרויס התפּעלות פערדרוקט דאָס היטעל, זיך

גענומען קראַצען און אויסגעשפּיגען: „פּשאַ־קרעוו, אַ טייוועל אַ מויד"!

די ציגײַנער דערזעהענדיג דעם פּאַן בליאַש האָבען זיי איהם גלייך צוגעפיהרט צום „סטאַראָסטאַ".

— גוט אבענד, פּאַניע בעל־הבית! געקומען בעזוכען אונז ציגײַנער, אמת? זעהר שעהן, זייט! — האָט דער סטאַראָסטאַ געצויגען די ווער־טער און צוגערוקט בליאַש'ן אַ לייווענטען בענקעל.

זיגמונד בליאַש האָט זיך אויסגעצויגען נעבען ציגײַנער אויפ'ן גראָז. אַ יונג ציגײַנעריל האָט דערלאַנגט צוויי פלעשלאך ביער.

— יעצט, מיין „גאָלדענער פּאַן", וועלען מיר טרינקען ברודער־שאַפט — און דער סטאַראָסטאַ האָט דערלאַנגט זיגמונד'ן אַ פלעשעל ביער.

— אַ דאַנק, איך טרינק נישט!

— באַ — האָט דער סטאַראָסטאַ אויסגעשפּיגען — דער פּאַן שעהמט זיך גאָר מיט ציגײַנער! עה, „פּאַניע זלאָטי", דאָס געהט נישט! מיר זייי־נען דאָך קאַטאָליקען, געהען אין דעם זעלבען „קאָשטשאָל", ליגען אויפ'ן זעלבען בית־עולם, מיר זיינען ברידער! נו, טרינק! בעליידיג נישט אַ צי־גײַנער!

— ווער איז דיין ברודער, ווער? וואָס מלאָמעלסטו? — האָט דער לעשניק זיך חוצפּה'דיג אריינגעמישט — דו טרעפּסט ווי אַ בלינד פערד!

— ווער רעדט צו דיר — האָט מאַראַלע שטאָלץ געענטפערט — אַז מענשען רעדען, שוויג, דו, חזר'שע אויער, דו! — און ער האָט ווייטער גערעדט צו בליאַש'ן:

— אַזוי, דען פּאַן בעל־הבית איז אַ „איזראַעליטאַ", נו, זיינען מיר דאָך אודאי און אודאי קרובים, טאַ טרינק־זשע, פּאַניע! אַ פלעשעל ביער וועט דיך אביסעל צוטרייסלען און יונג ביזטו דאָך — ♣ישט גוט צו זיצען אויף הייסע קוילען, פּאַניע, עס בריהט! קלויבט מען זיך אויס אַ ציגאַנקע! פייער לעשט פייער!

זיגמוד בליאַש האָט געשמייכעלט.

— עה, פּאַניע, דו ביזט געלערנט, געגאַנגען אין שקאָלעס און אַזאַ

קלײניגקײט װײסט דו נישט, נו, טרינק װעל איך דיר באַלד ערקלעהרען.

דער סטאַראָסטא האָט אָנגעהויבען:

— מיט טויזענדער יאָהרען צוריק, װען דער שטאַרקער דעבלא האָט געװאָלט מענשען בעשאַפען, האָט ער אָװעקגעשטעלט מהנות מלאכים איבער צװײ גרויסע גריבער לײם און געהײסען פון ערשטען גרוב אויס־קנעטען אידען און פון צװײטען — פּאָליאַקען. די מלאכים האָבען גע־קנעטען, געקנעטען ביז זײ האָבען כמעט דעם גאַנצען לײם אויסגעקנעטען. אין יעדען גרוב איז געבליבען צו ביסעל לײם פון װעלכען מען האָט מעהר קײן מענש ניט געקאָנט מאַכען, זײנען די מלאכים געשטאַנען פערזאָרגטע, נישט געװאוסט װאָס מיט'ן לײם צו טהאָן. אז דער שטאַרקער דעבלא האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך צולאַכט פון אײן אויער ביז דעם צװײטען, צונויפגענומען דאָס לײם פון בײדע גריבער, עס גוט אויסגע־קנעטען און אַרויסגעשפּרונגען איז א שװאַרצער ציגײַנער.

בליאַש האָט זיך צולאַכט. אַפּעלאַ איז צוגעקומען טאַנצענדיג און װי זי װאָלט נישט באַמערקט א פרעמדען מאַן זיצען, האָט זי זיך א װאָרף אַרײן געטהאָן אין די קישענס.

— נו, פויגעל מײנער, ביז מיעד — האָט זיך דער סטאַראָסטא גע־װענדעט צו אַפּעלאַ'ן — זעהסט, דאָס איז דער פּאַן בעל־הבית, געקומען אונז בעזוכען, װײבעל מײנס!

זי האָט א װײלע געקוקט אויף בליאַש'ן און איהם בעגריסט.

— איהר האָט א שעהן װײב, אויף מײן װאָרט, שעהן — האָט בליאַש געזאָגט דעם ציגײַנער אַז זי זאָל אויך הערען און געקוקט אויף דער ציגאַנקע.

אַפּעלאַ האָט צועפענט איהרע גרויסע אויגען און מיט א קינדישער תמימות און איבעררַאשונג געקוקט בליאַש'ן גלײך אין פּנים אַרײן, ביז ער האָט נישט אויסגעהאַלטען און זיך פארשעהמט. האָט זי אויסגעשאָסען אין א הילכיג געלעכטער, אויפגעשפּרונגען און פערשװאונדען צװישען די פּאָרלאַך אויף דער פּאַדלאָגע.

— יונג בלוט — האָט דער סטאַראָסטא א צופריעדענער געזונגען—

קאָן נישט איינזיצען... דאָס איז גאָר קיין מויד נישט, דאָס איז פייער! און אלט ווערען לאָזט זי נישט, זי וועט גיכער פון טויט לעבעדיג מאַכען!

— איהר האָט שוין לאַנג חתונה געהאט? — האָט בליאש געפרעגט.

— לאַנג? ניין! צום לוויוועטשער פערד־מארק וועט ווערען א יאָהר!

אַפּעלאָ איז צוריקגעקומען, זיך אראָפּגעלאָזט אויף די קישענס און אַן אונצופריעדענע געזאָגט:

— קום, טהייערער, מיר ווילען א היים געהן, איך בין מיעד.

— וואָס איז, פויגעל מיינער? וואָס האָסט דו דאָס קעפּיל אראָפּגעלאָזט, זאָג!

— גאָר נישט. איך בין מיעד, קום אהיים!

— גוט!

מאַראַלע האָט זיך אויפגעשטעלט, אנגעטהאָן זיין בלויען, ברייטען ראָק מיט די קיילעכדיגע שנורענע פּעטליעס און זיך צורעדט מיט א ציגיינער.

אַפּעלאָ האָט מיט אמאָל געפרעגט, ניט קוקענדיג אויף בליאש׳ן:

— דער פּאַן איז רייך? ווי רייך איז דער פּאַן?

— איך בין זעהר רייך!

— רייך ווי א פּרינץ?

— רייכער!

— און צו וואָס דאַרף דער פּאַן אזוי פיעל געלד?

— איך זאָמעל עס פאַר מיין געליעבטע.

— טאַקע? און וואו וואוינט דער פּאַן? אין וואַלד?

— ניין, איך וואוין ווייט פון דאַן, איך וואוין אין ווארשע.

—אין ווארשע? דאָרט זיינען דאָך פאַראַן אזוי פיעל שעהנע מיידלאַך! פאַרוואָס קלויבט זיך דער פּאַן נישט אוים קיין געליעבטע?

— ווען איך געפין אזא מיידעל ווי דו ביזט... ווי הייסט דו?

— געה, דער פּאַן לאַכט פון מיר!

— אסור!

— ווי איך הייס? אַפּעלאַ! און ווי הייסט דער פּאַן?

— זיגמוד. אַפּעלאַ, דו ווייסט וואו די וועראַנדע איז אין וואַלד?

— אודאי ווייס איך!

— קום מאָרגען פאַרנאַכט צו דער וועראַנדע. וועסט קומען?

— צו דער וועראַנדע?

מאַראַלע האָט איבערגעריסען דעם געשפּרעך. ער האָט צונויפגענו־מען די קישענס, זיי איבערגעגעבען א ציגיינער און זיך געזעגענט מיט בליאַש'ן:

— א גוטע נאַכט, פּאַניע בעל־הבית, א גוטע נאַכט.

— א גוטע נאַכט.

אַפּעלאַ איז אויפגעשפּרונגען, זיך נישט געזעגענט מיט בליאַש'ן און גענומען אוועקגעהן מיט'ן ציגיינער.

בליאַש איז געבליבען ליגען, געקוקט ווי דער „סטאַראָסטאַ" שפּרייזט יונג און בויגיק, ווי וואווילעריש ער וואַרפט מיט דעם גרויסען קאָפּ האָהר און פערשווינדט ביסלעכווייז מיט דער ציגאַנקע. צוויי גרויסע שאָטענס האָבען געשפּרונגען פון דער לאַנקע אויפ'ן שאָססע און בליאַש'ן איז מיט אמאָל שטאַרק אומעטיג געוואָרען.

די פּאַדלאָגע איז געוואָרען לעדיג.

ערגעץ ווייט האָט זיך עמיצער צוזונגען, עס האָט זיך געהערט א געלעכטער און עס איז שטיל געוואָרען.

בילאַש איז געלעגען מיט פערמאַכטע אויגען, געקוקט אויף אַפּע־לאַ'ן, ווי אויף א ווילדע פּרינצעסין און עס האָט איהם באַנג געטהאָן ביז טרעהרען.

## 2.

עס איז געווען א הייסער נאָכמיטאג. די היטץ האָט געטריקענט אין האלז, געקלעפּט די אויגען, אָנגעיאָגט א פוילקייט, אז עס האָט זיך גאר־נישט געוואָלט טהאָן, ניט טראכטען, זיך פערקלייבען אין א שאָטען און דרעמלען.

אויף'ן זאמדיגען וועג, וואָס פיהרט אין וואלד אריין, זיינען געשטאַ־נען עטליכע קליינע ציגיינערלאך, ווי גאָט האָט זיי בעשאפען. זיי זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין א שורה און געצילעוועט שטיינדלעך אין א לעבעדיגער ווארנע, וואָס איז געווען צוגעבונדען צו א צווייג און הייזעריג געקראקעט.

א רויטער, פערשוויצטער פויער, אין א גראָב לייוענט העמד, איז אָנגעקומען פון וואלד. דער פויער האָט געפיהרט אויף א שטריק א יונג ביקעל.

— הינטישע אמונה, אוועק ! — האָט דער פויער זיך צושריען אויף די ציגיינערלעך און אראָפּגעכאפּט מיט איין האנד דעם פּאסעק פון די הויזען. דאָס ביקעל האָט זיך דערוויילּ א ריס געטהאָן, דער פויער האָט זיך מיט איין האנד אָנגעכאפּט פאר די הויזען, זיי זאָלען ניט אראָפּפּאַ־לען, און פערשוואונדען מיט'ן ביקעל אין א וואָלקען שטויב.

פון ביידע זייטען וועג, וואו דער וואלד איז שוין געוועזען אויסגע־האקט, האָבען זיך געצויגען לייוענטענע פּאַלאַטקעס, ווי אָבגעקאַלכטע ביהנשטאַקען. געפּענטעטע, מיטעלוואוקסיגע פערד האָבען פויל געצופּט דאָס גראָז, געשפּרונגען אויף די פאָדערשטע פיס און געהאַלטען אין איין אביאַגען די מחנות פליגען פון אונטער די לאנגע עקען.

נעבען דער „רזשיקע" איז געשטאַנען אן אלטער ציגיינער און גע־צוואָגען א קליין קינד מיט שיטערען זייף. דאָס ציגיינעריל האָט געמאכט

קולות, געוואָרפען מיט די פּיסלאָך. דער אַלטער האָט דאָס קינד אויפגע־הויבען פאַר'ן געקרויזטען קעפּיל און עס עטליכע מאָל אָפּגעטוקט אין וואַסער.

ניט ווייט פון די פּאַלאַטקעס האָט געקאָפּטשעט א פייעריל. איבער'ן פייעריל זיינען געשטאַנען צוויי אייזערנע שטאַבעס, אויף וועלכע עס איז געהאַנגען א גרויסער קופּערנער קעסיל.

פון וועג איז אָנגעקומען א באָרוויסע, פערשטויבטע ציגאַנקע. פון דער פּלאַכטע, וואָס איז געהאַנגען אויף איהר פּלייצע, האָט ארויסגע־קוקט א קליין ציגיינעריל מיט א פּאָאר גנב'ישע אויגעלעך. די ציגאַנקע האָט ארויסגעשלעפּט פון דער פּלאַכטע א האָהן מיט אן אָפּגעדרעהט קע־פּיל, איהם געלאָזט ליגען נעבען פייער און צוריק פערשוואונדען אין שטויביגען וועג. ארום איז געוועזען שטיל, דושנע, געשמעקט מיט אָב־געסמאַליעטע פעדערען.

אין דער מיט פון אן אָפּענער פּאַלאַטקע איז געזעסען אן אַלטע, גרויע ציגאַנקע, ווי א אמת'ע מכשפה, מיט איינגעצויגענע באַקען, מיט א לאַנגע, דאַרע נאָז, וואָס איז זיך כמעט ווי צונויפגעקומען מיט דער שפּיציגער גאָמבע, און געשריען:

— וואָס פאַרא ציגאַנקע וועסטו זיין, אז דו וועסט ניט קענען געהן אויף דער „שפּראַכאַרקע“, ניט קאָנען פערדיענען פאַר'ן מאַן און קינדער? דער מאַן וועט דאָך דיך אויפהענגען! א מויד ווי א קאָבילע, ראָמאַנ־סירט מיט יונגען, נו, איז צייט זי זאָל ווערען א מענש!

ארום זיינען געזעסען נאָך גאָר יונגע ציגאַנקעס, געקוקט אין פונאַנ־דערגעוואָרפענע קאָרטען און זיך צוגעהערט ווי איינע פון זיי האָט „גע־וואָרזשעט“, גערעדט מיט א זיסען ניגון. דאָס האָט די אַלטע געלערנט זיי קאָרטען לייגען, געמאַכט זיי פאַר אמת'ע ציגאַנקעס.

די ציגיינער האָבען אָבגעגעסען מיטאָג, אויפגערוימט די פּאַלאַטקעס, צוגעגרייט „וויעטשערא“ פאַר די ציגאַנקעס, וואָס זיינען באַגינען אוועק אויף דער „שפּראַכראַקע“, און זיך פערקליבען צו מאָראַלע'ן. מאָראַלע אין זיינע ברייטע בלויע הויזען, אין אן אויסגענייט באַטיסטען העמד, איז גע־

זעסען אין דעם אַרײַנגאַנג פֿון זײַן פּאַלאַטקע אויף א לײַווענטען בענקעל און געפּיפּקעט א לאַנגען ציבעק.

טיעף אין דער פּאַלאַטקע, אין א באַרג קישענס איז געלעגען אַפּעלאַ.

פֿון הינטער א בוים האָט זיך בעוויזען א יונגער ציגײַנער אין בלויזע הויזען, פֿערצויגען מיט א ברײַטען, לאַקירטען פּאַסעק, וועלכער איז געוועזען אויסגעזעצט מיט ים־שקעטעלאַך. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פֿאַר א דיקע צווײַג פֿון א בוים, זיך איבערגעצויגען, אַרויסגענומען א טאָרבע פֿון טאַבאַק, געמאַכט פֿון אַלערלײ פֿאַרביגע שטיקלעך זײַדענס, אויסגעווירקעלט א פּאַפּיראָס און צוגעגאַנגען צו מאַראַלע׳ס פּאַלאַטקע:

— זײ האָבען דאָך אפילו די געשטופּעלטע ראָמאַ פֿערבעטען.

— ווער ? — האָט זיך אַן אַלטער ציגײַנער געפֿרעגט.

— די געשוואָלענע.

— ס׳אַרע געשוואָלענע ?

— מיר וועלען ניט לאָזען ! — איז א ברײַטבײַניגער ציגײַנער אַרײַן דעם יונגען אין די רײד.

— געווים ניט ! — האָט א דריטער זיך אָנגערופֿען.

— איהר האָט שוין אָנגעמאָהלען אויף דרײַ וועגען — האָט מאָראַלע געזאָגט און אַרויסגעלאָזט א מויל רויך — און כ׳ווײס ניט וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, רעדט מענשען זאָלען פֿערשטעהן.

— אָט וועגען וואָס — האָט דער ברײַטבײַניגער געענטפֿערט און זיך אַזש אויפֿגעשטעלט — די קופּער־שמיעדען האָבען נעכטען פֿאַרבעטען אונזערע ציגאַנקעס אויף א טאַנץ און מיר וועלען זײ שיקען א כאָלערא אין די זײַטען !

— מיר וועלען זײ ניט דאַרפֿען שיקען, זײ וועלען אַלײן געהן ! — האָט זיך עמיצער אָנגערופֿען.

— זײ וועלען גאָר ניט געהן — האָט זיך דער ברײַטבײַניגער געהיצט — און אויב יאָ, גיעב איך מײַן וואָרט, ווי כ׳בין א ציגײַנער, אַז בלוט וועט זיך דאָרט גיסען !

— האַ־האַ־האַ ! — האָט זיך דער יונג פֿערגאַנגען.

— זאָל מיך שוין א דונער טרעפען צי כ'זאָג א ליגען — האָט דער ברייטביייניגער זיך געקלאַפּט אין דער ברוסט.

— אודאי זאָגסטו א ליגען!

— זאָג איך!

— דאָס טענה איך דאָך!

אַלע האָבען זיך צולאַכט.

— און דו — האָט דער ברייטביייניגער פערקוועטשט די פויסטען און זיך געוואָלט וואַרפען אויפ'ן יונג — דו ביזט א ים־חזיר!

— ווער איז א ים־חזיר?

— דו!

— און קוק איהם נאָר אָן, דעם פאַרשוין, א פּנים האָט עס ווי מען וואָלט א קאַץ אויפ'ן עק געקוועטשט. עה, ברודער, ביזט א האַלצענער פּיסטאַלעט!

— הא, הא, הא! — האָבען די ציגיינער געפּלאַצט פון געלעכטער. — ווער איז דיינס א ברודער, ווער? — האָט זיך דער ברייט־ביייניגער גע־היצט — צוזאַמען ביי איין ווייב געוועזן?

— אָבגעשלאָגען און א סוף! וואָס שטעהט איהר, וואָס, ווי צוויי העהנער? — האָט אן עלטערער זיך אריינגעמישט.

אַפּעלאַ האָט זיך נישט איינגעהערט. זי האָט פערזשמורעט די אויגען און געטראַכט וועגען די אונגארישע רעסטאָראַנען, וואו זי האָט מייְדעלוויז געטאַנצט, וועגען דעם רייכען „פּאַן", וואָס ער האָט זי נעכטען פאַרבעטען, וועגען די אויסגעוואָרפענע קאָרטען. דריי מאָל איז דער מלך שעל ארוים — א רייכער ברונעט מיט א קאַלט האַרץ. און דריי מאָל איז די מלכה שעל איהם אנטקעגען געקומען — א יונגע דאַמע מיט שוואַרצע ווי די נאַכט צעפּ, מיט א האַרץ פול ליעבע. און וואַרעמען וועט די דאַמע דאָס קאַלטע האַרץ, זיין א רגע גליקליך און וועט פערפרוירען ווערען. מעהר אָבער ווי דריי מאָל טהאָר מען דאָס אייגענע מזל נישט פּרו־בירען.

אַפּעלאַ האָט מאַראַלע'ן ליעב געהאַט. אמת, מאַראַלע איז שוין נישט

געווען קיין יונגער, פונדעסטוועגן אַז ער האָט זי ארומגענומען האָבען אַלע ביינער געקנאַקט און קיינער פון די יונגע ציגיינער האָט זיך צו איהם נישט געקאָנט גלייכען. דערצו האָט ער זי אָבגעקויפט, בעצאָהלט איהר פאָטער טויזענד זילבערנע טאַלער. מאָדנע, זייענדיג אין דער הײם האָט זי תמיד געחלום׳ט צו צושטעהן צו א באַנדע ציגיינער און לעבען מיט זיי אין די וועלדער. די ערשטע צייט איז זי טאַקע נישט איינגעזעסען אין דער פּאַלאַטקע; גאַנצע טעג געשפּאַצירט איבער די גרינע לאָנקעס, פער־קראָכען טיעף אין וואַלד אַריין, זיך מיטגעכאַפּט אָהן מאַנס וויסען אויף דער „שפּראַבּאַרקע". נאַכט איין, נאַכט אויס האָט מען גרויסע פייערן צולעגט, די סטרונעס זיינען פון צופיעל שפּיעלען געפּלאַצט און זי האָט מיעד געמאַכט די בעסטע טענצער. איצט איז איהר אַלץ דערעסען. די פּאַלאַטקע, דער וואַלד, דאָס פרייע ציגיינער לעבען — אַלץ וואָס עס האָט איהר פריהער געצויגען איז איהר איצט דערוויעדער. און צומיינסטען האָבען איהר דערעסען די מחנות פליעגען, וואָס האָבען אָנגעפילט די פּאַלאַטקע מיט א זשומערייו און אַזוי געביסען אַז מען האָט זיי פון זיך בשום אופן נישט געקענט אָביאָגען. און אפשר גאָר געהן צום רייכען „פּאַן" אין וואַלד אריין? ער האָט דאָך זי פערבעטען? און וועמער ווייס? זי האָט דאָך אַזוי פיעל מעשיות געהערט, ווי פּרינצען פערליעבען זיך אין ציגאַנקעס, האַלטען זיי געפאַנגען אין שלעסער, אין טיעפע וועל־דער. יאָ, זי רופט גלייך די אַלטע קאַרלאַ, זיך לאָזען „וואָראַזשען" און אויב זי וועט זאָגען דאָסזעלבע געהט זי צום „פּאַן".

— גוט מאָרגען, שעהנע אַפּעלאַ! — האָט די אַלטע קאַרלאַ, א ציגאַנקע בלויז הויט און ביינער אויסגעזוונגען.

— גוט מאָרגען, קאַרלאַ, קום אַריין!

די אַלטע איז אַריין אין דער פּאַלאַטקע און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניהען:

— ווער האָט אוועקגערויבט דעם גלאַנץ פון דיין גאָלדען אויג, שעהנער מלאך מיינער! ווי שלעכט דו זעהסט אויס! וואָס איז דיר? זאָג דער אַלטער קאַרלאַ, זי וועט די שווערע משא אַראָפּנעהמען פון דיין

האַרץ! שעהם זיך נישט, קינד מיינס, די קאַרט וועט אַלץ אויסזאָגען!

די אַלטע האָט אַרויסגעשלעפּט פון בוזים אַן אַנגעשוואָלען פּעקעל קאַרטען און עס פונאַנדערגעוואָרפען אויף די קישענס:

— נו, אַצינד, מיין הערציל, לעג אַוועק אַ צעהנער אויף דער ערש־טער קאַרט, ס׳וועט זיין מזל׳דיג און די אַלטע קאַרלאַ וועט זאָגען דעם ריינעם אמת!

אַפּעלאַ האָט געשמייכעלט.

די אַלטע האָט צעוואָרפען די קאַרטען מיט איהרע ביינערנע קנאָכען, זיי אויסגעלעגט אין דער פאָרם פון אַ האַרץ, דריי מאָל אויסגעשפּיגען, געוויספּערט מיט די ליפּען, אויפגעהויבען אַ קאַרט און גערעדט מיט אַ שטיל, אויסטערליש קול, ווי אַ מת:

— מלך שעל — אַ ברונעט מיט אַ געדרעהטע וואָנס האָט אוועק־גערויבט דיין רוה, נור לאָז דיין גאָלדען אויג נישט וויינען, שעהנע אַפּעלאַ! ס׳איז דיר בעשערט אין דער צוקונפט אַ גרויס גליק, מייד אויס די טריט פון דעם ברונעט וואָס געהט דיר נאָך. מעהר האָט די קאַרט נישט וואָס צו זאָגען, אוצר מיינער!

אַפּעלאַ האָט אַרומגעכאַפּט די אַלטע:

— מיין גוטע קאַרלאַ, זאָג וואָס וואָלסט דו געטהאָן?

—כי־כי־כי — איז זיך די אַלטע פערגאַנגען ווי אַ פויגעל — ס׳אַרא קינד, דו ביזט, אַפּעלאַ! וואָס פאַר אַ משוגע׳נער וועט זיך נאָכ־שלעפּען נאָך אַן אַלטען בעזים, אַז עס בליהען אַזעלכע שעהנע רויזען ווי דו! דו מיינסט אודאי ווען כ׳בין יונג געוועזן? פּ־עג נישט! געוועזן ווילד, ווילד ווי אַ פויגעל! איבערגעשטיגען אייך אַלע! און ווער מיינס־טו איז די בעסטע טענצערקע געוועזן אין די לאַמניער וועלדער? דאָס ווייסען די אַלטע ציגיינער! און ווער האָט געהאַט צעפּ ביז איבער די קניהען? און ווער האָט די ציגיינער די קעפּ פערדרעהט? אַלץ איך! קאַרלאַ! דערבאַר בין איך דאָך יונג געוועזן, קינד מיינס, געטהאָן וואָס ס׳האַרץ האָט געגלוסט! עה, אַוועק די אַלטע צייטען! — האָט קאַרלאַ

געענדיגט מיט א זיפץ, צונויפגענומען די קאָרטען און זיך ארויסגע־שאַרט.

אַפּעלאַ איז געבליבען ליגען אויף די קישענס אַן אונצופּריעדענע. די געשרייען פון די ציגיינער וואָס זיינען געווען צעוואָרפען ארום דער פּאַ־לאַטקע זיינען איהר נמאס געוואָרען. פון פערדרוס האָט זי געכאַפּט א פולע האנד פליעגען, זיי א שליידער געטהאָן אין א קובעל וואסער, דורכ־גענומען די האָר מיט'ן צוויי שאַרפינגען שטילעט און ארוים פון דער פּאַלאַטקע.

## 3.

אַפּעלאַ איז געשפּרונגען איבער'ן וואלד מיט אַן אָבגעבראָכענע צווייג אין דער האנד.

א ליכט, געזאלצען ווינטעל האַט זיך מיט אמאַל אָבגעריסען פון דער ווייכסעל, גערעגט, מיטגעבראכט מיט זיך דעם שארפען ריח פון יאַ־לאָוויץ, פון פארטיגע פלאַמבירען.

בליאַש איז איהר אנטקעגען געקומען, זי אָנגענומען פאר ביידע הענד און אָפּגעשטעלט:

אפּעלאַ!

אפּעלאַ האָט איינגעצויגען איהרע ברעמען, ברייטער צועפּענט איה־רע שווארצע אויגען מיט די בלויע רייפען ארום, געקוקט א ווילע אויף בליאַש'ן, פּערדריסען דעם קאָפּ, ארויסגעלאָזט א ווילד און הארציג גע־לעכטער — האָט זיך דער וואלד דורכגעטרייסעלט, זיך צוברומט אין דער נאכט אריין, זיך צונויפגעגאָסען מיט'ן געלעכטער און אָבגעהילכט ווי א ווייטער, ווייטער ים.

בליאַש האָט פעסט געדריקט דער ציגאנקעס הענד, זי ארומגענומען און געשפּרייזט א שטומער, א גליקליכער.

א פּאַרעל איז אָנגעקומען. א יונגער ציגיינער מיט נאָך גאָר א יונגע ציגאנקע האָבען געטראָגען אַן עמער מיט פּוטער־מילך. בליאַש מיט אַפּע־לאַ'ן האָבען זיך בעהאַלטען אין א שמאָלע, פינסטערע, ווי א קעלער, סטעזשקע. דאָס פּאָרעל האָט זיך יעדע ווילע אָבגעשטעלט, אוועקגע־שטעלט דעם עמער מיט מילך און זיך געוואָרפען איינער דעם צווייטען אין די ארעמס.

אַפּעלאַ האָט זיך דערפיהלט פרישער, אינגער. גיך און בייגיג האָט זי ארומגעכאפּט בליאַשען, איהם א רגע דורכגעקבערט מיט איהרע אוי־

גען, צוגעלייגט איהרע פייערדיגע ליפּען צו זיין אויער:

— מיין פּאַן! מיין גאָלדענער פּאַן!

די לבנה האָט זיך ארויסגערוקט פון וואלד. א משופּע׳דיגער שטראהל איז אריין אין דער פינסטערער סטעזשקע, זיך אָנגעצויגען אַן די בוימער ווי א זילבערנע סטרונע פון א הארפע, זיי איבערגעשניטען, זיך אויף א רגע א גלייך אוים געטהאָן, דורכגעהאקט דעם וואלד אין צווייען און אפעלא האָט א ציטער געטהאָן. איהר האָט זיך געדאכט, אז דאָרט אין עק וואלד, שטעהט עמיצער, א הויכער, מאראלע, בויגט זיך אין דרייען, גלאָצט די אויגען און נעהמט צו איהר שפּרייזען. דער שטראהל איז פערשוואונדען, די סטעזשקע איז נאָך פינסטערער געוואָרען און נאָך שטארקער האָט זי בליאשען ארומגענומען. ער האָט געפּיהלט, ווי איהרע פייערדיגע קושען פער׳שכור׳ען איהם, געהערט א זיסען וויספּער, ווי מען וואלט איהם געגלעט מיט פּוך־פעדערען:

— מיין שעהנער פּאַן, ליעב מיך — — ביים שטארקער!

א שכור׳ער האָט בליאש זיך אויפגעשטעלט און געפּלאַפּעלט:

— מיין שעהנע ציגאַנקע, מיין ווייסע ציגאַנקע!

זיי זיינען געגאַנגען האנד אין האנד, געפּיהלט ווי זייערע פינגער פלעכטען זיך, ווערען שטייפער, קנאַקען.

און די לבנה, ווי א כשוף־מאכערין, האָט געבלענדט די אויגען, געהילט דעם פינסטערען וואלד אין זילבערנעם טיול, אָנגעיאָגט א שרעק, געוואָרפען שטיקער ליכט דאָ און דאָרט און די אָבגעהאקטע בוימער האָבען אוים געזעהן פון דער וייטענס ווי מענשען, פערד און בערען.

ביי דער ווערא[נ]דע איז דער לעשניק זיי אנטקעגען געקומען. ער האָט געצויגען ביז צו די קניהען דעם היטעל, א געבויגענער געבליבען שטעהן, לאַנג נאָכגעקוקט דעם פּאַן מיט דער ציגאַנקע, זיך דערמאָהנט אז ער האַלט דאָס היטעל, האָט ער פון פערדרוס אויסגעשפּיגען, זיך גלייך אָבגע׳צלם׳ט און מיט א קרעכץ זיך אראָבגעלאָזט אויפ׳ן טרעפּעל.

זיי זיינען אריין אין שטוב. אַפּעלא האָט ניט געלאָזט אָנצינדען קיין ליכט. זי האָט פערבויגען די גאַרדינען פון די פענסטער און די שטוב איז

אָבגעגעאָסען געוואָרען מיט א מאַטען לבנה־שיין. א נייגעריגע איז אָפּעלא
ארומגעגאַנגען איבער'ן זאַל, בעקוקט דאָס מעביל, די פּליושענע דיוואַנען,
די בילדער אויף די ווענד.

זי האָט ארויסגענומען א גרויסען בוקעט מיט רויזען, וואָס איז גע־
שטאַנען אין א וואַזע, שטיפעריש גענומען רייסען די סאַמעטענע לעפּלעך
פון די בלומען און זיי געוואָרפען אויפ'ן פּליושענעם דיוואַן, אויף בליא־
שען. זי איז געוואָרען אַלץ ווילדער, צושאָטען דעם בוקעט, ארויסגעכאַפּט
פון די האָהר דעם בלאַנקענדען שטילעט, איהם שנעל גענומען וואַרפען,
אַז עס האָט זיך אויסגעדרוכט, זי וואַרפט עטליכע מיט אמאָל. דאָס צוויי־
שאַרפיגע מעסער איז געפלויגען דורך איהר פוס, פערביי דער פּלייצע
און זי, א צופּאַטעלטע, א ווילדע, האָט זיך געטראָגען נאָכ'ן מעסער, עס
יעדעס מאָל געכאַפּט, געלאָזט פאַלען, ווידער געשליידערט און עס גע־
לאָזט שטעקען ווי א פייל אין דער פּאַדלאָגע.

זי האָט זיך צולאַכט, זיך מיט אמאָל צוגעזעצט, אוועקגעלעגט איין
פוס אויף דער פּליושענער אָטאָמאַנע און זיך שעלמיש געפרעגט:

— דער פּאַן איז ברוגז ?

— וואָס פעלט דיר איין !

— טאָ טהו מיר אויס דעם שוך, ער דריקט — — —

בליאַש האָט גענומען דעם לינקען שוך, אַנגעשפּאַרט אויף זיין
קניה, גענומען אויפקנעפּלען — האָט ער דערפיהלט, ווי זי נעהמט איהם
ארום, ווי זי רייבט איהרע ווייכע, ווי דער פּוך אונטער א פויגעל'ס העל־
זיל, באַקען אָן זיינע עטוואָס שטעכיגע, בעוואַקסענע, און בשעת מעשה
האָט אַלץ אין איהם זיך גענומען הויבען, שלאָגען אין מח אריין. ער האָט
זי געכאַפּט אויף דער שויס, געפיהלט ווי איהרע שפּיצע פינגער ריהרען
לייכט אָן זיין ברוסט, קיצלען, ברענען און ער האָט זי גענומען אויסטהאָן.
און דאָס האָט געדויערט אזוי לאַנג, אזוי לאַנג, אזוי מורא'דיג לאַנג ! ער
האָט זי געהאַלטען אין איין אויסטהאָן און געפיהלט בשעת מעשה ווי עס
פּלאַצען אין איהם אָן אָדער נאָך אָן אָדע. ווי ער קאַרטשעט זיך אין דריי־
ען, ווי דאָס בלוט לויפט האַסטיג אין מח אריין, ברענט און דער פּליך־

שענער דיוואן איז אויסגעבעט מיט רויטע ראָזען. א לייכט ווינטעל האָט זיך אריינגעריסען דורכ'ן אָפענעם פענסטער, אויפגעהויבען עטליכע סאַמעטענע ראָזען־לעפּלעך, זיך געטראָגען פון א ראָז צו א ראָז, פון א ראָז צו א ראָז און דורכפליהענדיג איבערגעלאָזט דעם שמייכעל פון ראָזען.

— ביזט בייז, אַפעלא?

אַפעלא האָט עטוואס אויפגעהויבען דעם קאָפּ מיט די צופּאטעלטע האָר, פערשארצט די אויבערשטע דינע ליפּ און פון די ווייסע צייהן, ווי ווייסער קעז, האָט זיך א שמייכעל צוגאָסען איבער איהר פנים.

אזוי איז זי געבליבען ליגען א וויילע אויפ'ן פּליושענעם דיוואן. פון די גארדינען איז איהר א שטראהל א פאל אריין געטהאָן אין פנים, זיך אבגעשלאָגען, אויסגעשניטען דורכ'ן גאנצען זאל א לבנה־וועגיל — האָט זי דערזעהן ווי א טיולען געשטאלט קוקט אין פענסטער. זי האָט א ציטער געטהאָן, פון שרעק פערמאכט די אויגען און זיך פעסטער געטוליעט צו בליאשען.

— אַפעלא, זייַ ניט בייז — — ביזט בייז, אַפעלא?

אַפעלא האָט זיך ווילד צולאכט:

— מענש, פארוואָס זאָל איך בייז זיין? היינט איז דיין נאכט, די קאָרט האָט דיך אויסגעקליבען! און קעגען מזל געהט קיינער!

— און די קאָרט האָט טאקע געטראָפען? — האָט זי בליאש א ניי־געריגער געפרעגט.

— אודאי געטראָפען! — האָט אַפעלא קינדיש געענטפערט.

זי האָט צונויפגעלעגט איהרע קליינע הענטלאך אין רעהרען, איין זייט צוגעשטעלט זיך צו די אויגען, די צווייטע — בליאשען און אזוי פער'עקשנ'ט, ביז משוגעת, זיך איינגעגעסען אין בליאש'ס קוק, אז ער האָט דערפיהלט א ווארעם פרעסטיל.

— ניט קוק אזוי! — האָט בליאש זיך געבעטען, אוועקגענומען איהרע הענד און איהר פערמאכט די אויגען.

— עה, דער פאן האָט מסתמא קיין ריינעם געוויסען ניט, אז ער קען מיר גלייך אין די אויגען ניט קוקען.

בליאַש האָט געשמייכעלט, געקושט איהרע קליינע הענד:

— מיין שעהנע ציגאַנקע, כ'שעהם זיך! זעהסט, ניט בחנם ליעבען זיך מענשען ביי נאַכט, אין דער פינסטער. דאָס האָט מסתמא גאָט אַליין אויסגעקליבען די נאַכט פאַר ליעבע.

— מענש, וואָס דו רעדסט — האָט אַפּעלאַ געצויגען די ווערטער— וואָס ווייסט איהר פון ליעבע? ליעבען קענען מיר! מענשען דאַרפען זיך ניט ליעבען ביי נאַכט ווי קעץ! ליעבען דאַרף מען זיך אונטער דער צופלאַמטער זון אין וועלדער, אין פעלדער! דער „פּאַן" וועט לאַכען, ווען כ'בין אַלט געווען צוועלף יאָהר, האָב איך שוין געהאַט צוויי געליעבטע. ברידער זיינען זיי געווען, ציגײַנער. ביי טאָג האָבען זיי געשפּיעלט אין די גאַסען און ביי נאַכט האָבען זיי זיך אַריינגעזעצט אין די פענסטער און געפּייפט ווי קאַנאַרקעס. דער עלטערער, מיט די וואָנסען, איז מיר געפעלען, האָב איך זיך אוועקגעשטעלט אונטער זיין פענסטער מיט אַ רויטען עפּעל אין מויל. ביידע ברידער האָבען צו מיר געלאַכט, צושפּרייט די הענד און מיר איז געפעלען דער עלטערער, באַרעק האָט ער געהייסען, האָב איך איהם געוואָרפען דעם עפּעל. פון דעמאָלט אָן האָב איך אָנגעהויבען צו קומען צו איהם יעדען טאָג, געוואָלט זיין זיינע, האָט ער געלאַכט, מיר געהייסען וואַרטען ביז צו דער חתונה. ער האָט געוואָלט האָבען אַ ריינע, אַן אונשולדיגע האָט מיך דערפאַר דער יונגערער געקראָגען.

אַפּעלאַ איז אנטשוויגען געוואָרען.

— דערצעהל ווייטער, אַפּעלאַ — האָט זיך בליאַש געבעטען.

— כ'בין נאָך דעמאָלט — האָט אַפּעלאַ ווידער אָנגעהויבען — אַזאַ נאַרעלע געווען, געגלויבט דער מאַמען — — ווייסט, מיין מאַמע פלעגט מיר זאָגען, אַז אַ יונג דריקט שטאַרק אַ מיידעל אַ האַנד, האָט זי אַ קינד— האָב איך יעדע נאַכט זיך אַזוי געשראָקען — פון יונגערן האָב איך ניט געוואָלט האָבען קיין קינד, כ'האָב איהם די ערשטע צייט ניט ליעב געהאַט, ער האָט געהאַט די פאַליגע. און דער עלטערער, באַרעק, האָט געהאַט אַן אָבגעהאַקט אויער, האָב איך זיך געשעמט, מען וועט לאַכען —

ניט געוואָלט האָבען א קינד מיט אן אָבגעהאקט אויער!

— און שפּעטער האָסטו דעם יונגען ליעב געהאַט? — האָט בליאש געפרעגט.

— אודאי — האָט אַפעלא געשמייכעלט.

זי האָט עטוואָס צועפענט איהרע פרישע ליפּען, שטאָלץ אויפגעהויבען דעם צופאטעלטען קאָפּ מיט'ן קליינעם שטערען און א האלב אויסגע־טאָנענע, איז זי ווי ארויסגעוואקסען פון דער ערד, פון די רויזען.

איבער'ן לבנה־וועגעל האָט זיך דורכגעשלייכט א געשטאלט, זיך פער־קוקט אין פענסטער, האָט אַפעלא פערמאכט די אויגען און א ציטער גע־טהאָן.

4.

די ציגײַנער האָבען זיך געהיצט — די ציגאַנקעס זײַנען אװעק צו די קופּערשמידען אויפ'ן טאַנץ.

מאַראַלע איז געזעסען אַן אונרוהיגער, געקוקט אויפ'ן װעג װאָס פיהרט צום װאַלד צו און כאָטש ער איז געװען זיכער אז אפעלאַ איז אויך דאָרט, האָט ער פונדעסטװעגען זי אויסגעקוקט און נישט אײנמאָל האָט איהם דער אטהעם פערכאַפּט װען עפּעס א געשטאַלט האָט דורכגע־שלײַכט דעם װעג.

מיר װעלען נישט דערלאָזען! — האָבען זיך עטליכע מיט אמאָל צו־שריען.

— געװוים נישט! — האָבען אנדערע אונטערגעכאַפּט.

— א דונער מעג זײ דערשלאָגען, די יחסנים! זײ װעלען זײערע מוידען נישט שיקען צו אונז!

— מיר האָבען דאָך אונזערע אויך נישט געשיקט! — האָט זיך אַ אַלטער געװויצעלט.

— זײ זײַנען אלײן געגאַנגען!

— טו װאָס קאָכסטו זיך?

— א װײַב און א קוה טאָר מען נישט גלויבען — האָט דער בלינ־דער צעמבאַל זיך אַרײַנגעמישט — די בעסטע קוה גיט מילך, גיט מילך, מיט אמאָל צובריקעט זי זיך, גיסט אויס די מילך און איז מכבד מיט דער קאָפּיטע אויך.

די ציגײַנער האָבען געלאַכט.

מאַראַלע איז געזעסען אַן אנגעכמורעטער און אויסגעפּײַפט עפּעס דורך די פערמאַכטע צײן. ער האָט דערזעהן פון צװײטען זײט װאַלד

א פּלאַם. דער פּלאַם איז געוואָרען גרעסער, קלענער, פערשוואונדען און באַלד צוריק זיך פערצויגען. דאָס האָבען די קופּער־שמידען געטאַנצט.

איהם האָט פערדראָסען אויף זיך אַליין, וואָס ער זיצט דאָ אין געהאַקטע צרות, קוקט אויס אַפּעלאַ'ן און זי טאַנצט דאָרט מסתמא מיט גאַראַלע'ן, דעם סטאַראָסטאַ.

— צעמבאַל איז גערעכט, א ווייב טהאָר מען נישט גלויבען — זיי זיינען אַלע אַזוי! — האָט מאַראַלע געטראַכט און געפּיהלט ווי די נכפה עסט איהם.

ער האָט געביסען זיין לאַנגע וואָנסע און מיט מעהר עקשנות און בייזקייט זיך איינגעקוקט אין פערצויגענעם, ווי א זון אונטערגאַנג, פּלאַם.

און די נאַכט איז געווען א לבנה'דיגע, א דורכזיכטיגע — האָבען זיך לאַנגע שאָטענס ווי סנאָפּעס געלעגט איבער די פעלדער — פון די שאָטענס האָבען זיך ארויסגעשניטען מחנות סילועטען, ווי שדים, און זיך געטראָגען אין א ווילדען טאַנץ. מיט אמאָל איז אַלץ צושוואומען און ס'איז פינסטער געוואָרען. מאַראַלע האָט ברייטער צועפענט זיינע אויגען און איהם האָט זיך גערדאַכט אז אַלע האָבען אָפּגעטאַנצט, צוגעהען זיך און אַפּעלאַ א מיעדע געהט מיט גאַראַלע'ן אין דער פּאַלאַטקע, ווארפט זיך אין די קישענס און פּראָוועט מסתמא די זעלבע שטיק. ער איז געווען זיכער אז אַפּעלאַ ליעבט איהם נישט, ער איז צו אַלט און גאַראַלע איז יונג און רייך — געפעלט ער טאָקע יעדער מויד.

פון כעס האָט זיך זיין האַרץ געקאָרטשעט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, צושפּרייט די פיס, זיך איבערגעצויגען, אויסגעשפּיגען א קללה אין דער נאַכט אריין און א געשריי געטהאָן:

— קומט!

ציגיינער מיט שטעקענס אין די הענד זיינען גלייך אויפגעשפּרונגען און זיך צוגעדערט.

— מיר וועלען זיי צוברעכען די זייטען, וועלען מיר! — האָט זיך איינער אָנגערופען.

— וועלען זיי וויסען, ווי צו פערנאַרען פרעמדע מוידען. — האָט א צווייטער פאַרענדיגט.

— פארגעסט נור נישט אהיים צו קומען! — האָט זיך אן אלטער געוויצעלט.

די ציגיינער, בראַנזענע, מיט שווארצע קוטשמעס האָר, האָבען זיך מיט א טומעל צושאָטען איבער'ן זאמדיגען וועג.

מאַראלע האָט געשפּרייזט דעם קאָפּ אראָפּגעלאָזט, געקוקט אויף זיין אייגענעם שאָטען און זיך פערגעסען וואוהין ער געהט. און וואָס העכער ער האָט געהויבען א פוס, געוואָלט אריין דעם שאָטען אין דער מיט, האָט דער שאָטען געהויבען נאָך א העכערען פוס און זיך ארויסגעגליטשט. מאַראלע האָט א שפרונג געטהאָן, ווי א אינגעל, געוואָלט איבערשפּרייזען דעם שאָטען, האָט דער שאָטען א העכערען שפרונג געטהאָן און מיט אמאָל פערשוואונדען. עמיצער האָט זיך צולאכט. מאַראלע האָט זיך פער־שעהמט, געפּיהלט אז ער איז אויסגעשפּילט, אז זיין אייגען ווייב איז איהם ניט טריי, אז די ציגיינער לאכען אין די פויסטען און ער האָט אלעמען פיינד געקריגען.

אויפ'ן פעלד נעבען א קליין פייערל איז געזעסען א פּאָרעל. מאַראלע האָט דערפיהלט ווי עס רייסט זיך ביי איהם עפּעס אָפּ, ווערט הויל און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. די ציגיינער האָבען ארומגערינגעלט דאָס פּאָרעל— א קופער־שמיעד איז געזעסען מיט דער געשטופּעלטער ראָמאַ.

ראָמאנסיר ווייטער, די חזיר'שער עק! — האָט מאַראלע אויס־געשאָסען כמעט לויפענדיג און עס האָט אויסגעוויזען אז ער קלויבט זיך אריבערשפּרינגען דעם ציגיינער.

ער האָט ארויסגעשלעפּט פון פייער א ברענעדיגע שטיק האָלץ, עס צוגעשטעלט צום פּאָרעל און זיך איינגעקוקט:

— אהא, דו ביזט עס, ראָמא? דיר האָט זיך פערוואָלט א קופער שמיעד! נו, זאָג, שמעקט בעסער ווי א ציגיינער? — — פּאסקודא!

ער האָט זי אָנגעכאַפּט פאר'ן צאָפּ, איהם ארומגעוויקעלט, ווי א שטריק, ארום זיין האנד און זי א שלעפּ געטהאָן צו זיך:

— „כלאפצי“, טהוט אוים ראמע'ן א נאקעטע, גיכער, און פיהרט זי מיט א „קאצען־מוזיק“ אהיים, וועט זי וויסען, וואס הייסט אוועקגעהן ביי נאכט פון אן „אייגען פייער“.

דער קופער שמיעד איז אויפגעשפרונגען, געקוקט ווי א צושראקענע חיה אין אלע זייטען, געוואלט עפעס זאגען, האט איהם מאראלע א פלאם געטהאן אין לינקען אויער, פערגאסען די אויגען מיט טרעהרען. דער ציגיינער האט א צופינטעלטער א דרעה געטהאן מיט'ן בלויזען קאפ, געוואלט וויסען פון וואנען דער קלאפ איז געקומען, איז איהם מיט אמאל ליכטיג געווארען אין די אויגען און ער איז געפאלען.

באלד, נאכ'ן ערשטען קלאפ האט מאראלע דערפיהלט ווי אלץ וואס עס האט זיך אין איהם געהויבען, געשפארט אין האלז אריין, פלאצט, רייסט זיך ארויס — האט ער אבגעלאזט הענד און פיס און געשלאגען אהן רחמנות.

— בעסער! — האבען די ציגיינער פערגאפטע אונטערגעכאפט.

דער קופער־שמיעד איז געפאלען, געדעוועט, זיך אויפגעשטעלט און ווידער געפאלען.

מאראלע איז געשטאנען א צופלאמטער, די הענד אין די קעשענעס און געסאפעט:

— וועסט ראמאנסירען, דו קוימען־קעהרער! וועסט ראמאנסירען!

— קוק בעסער דיין ווייב זאל ניט ראמאנסירען! — האט דער קופער־שמיעד געהעשעט.

— שווייג, בארנדינער*) מיט די גלאקען! — האט מאראלע א טופע געטהאן מיט דעם פוס.

פון'ם ארדען בערנארדי.

דער קופער־שמיעד האט זיך א וויש געטהאן מיט דער האנד איבער'ן פנים און עס אויסגעשמירט מיט בלוט. ער האט געקוקט דא אויף די פערבלוטיגטע הענד, דא אויף מאראלע'ן, ווי פערגעסען אן די קלעפ,

*) ציגיינער קופער־שמיעדען טהוען אן זייערע בכורים אין די קליידער פון'ם ארדען בערנארדי.

געטהאָן א ליידענשאַפטליכען צוג מיט די ליפּען, זיך נקמה'דיג צושמייכעלט מיט איין אויג און דורכגעזייט דורך די פערקוועטשטע ציין:

— שלאָג בעסער דעם „פּאָן“! ער ראָמאַנסירט אין וואלד מיט דיין ווייב.

מאַראַלע איז בלאַס געוואָרען, פון כעס ארייגעכאַפּט איין וואָנסע אין מויל אריין:

— לאָז דיר דיין קאָפּ ניט דאַרען! מאַרש, יאַלאָוועך, קיין פּיפּס מעהר, כ'וועל דיך דער'הרג'ענען ווי א הונד!

דער קופּער־שמיעד איז אָפּגעגאנגען א פּופציג טריט ווי א שיכור, זיך מיט אמאָל אָבגעשטעלט, זיך אויסגעדרעהט, געגראָזשעט מיט א פינגער:

— ווארט, „פּסו־בראט“, כ'וועל זיך אָברעכענען מיט דיר!

— און מיט דיר האָט מען זיך שוין אָבגערעכענט! — האָט א ציגיינער איהם נאָכגעשריען.

אלע האָבען געלאכט.

מיט א פּאטשעריי, מיט א פייפעריי האָבען די ציגיינער געפיהרט ראָמע'ן, א נאַקעטע, אין דרייען א געבויגענע. ראָמא האָט פערשטיקט, ווי פון א פאַס ארויס, געוויינט און עס האָט זיך געראכט, אז אָט, אָט, פאלט זי איבער די פיס.

און וואס העכער די ציגיינער האָבען געזונגען, געוואָלט איבערשרייען ראָמע'ס געוויין, אלץ שאַרפער און דורכדרינגענדער האָט זי געקלאָגט אין דער נאַכט אריין, געוואַיעט ווי א הונגעריגע סאָווע. האָבען זיך סאָווע'ס מיט פלאַטשיגע, ווי טראָגעדיגע קעץ, פּנים'ער צוזאַמערט דאָ און דאָרט, אָנגעיאָגט א מאָדנעם שרעק.

— פּשא יוכא, נישט אנדערש ווי א סאָווא זיצט אין איהר! — האָט מאַראַלע צו זיך גערעדט.

א דערשלאָגענער איז ער געגאנגען צו דער ווערענדע. ער האָט זיך עטליכע מאָל פערקליבען עפּעס צו טראַכטען, איז אָבער אלץ מיט אמאָל ארויסגעפלויגען פון זיין מח, ווי מען וואָלט מיט א בעזים אויסגעקערט. עס איז

איהם מיט אמאָל פינסטער געוואָרען אין די אויגען און ער האָט זיך אָבגע־שטעלט.

אָפּעלאָ מיט א רויז אין די שווארצע האר איז איהם אנטקעגען גע־קומען.

— פון וואנען שלעפּסטו זיך ? — האָט מאַראַלע זי בייז געפרעגט.

אָפּעלאָ האָט זיך ניט געמאכט הערען און געגאנגען ווייטער.

מיט אויסגעגלאָצטע אויגען, מיט אן אָפּען מויל, איז מאַראַלע צו צו זיין ווייב, צוגעשטעקט זיין פויסט צו איהר נאָז און א רעווע געטהאָן:

— דו וועסט זיך דאָס ארומשלעפּען, דו ? ! נבלה !

אָפּעלאָ האָט איהם איבער א מינוט ווילד אָנגעקוקט, געצישעט מיט איהרע ציין ווי א שלאַנג :

— וואָס טהוט דיר וועה ? לאָז דורך !

מאַראַלע איז ווילד געוואָרען, געוואָרפען דאָס היטעל אן דר'ערד, זיך געקלאָפּט מיט די פויסטען אין הארץ אריין :

— זאָל מיך א דונער דערשלאָגען, צו דיין ליובאָווניק וועט נאָך היינט די ערד ניט קיהלען ! מעג ער זיין א „פּאַן", אפילו א גובערנאטאר! איך בין מאַראַלע, בין איך ! און מאַראַלע וועט ניט לאָזען זיין אייגענעם טאטע, אפילו דעם טייפעל אליין אויך ניט קריכען אין זיין פאלאטקע ! זאג, וואו ביזט דו געווען ? — און ער האָט זי א טרייסעל געטהאָן.

— שלאָג ! — האָט זי שטאָלץ געזאָגט און ארויסגענומען פון די האָר דעם צוויי־שארפיגען שטילעט.

זיי האָבען זיך אָנגעקוקט, דורכגעשטאָכען איינער דעם צווייטען מיט די בליקען און זיך עטוואָס אָבגערוקט.

פון די ווייכסעל איז געקומען אָנצולויפען א שארף ווינטעל, מיטגע־בראכט עטליכע הויפענס בלעטער און פערשוואונדען מיט א פייף.

מאַראַלע איז געשטאַנען אָהן א היטעל, געפיהלט ווי דאָס הארץ פּלאצט פון וועהטאָג; חשק געהאט צו צורייסען אָפּעלאָ'ן און געקוקט ווי איהר סילועט פערשווינדט ביסלעכווייס, פערליערט זיך צווישען די סנאָ־

פּעם שטאָטענס, וואָס טראָגען זיך ווי שדים איבער׳ן זאמדיגען וועג. אין וואַלד האָט געוויינט א סאָווע. מאַראַלע האָט זיך אָבגעטרייסעלט, ארייג־געמאכט די הענד אין די הויזען־קעשענעס און א צובראָכענער, א צור־וועהטאָגטער האָט ער זיך געשארט ווי א שאָטען פון דער לאָנקע אויפ׳ן זאמדיגען וועג, פון זאמדיגען וועג אויף דער לאָנקע.

# שאָטנס



## Eci G.

צווישען דעם שטאָדטישען טייך און א גרויסען פערוואקסענעם סאָד איז געשטאַנען אן אלטער צוויי טהורעמדיגער ש ל אָ ס מיט אָבגע־האקטע שפּיצען, ווי א חורבה. דער שלאָס איז געווען ארומגערינגעלט מיט א הויכען פּאַרקען פון אכט־עקיגע שטיינער, בעדעקט פון אלטקייט מיט מאָך, שוואָמען און בוימער.

אין שלאָס האָט געוואוינט דער הראביע יעלענסקי — א גוי אָהן א גאָל, וואס האָט מיט יאָהרען צוריק אויסגעבויט די שוהל, תמיד בעזאָרגט די שטאָדט־אָרעמעלייט מיט האָלץ און קאַרטאָפּעל און די טויערען פון זיין שלאָס זיינען פאַר יעדען געווען אָפען.

האָט מען די שווערע אייזערנע טויערען מיט אמאָל פערריגעלט און צוצוקומען צום שלאָס איז געוואָרען אונמעגליך — א מרה־שחורה ביז צו משוגעת האָט זיך פערקליבען אין פּאַלאַץ אריין.

די פאַמיליע יעלענסקי, אוראייניקלעך פון פראנק׳ען העם משיח, איז בעשטאַנען פון אלטען גראף, זיין פרוי, דעם זוהן מאטעאוש און דער טאָכטער עטשע. די פראנקיסטען האָבען זיך משדך געווען נור צווישען זיך — איז פון יאָהר צו יאָהר דער קרייז ענגער געוואָרען און די שדוכים האָט מען נאָך געשלאָסען אין די וויעגען. און ארויסגעוואַקסען איז א דור פון בלאַסע נאכט־וואַנדלער מיט טיעפע שטערען־ווינקלען, וואו משוגעת און אייזערנער מוח זיינען געגאַנגען האנד אין האנד.

עטשע׳ס חתן איז דערטרונקען געוואָרען. איז זי — א בלייך, בויגיג מיידעל אין גרויען, ווי א שאָטען, מיט שווארצע אומעדיגע אויגען, דינע פּיס און א לענגליך פּנים, ווי א היילינע — פערזעסען.

און געטרויערט האָט עטשע׳ס מיידעלשעם הארץ, שטאַרק געטרוי־ערט, זיך געשאַרט ווי א שאָטען איבער׳ן שלאָס און געמאָהלט אויף גרויסע שטיקער לייוועגט וואסערדיגע געשטאַלטען. און אז דאָס איז איהר

אויף דערעסען, האָט זי זיך פערקליבען אין איהר גרויסען צימער מיט די העל־גרינע טאָפּעטען פון סאמעט, געלעגען גאנצע טעג אויף דער אלטער, ווייכער אָטאָמאַנע, איינגעאָטהעמט דעם קיהנעגען ריח פון די שווערע, ערטערווייז צושפּאָלטענע שטיקער מעבעל, געקוקט אויף די הויכע, שמאָלע, ווי אין א גאָטישען קלויסטער, פענסטער און מיט א ציטער געוואָרט, ווי מען וואָרט אויף א געליעבטען, דער אָווענד זאָל קומען.

די שווארצע זיידענע האָר, דינער ווי שפּינוועבס, האָט זי צופּאַטעלט, ברייט צועפענט די אויגען, זיך איינגעקוקט ווי די לאַנגע שאָטענס האָבען זיך לאַנגזאַם דורכגעזייט דורך די מאַטע שויבען און זיך צוליייגט איבער די העלע סאמעטענע ווענד. און אז די שאָטענס האָבען געהילט די ווענד, זיך געלעגט סנאָפּען־ווייז איינער אויפ'ן צווייטען, ווי א שטיק אָבגעבראָכענע טרעפּ, זיך צונויפגעגאָסען מיט דער שווארצער פּוטרירטער פּאַרלאַגע — האָט זיך עטשע עטוואָס אויפגעהויבען פון דער אָטאָמאַנע, זיך געטוליעט אין גרויע זיידענע שאַלען, דורכגעוואָרפען מיט זילבערנע פּעדים, און איהרע לאַנגע, בויגיגע שאַלען, דורכגעוואָרפען מיט זילבערנע פּעדים, און איהרע לאַנגע, בויגיגע פינגער, וואָס האָבען ארויסגעקוקט פון גרויע, ברייט־געפּאָלדעוועטע ארבעל — האָבען מיט אמאָל געמאַכט עטליכע בעוועגונגען אין דער לופט, ווי זי וואָלט גענומען עטליכע אקאָרדען, און אויף דער וואַנד האָבען זיך בעוויעזען בלומען און פייגעל.

איהר ווייסער האַלז האָט זיך געצויגען, געבויגען — האָט זיך דער האַלז אויף דער וואַנד מעהר געצויגען און אינגאַנצען האָט זי אויסגעזעהן ווי א שפּיציגער, גאָטישער האַלב־געוועלב.

עטשע האָט א דרעה געטהאָן מיט דער רעכטער האַנד — און א בויגיג אינגעל מיט א שמאָל, לאַנג פּנים האָט זיך לייכט בעוואויגען אויפ'ן סאמעט; זי האָט א דרעה געטהאָן מיט דער לינקער האַנד — און א בויגיג מיידעל מיט נאָך א לענגערען און שמעלערען פּנים איז דעם אינגעל אנטקעגען געקומען. און דאָס אינגעל איז געגאַנגען צום מיידעל, און דאָס מיידעל איז געגאַנגען צום אינגעל, און געדרעהט און געבויגען האָט זיך דאָס מיידעל, געריפען דעם אינגעל מיט די פּיס, מיט'ן קאָפּ, מיט'ן גאַנצען מיידעל־

שען לייב, און דאָס בויגיגע אינגעל האָט זיך געקאָרטשעט, געדרעהט, גע־פּאַלען אויפ׳ן פּנים, זיך געריסען צום מיידעל, געוואָרען דינער און דינער און זיך צונויפגעגאָסען מיט די שאָטענס, מיט דער פּוטרירטער פּאַדלאָגע.

טונקעלער איז געוואָרען אין צימער. און פון די שווערע, געפאַלדע־ווטע פּאָרטיערען, פון די אַלטע אָבגעשאָסענע גאָבעלענען, פון די טיעפע, איינגערעהמטע פּאָרטרעטען, האָבען זיך גענומען טראָגען וואַסערדיגע געשטאַלטען. און אין די ווינקלען האָט זיך עפּעס געשאַרט, טעמפּ גע־קלימפּערט, ווי אַ טאַנץ פון סקעלעטען. און אַ פערשטיקט געוויין, ווי דאָס געוויין פון אַ קליין קינד, ווען עס כאַפּט זיך אויף אין אַ פינסטע־רער נאַכט, ס׳פערדרייסט די דיקע פּיסלעך, ס׳פערדרייסט די דיקע הענט־לעך, פערגעהט זיך, זוכט די מאַמע, ציִ ווי דאָס געוויין פון פערליעבטע קעץ, האָט אָנגעיאָגט אין טונקעלען צימער אַ שרעק.

עטשע׳ן איז געוואָרען היימליכער, איז זי אַראָבגעשפּרונגען פון דער אָטאָמאַנע, געוואָלט אָנטקעגען־געהן די בעקאַנטע געשטאַלטען, האָט זי מיט אַמאָל אַ צאַפּעל געטהאָן, ווי זי וואָלט זיך איבערגעשראָקען, געבלי־בען שטעהן אַ הויכע, עטוואָס אַ געבויגענע אין לויזע, גרויע קליידער, דורכגעוואָרפען מיט זילבערנע פעדים, אין ברייט געפאַלדעוועטע אַרבעל און זיך פערקוקט אויף אַן אַלטען פּיער־עקיגען גאָבעלען. און געדאַכט האָט זיך, אַז זי אַליין איז אַ שאָטען־געשטאַלט, וואָס איז נאָר־וואָס אַראָב פון דעם אָבגעבלאַקעוועטען גאָבעלען און ווערט באַלד צורינען צווי־שען די וואַסערדיגע סילועטען.

עטשע האָט געקוקט אויף דער „שכינה“ אַ ז ו אַ ט ש אַ.

די „שכינה“ — אַ בויגיגע, אַ יונגע, מיט אַ לענגליך צושטראָהלט פּנים, אַ האַלב־נאַקעטע, אַ האַלב־געשלייערטע אין דורכזיכטיגע, ווייסען טוניק, איז געזעסען אויף טיעף־האָריגע קאַוויאַרען, זיך געשפּיעלט מיט גרויסע שנורען פּערעל און געשמייכעלט.

אַרום איז געשטאַנען אַן עהרען־וואַך פון זעקס „הייליגע שוועסטער“, געהילט אין שוואַרצע, זיידענע פּלאַכטעס.

אידען מיט לאַנגע בערד, ווייבער מיט צולאָזטע האָר, בחורים מיט

געקרויזטע פּאות, מיידלעך מיט אַראָבגעלאָזטע צעפּ האָבן פּערוואָרפן האַנט אויף אַקסעל, זיך געשלאָסן אין אַ ראָד און, מיט האַלב פערזשמורע־טע אויגען, געטאַנצט אַרום דער „שכינה".

און וואָס מער די „שכינה" האָט זיך צושטראַהלט, אַלץ אונ־רוהיגער זיינען די „הייליגע שוועסטער" געוואָרען, זיך געשטעלט פון איין פוס אויף'ן צווייטען, פונאַנדערגעבלאָזען די שוואַרצע זיידענע פלאַכ־טעס, נערענט מיט די קליינע, ווייסע פיסלעך, מיט די רונדע, פוילע פּלייצעס.

און לעבעדיגער איז געוואָרען דער טאַנץ, און ראַשער האָבן זיך גע־הויבען די פיס, און שטאַרקער האָט מען פערקוועטשט די אויגען, דען צו קוקען אויף דער צושטראַהלטער „מטרינותא" איז פּונקט אַזוי, ווי צו קו־קען אויף דער צופלאַמטער זון.

און די „שכינה" האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר צושטראַהלט, געשיקט איהר השפּעה דורך די פייערדיגע „צנורות", געקושט — האָבן זיך פאַר־לעך אָבגעטיילט, זיך גע'צלם'ט — גאָט פון אברהם, פון יצחק, פון יעקב, עפען אונזערע אויגען — זיך געקושט, געפלאַכטען פון ליידענשאַפט און זיך געוואָרפען פאַר דער „מטרינותא".

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

עטשע האָט זיך אַראָבגעלאָזט אויף די קניע פון אוואַטשע'ס בילד, פערמאַכט די אויגען און פון אַלע ווינקעלעך האָבן זיך גענומען טראָגען צו איהר יונגע מאַמעס מיט קינדער אויף די הענד. די מאַמעס האָבן זיך צוזעצט אַרום איהר און געגעבען צו זויגען די קינדער.

עטשע האָט זיך אַראָבגעלאָזט אויף די קניע פאַר אוואַטשע'ס בילד, געפונען און זיך שטיל אַהן טרערען פונאַנדערגעוויינט. און איהר מוטער, די גרעפין, אַ האַלב משוגע'נע, איז מיט אַמאָל אויסגעוואַקסען ביי דער וואַנד. זי האָט זיך געשאַרט אַ קליינע, אַן אויסגעדאַרטע, מיט צונויפגע־לעגטע הענטלעך, געקוקט אויף דער טאָכטער און געוויספּערט. די קליינע גרעפין האָט זיך בעהאַלטען אונטער'ן הימעל־בעט, פערבראָכען די הענט־לעך און געקלאָגט:

— פאַר א זינד, פאַר מיינס א זינד, איז דיין חתן, פּיאָטר, אומגעקומען! וויין ניט, טאָכטער. אויף פערעלעך ליעגט ער — — גאָלדענע פּי־שעלעך־מלאכים׳לעך היטען זיין נשמה — — די גאָלדענע פישעלעך — — וויין נישט, טאָכטער — — פאַר א זינד — — פאַר מיינס א זינד! — — — — — — — — —

עטשע האָט דערפיהלט פרעמדע טריט, האָט זי צועפענט איהרע גרויסע אויגען און דערזעהן ווי א קליין קינד קריכט אריין אויף אַלע פיער אין צימער. דאָס קינד האָט זיך אָבגעשטעלט, אויפגעהויבען דאָס קעפּעל און ווי א קליין קעצעל זיך גענומען אויסרייבען די אויגעלעך און געקוקט אויף עטשע׳ן. עטשע האָט געכאַפּט דאָס קינד אויף די הענד, עס גענומען קושען, האלזען, צוקנעפּעלט איהר קלייד, גענעבען דעם קינד צו זויגען, איהם געהאַלטען צווישען די ברוסטען און געוויינט פון פרייד. דאָס קינד האָט זיך דערשראָקען און זיך צעוויינט. עטשע האָט איהם צוגעהאַלטען דאָס מיילכעל. האָט דאָס קינד נאָך שטאַרקער געוויינט — האָט זי זיך צו־לאַכט, זיך צושאָטען די האָר, אויפגעטרענט מיט א מעסער די פעדערנע אונטער־דעק פון איהר בעט, אריינגעשטופּט דאָס קינד צווישען די פּעדע־רען און עס צוריק פערנעהט. זי האָט צוגעבעט דאָס בעט ווי קיינמאָל גאַר־נישט, ווייעדער געפאַלען פאַר דער „מטרינותא“, איהר געדאַנקט וואָס זי האָט זיך צוגעהערט צו איהר תפילה און איהר געשענקט א קינד.

און פון אונטער׳ן הימעל־בעט האָט די קליינע גרעפּין אַלץ אין איינעם געוויספערט:

— פאַר א זינד, פאַר מיינס א זינד! פישלעך־מלאכים׳לעך צינעדן ליכטלעך איהם צוקאָפּענס — — אויף פערעלעך ליעגט ער — — פאַר א זינד, פאַר מיינס א זינד. — — — —

אין זאַל איז אריינגעלאָפען מאַטעאוש, געזוכט די שוועסטער אין אַלע ווינקעלעך. זי געפונען פאַר׳ן בילד א קניהענדע און גענומען שרייען:

— עטשע, וואו האָסטו בעהאַלטען דאָס קינד, וואו ? וואָס שווייגסטו ? משוגע׳נע דו! ס׳איז דאָך דער וועשינ׳ס קינד!

עטשע איז געשטאַנען אויף די קניען ווי אן אויסגעהאַקטע, זיך קיין

ריהר געטהאָן, פערמאַכט מיטביידע הענד די אויגען און געווען זיכער אז דער ברודער זעהט זי ניט.

מאַטעאוש האָט געזעהן, אז די שוועסטער ריהרט זיך ניט, האָט ער מיט אַן אמת א טראַכט געטהאָן, אז טאָמער איז עס ניט זי, האָט איהר א גלעט געטהאָן מיט א פינגער איבער דער באַק, צועפּענט דאָס מויל און קנוילענווייז, ווי א קעסעל לאָזט פּאַרע, האָט ער ארויסגעשליידערט אַן אויסטערליש געלעכטער:

— האַ, האַ, האַ! האַ, האַ האַ!! האַ, האַ, האַ!!!

— דו לאַכסט? וואָס לאַכסטו? — האָט עטשע זיך געפּרעגט.

— דו ווייסט שוין גאָר וואָס כ'לאַך!

— אסור!

— מאַכסט זיך. זיי זיך מודה, דו ביזט עס געווען?

— אַז כ'וויים ניט!

— דו ווייסט ניט, זאָגסטו? גוט! גערענקסט, ווען כ'בין געווען אין פּאַריז?

— אין פּאַריז? האַ, האַ, האַ! פּאַרים איז דאָך גאָר אנטלאָפען מיט דער שעהנער העלענע. פאַר וואָס ענטלויפט מיט מיר קיינער ניט? כ'בין ניט שעהן? — האָט עטשע קינדיש געזאָגט, צונויפגענומען די צושאָטע־נע האָר, פערדרעהט זיך א קאָקס אין מיטען קאָפּ און קאָקעטיש געקוקט אויפ'ן ברודער.

— אַז ביזט מיט אַן אמת משוגע! מען דאַרף דיך אריינגעבען אין א משוגעים־הויז! איך דערצעהל איהר וועגען פּאַריז, מישט זי מיר אריין העקובע'ס זוהן. און ווייסט ווער העקובע איז געווען? אן אויסוואורף ווי אלע ווייבער! זיך פערקויפט פאַר געלד, נישט געוואוסט וואָס ליעבע איז! און ווען ניט זי, וואָלט די טראָיעשע מלחמה ניט געווען.

— און איך האָב ליעב א מלחמה — האָט עטשע געשמייכעלט — דו נישט?

— האָסטו, שוויג! כ'האָב געוואָלט עפּעס דערצעהלען, האָט זי מיך איינגאַנצען צומישט. יאָ, פּליה איך אייגמאָל אזוי, און ביי מיין רעכטער האַנד

בעגלייט מיך א הייליגע שוועסטער און ביי מיין לינקער האנד בעגלייט מיך א הייליגע שוועסטער. און מחנות ווייבער, מיידלעך קומען מיר ענט־קעגען, פיהרען מיך אין טשענסטאָכאָווער קלויסטער. און דער קלויסטער האָט טויזענדער צימערען און די צימערען זיינען געפּאַקט מיט ווייבער און מיידלעך. און אין איינעם פון די צימערען האָב איך דערזעהן איהם, דעם הייליגען יעקב יוסף פראנק, אין א הויכען טורבאַן מיט א קנופּ אונ־טער'ן האלז. ער האָט געהאלטען אויף זיין שויס די הייליגע אוואַטשאַ. און א ליכטיגקייט האָט געשטראהלט פון זיי ביידען, מיר געבלענדט די אויגען. האָב איך דערזעהן א גרויס פענסטער פון איין שויב און דורכ'ן פענסטער — אַן אבגרונד. א שווארצען אַבגרונד, ווי דער שווארצער ים. און א בת־קול האָט זיך געטראָגען פון איין עק וועלט צום צווייטען:

Nostro Signor abasharo!

האָט מיך אַן אימה ארומגענומען, כ'האָב געעפענט די אויגען און כ'בין געשטאַנען פאר דער קירכע נאָטר־דאַם. ס'איז געווען פארנאכט. אינווייניג איז כמעט קיינער נישט געווען א חוץ עטליכע הויכע ענגלענ־דער, וואָס האָבען זייערע הינד געלאָזען אין דרויסען און מיט זייערע שווע־רע שטיבלעטען האָבען זיי געשטערט די שטילקייט. די הייליגע זיינען ארויס פון די נישעס, אראָב פון די ווענד, פון די פענסטער און זיך דורכ־שפּאצירט איבער דער קאלטער פּאָדלאָגע.

— א סטאַטוע — א נאָנע אין שווארצען, מיט א בלאַס לענגליך פּנים, פּונקט ווי דיינס, האָט מיך אזוי פּעראינטערעסירט, אז איך בין גע־שטאַנען א לענגערע צייט און בעטראַכט זי. די סטאַטוע האָט געהאלטען אין דער האנד א זילבערן צדקה־שיסעלע — האָב איך אריינגעווארפען דאָרט עטליכע מטבעות און כ'האָב שוין געוואָלט אוועקגעהן, ווי כ'האָב ניט ווילענדיג מיט דער האנד איהר א גלעט געטהאָן און צוגעלעגט מיינע ליפּען צו איהר שטערן. די נאָנע האָט א צאפּעל געטהאָן, מיך אָנגעקוקט און ארויסגעלאָזט א געשריי. דו ביזט עס געווען, זיי זיך מודה?

— אודאי איך!

אויף דער שוועל איז געשטאַנען די וועשין — א יונגע פּויערטע און זיך געריסען די האָר:

—טייערער פּאַן, דערבאַרעם זיך, גיב מיר אָב ס'קינד!

מאַטעאוש האָט גענומען טרייסלען די שוועסטער:

— משוגענע, ס'זאָל שוין זיין דאָס קינד!

עטשע האָט זיך דערשראָקען און געוויזען אויפ'ן בעט. מאַטעאוש האָט צוואַרפען דאָס בעט, געהערט ווי דאָס קינד קרעכצעט, אויפגע־ריסען די דעק, עס ארויסגענומען א האַלב־פערחלש'טע און ארויס מיט דער וועשין.

אין צימער איז געוואָרען פינסטער. עטשע איז געבליעבען שטעהן ביי דער וואַנד א הויכע, עטוואס א געבויגענע, ווי א גאָטישער האַלב־געוועלב, און אויסטערליש אָהן טרערען געוויינט. ערגעץ וואו צעוויגט זיך פויל דער קלויסטער־גלאָק: בים־באָם! בים־באָם! באַלד הערען זיך צוערשט דינע, אָבגעהאַקטע, דערנאָך אַלץ שטאַרקערע טענער פון דער רו־סישער צערקווע: דין! דין! דין! די טענער ווערען שטאַרקער, שטאַרקער, ווילען דאכט זיך איבערשטייגען איינע די צווייטע, מישען זיך אויס, טרייסלען די אַלטע שויבען פון שלאָס און הילכען אָב איבער דעם פינס־טערען צימער.

די קליינע גרעפין, די מאַמע, האָט זיך ארויסגעשאַרט פון אונטער'ן הימעל־בעט, צו צו דער טאַכטער, זיך געטוליעט ארום איהר קלייד ווי א קינד, פערבראָכען די הענטלעך און געוויספערט:

— פאַר א זינד, טאָכטער, פאַר מיינס א זינד! אויף פערעלעך ליעגט ער — — פישעלעך־מלאכים'לעך היטען איהם — — צינדען פאַר זיין נשמה גאָלדענע ליכטלעך — — פאַר א זינד, טאָכטער — — פאַר מיינס א זינד...

## 2.

עטשע איז לייכט געשלאָפען אין איהר שווארץ ביינערנעם הימעל־בעט, וואס איז געשטאַנען אנטקעגען פענסטער. איהר בלייכע האנד, מיט די דינע בלייכע פינגער איז נאכלעסיג געלעגען אויף די זילבערנע בלומען פון א צעוואָרפען שטיק בראָקאַט.

א פולע לבנה האט זיך געשפּארט דורכ׳ן גאָטישען פענסטער מיט די קאָלירטע שויבען — האָבען זיך קאָלירטע שאָטענס צולעגט איבער די וואנד, איבער דער שווארצער פּאָדלאָגע. א בלאסער זילבערנער שטראהל האט זיך געצויגען פון פענסטער צום הימעל־בעט, זיך פערפּלאָנטערט אין עטשע׳ס האָר, געקושט איהרע פערמאכטע אויגען, זיך פער׳גנב׳עט הינ־טער׳ן שווארץ־זיידענעם נאכטהעמד און געווארעמט, געגלעט ווי מיט לאנגע שטרוים־פעדערען. און איהרע בלאסע באקען האָבען זיך געצונ־דען, געלאָשען מיט׳ן אָבשיין פון פּאָלירט זילבער און בלוטיגע רויזען.

א בענקשאפט האט עטשע׳ן ארומגענומען — האט זי פערבראַכען אין שלאף איהרע בלייכע הענד און געציטערט. און די שאָטענס, ווי מאָס־קירטע לצים, האָבען זיך געשארט פון די וואנד אויף דער פּאָדלאָגע, פון דער פּאָדלאָגע אויף די וואנד, פערשוואונדען און איבערגעלאָזט נאך זיך א צושוואומענעם שאָטען. און דער זילבערנער שטראהל האט געגלעט, גע־ווארעמט, זיך פערקליבען אויף די פערמאכטע אויגען־לעפלעך — האט עטשע דערזעהן א פיאָלעט אבגרונד, דורכגענומען מיט מאטע זילבערנע שטרייפען. אין אבגרונד אויף בלייכע פערעל איז געשלאָפען פּיאָטר, אזא פרישער. מלאכים־גאָלדענע־פישעלעך האָבען געצונדען פייערלעך, שטיל און טרויעריג געזונגען — האט עטשע אנגעקלאפט אין א גאָלדען פלי־געלע:

— מלאך'על, מלאך'על, זאָג פּיאָטר'ען, אז כ'בין געקומען.

— ווי זאָל איך איהם זאָגען, שעהנע פּרינצעסין, אז ער האָט זיך נישט געהייסען וועקען.

עטשע האָט אריינגעשטעקט דאָס גאָלדענע מלאך'על זיך אין די האָר און אָנגעקלאַפּט אין א צווייט גאָלדען פליגעלע:

— מלאכ'על, מלאכ'על, זאָג פּיאָטר'ען, אז כ'קען מעהר נישט וואַרטען!

— ווי זאָל איך איהם זאָגען, שעהנע פּרינצעסין, אז — —

און איינציגווייז האָט עטשע אריינגעשטעקט אין איהרע צופּאטעלטע האָר די גאָלדענע מלאכים'לעך, זיך אראָפּגעלאָזט אויף די קניהען, צו־פוסענס פּיאָטר'ען, גענומען זיין טוידטע האנד און געקוקט אין זיינע אויגען. פּיאָטר האָט געציטערט, זיך געטרייסעלט, געעפענט די אויגען און געשמייכעלט:

—און איך וואַרט שוין אויף דיר אזוי לאַנג!

און דער זילבערנער שטראהל האָט געגלעט, געוואַרעמט, איינגערוימט סודות אין אויער, געוועקט פערשיעדענע פערלאנגען — האָט עטשע מיט אמאָל דערזעהן ווי א ריעז מיט איין אויג אין קאָפּ שטעהט אין מיטען אָב־גרונד, רייסט שטיקער פּיאָלעט, שטיקער זילבער, דריוועלט עס, וועבט א שטראהל. און דער שטראהל, מיט זיין פּיאָלעט־זילבערנעם צינגעל, פּער־קלייבט זיך אונטער די פּאכוועס, בריהט, שטעכט, וויקעלט זי ארום אין גאַנצען — האָט עטשע געציטערט, ניט געקענט מעהר איינליגען אין איהר שוואַרץ־ביינערנעם בעט, זיך אויפגעזעצט, פערביסען ביז צום בלוט די ליפּען און געוויינט פון בענקשאפט, געוויינט פון צער. קלינגענדע, בייגער־נע קנאָכען האָבען זיך געשאַרט איבער סטרונעס און טיעף פון סאָד ארוים האָט זיך געטראָגען א שטיל געזאַנג, א טויט געזאַנג, זיין געזאַנג:

אין דער פינסטער זיינען דיינע אויגען שעהנער,
ציטעריגער, בויגזאַמער ביזמו.
דאַמאָלס איז דיין קליינער פוס נאָך קלענער,
ציטעריגער, בויגזאַמער ביזמו.

אין דער פינסטער קלינגט דיין ווייבע שטימע ווייבער,
צִיטעריגער, בויגזאַמער ביזטו.
דיינע פינגער ווערען בלייבער, ווייבער,
צִיטעריגער, בויגזאַמער ביזטו.

און ווי פון א פערבאַרגענער האנד געשטויסען, איז עטשע גיך אראָפּ פון בעט, געעפענט די גלעזערנע טהיר, וואָס פיהרט אין סאַד אריין און א בויגיגע, א באָרוועסע אין בלויזען שוואַרץ-זיידענעם נאכט-העמד, מיט צושאָטענע האָר דינער פון שפינוועבס, האָט זי זיך געשאַרט איבער׳ן סאַד, מיטגעזונגען מיט א פערשטיקט קול, ווי דער קלימפער פון ביינער פון טויטע — ציטעריגער, בויגזאַמער ביזטו — און געציטערט, געציטערט ווי נאָר א מיידעל קען ציטערען ווען זי דאַרף בעלאנגען דאָס ערשטע מאָל דעם מאַן.

און די נאכט איז געווען אן אויסגעשטערנטע, א לבנה׳יגע. און די בוימער געהילט אין גרויען פון ביידע זייטען אלעע האָבען זיך ווי געבויגען, זיך צונויפגעקומען מיט די שפּיצען — און די אלעע האָט אויסגעזעהן ווי א האַלב-פינסטערער טונעל. א באָרוועסע האָט עטשע געשפּרייזט איבער דער זאַמדיגער אלעע, איבערגעלאָזט הינטער זיך קליינע פיס-טריט און, ווי א פער׳כשופ׳טע, זיך איינגעהערט ווי ערגעץ דאָרט צווישען די בוימער וויינען פערליעבטע קעץ. און די קעץ, ווי קליינע קינדער, זיינען זיך פערגאַנגען העכער און העכער, זיך מיט אמאָל אָפּגעריסען — האָט עטשע זיך אויף א רגע אָפּגעשטעלט, צועפענט איהרע דינע ליפּען, פערקוועטשט די ווייסע צייהן, זיך איינגעהערט, ווי די נאכט ארום איהר פּלאַפּעלט:

— ציטעריגער, בויגזאַמער ביזטו! — — —

מיט אמאָל האָט עטשע גענומען ציטערען — דערפּיהלט דאָס אייגענע האַרץ. זי האָט אויסגעשטרעקט איהרע בלייכע הענד און ווי א יונגע סאַמקע גענומען שמעקען מיט די נאָז-פליגעל. א רגע — און ער וועט ארויס פון דער צווייטער אלעע. א רגע — און זי וועט זיך וויעגען אין זיינע אָרעמס.

פון א צווייטער אַלעע איז איהר אנטקעגען געקומען מאַטעאוש, א הויכער, א באָרוועסער אין א לאַנג, שוואַרץ, זיידען נאַכט־העמד מיט א גרויסען גאָלדענעם צלם אויפ׳ן האַלז.

שטומע האָבען זיי זיך אָנגענומען פאַר די הענד און געשפּרייזט איבער׳ן זאַמד. זי האָט זיך געטוליעט צו איהם, געפיהלט די וואַרימקייט פון זיין לייב און א ליידענשאַפטליכע מיעדקייט האָט זיך צוגאָסען איבער איהרע אַלע גליעדער.

א שאָטען איז אויסגעוואַקסען צווישען זיי. האָט עטשע א פּערצאַפּעלטע אַרומגעכאַפּט מאַטעאוש׳ן:

— טהייערער פּיאָטר, כ׳האָב מורא — — בעהאַלט מיך — — — אַט געהט אונז מאַטעאוש נאָך!

מאַטעאוש האָט זיך גענומען אויף דער האַנד, זי געטוליעט ווי א קליין קינד. די בוימער האָבען שלעפעריג געוויספּערט:

— וואַטשאַ — — מיין וואַטשאַ — — —

די ביימער האָבען שלעפעריג געוויספּערט, פּער׳שכור׳ט, און די שאָטענס פון די בוימער האָבען זיך געפלאָכטען אונטער דער בלייכער לבנה און ווי גרויע געשטאַלטען. און טיעף אין גראָז האָבען מיליאָנען בעשעפענישען זיך געפּאָרט, אָנגעפילט די לופט מיט בלומען — האָט אַלץ אַרום דערפיהלט א מיעדקייט און ליפּען האָבען געזוכט ליפּען.

— ביזט מיעד, פּיאָטר?

זיי האָבען זיך אַוועקגעזעצט אויף א געפלאָכטענע פון צווייגען באַנק.

— דו ווייסט — האָט עטשאַ געוויספּערט — דו זעהסט אויס ווי מיין ברודער מאַטעאוש.

— און דו — האָט מאַטעאוש געענטפערט — ווי מיין שוועסטער עטשאַ.

שטומע, גליקליכע ויינען זיי געזעסען, געזשמורעט די אויגען — כוואַליעס ליכט האָבען זיך געטראָגען איבער זייערע קעפּ און פון דעם ליכט

האָט זיך ארויסגעשניטען דער גרויער שאָטען, געקוקט פער'עקשנ'ט — האָט עטשע דערזעהן איהר ברודער און פון שרעק ארומגעכאַפּט מאטע־אוש'ען.ביידע האָבען זיך א וואָרף געטהאָן אויפ'ן שאָטען. און משוגע־נע, אין דרייען געבויגענע, האָבען הענד געזוכט הענד, ליפּען — ליפּען. און דער שטראהל מיט'ן פיאָלעט־זילבערנעם צינגעל איז דורך ווי א בליץ, זיי פּאראַליזירט — האָבען זיך שטיקער ליכט אָנגעשלאָגען אָן טענער כוואַליעם און אַלץ ארום האָט שווער און אָבגעהאַקט געוויספּערט:

„ציטעריגער בויגזאמער ביזטו!" — — — — — — — — — — — —

# מאָרריס און זיין זוהן פיליפּ



מאַרדים, א געוועזענער וואַדעוויל אקטיאַר, מיט א פּאָר שטייפע אויף ארויף פערדרעהטע וואַנסען, ווי ביי קייזער ווילהעלם, מיט א הייזע־רינער שטימע פון צופיעל בראַנפען טרינקען, האָט געמאכט רעפּעטיציעס מיט זיין קליינעם פיליפ, א אינגעל פון א יאָהר עלף.

מאַרדים איז געשטאַנען אין מיטען צימער אין א פּאָר הויזען מיט א קאַלירט לייבעל, געהאַלטען איין האנד אין א הויזען־קעשענע און מיט דער צווייטער האָט ער דיריזשירט, איינגעזונגען מיט פיליפ׳ען קופּלעטען. פון מאָל צו מאָל האָט מאַרדים א זופּ געטהאָן פון דער פלאַש בראַנפען, וואָס איז געשטאַנען אויפ׳ן טיש, גענומען עטליכע הויכע טענער מיט זיין הייזעריגען באַס און איז באַלד אנשוויגען געוואָרען. איהם האָט זיך גע־דאכט, אז נישט ער זינגט, נור עפּעס א פעטער רוסישער פּאָלקאָווניק מיט צוויי לאַנגע באקענבערד קאָמאַנדעוועט מיט א פּאָלק זעלנער.

מאַרדים האָט פון פערדרוס געטהאָן עטליכע ציה פון דער פלאַש, זיך געזעצט און אָנגענומען פיליפ׳ן פאר דער גאָמבע:

— זעהסט, פיליפ, מיר זינגערס זיינען גאָר עפּעס אנדערש, אַן אנדער מין סאָרט מענש — — — מיר זיינען ארטיסטען! און ארטיסטען, פארשטעהסטו מיך, מוזען טרינקען! עס זינגט זיך גאָר בעסער נאָך א גלעזעל משקה! וואָס גרעסער א זינגער איז, אַלץ מעהר טרינקט ער — האָט דער אלטער געענדיגט מיט א שמייכעל, א גלאָץ געטהאָן מיט זיי־נע גלעזערנע, שכור׳ע אויגען און א לאַנגען ציה געטהאָן פון דער פלאַש.

און אז פיליפ האָט זיך פאַנאַנדערגעזונגען אויף זיין ווייך שטימע־לע, איז דער האַלב־אָנגעטרונקענער פאָטער געזעסען, פון נחת געלאָזט טרעהרען און האָט אונטערגעברומט: „ס׳וואַקסט א כלי! ס׳וואַקסט!“

— זשוליק! — האָט ער מיט אמאָל דורכגעזייט דורך די ציינער און א קניפּ געטהאָן דעם אינגעל אין געזעס אריין — שניידסט זיך א לייט,

בנאמנות! וועסט זיין „סאן אף ע' גאן" מעהר ליט פון דיין טאטען! ווארט, וועסט נור אונטערוואקסען גיעב איך דיך גלייך אריין אין אזא סקוהל: קאנסערוואטאריום, הייסט עס, און וועסט ארויסקומען א פארטיגע כלי, א קארוזע הא, הא! נישט דארפען זינגען אין די גאסען פאר אקסען, וועסט ווערען אן אפערא זינגער!

דא האט זיך דער אלטער צולאכט און באלד געגומען וויינען מיט טרעהרען ווי ביבערין.

— קום אהער, פיליפ — האט מאררים געזאגט, און איהם אריינגע־גאסען אביסעל בראנפען אין א גלאז — נא, געוועהן זיך צו צום ביטע־רען טראפען.

דער קליינער האט אויסגעטרונקען און זיך פערקרימט ווי נאך א ביטערען פיל.

— ס'ברענט? הא, הא, הא! — האט דער אלטער זיך צולאכט, ארומגעכאפט דעם קליינעם פיליפ און איהם גענומען קושען.

— נארעלע, וועסט נישט דארפען טרינקען קיין בראנפען — שאמ־פאניער וועסטו גיסען, שאמפאניער! הא, הא! און מיט'ן אלטען וועסטו זיך שעהמען? הא, ממזר דו? שעהמען זיך מיט'ן גאסען־זינגער!? יו ווייסט ווער דיין טאטע איז אמאל געוועזען? נישט קיין גאסען־זינגער! א סטאר! א סטאר איבער וועמען מענעדזשערם פלעגען זיך שלאגען! די שעהנסטע מיידען האב איך געהאט, בעסטיעס!

דא האט זיך דער אלטער פערהוסט, רויט געווארען ווי אן אינדיק און געשטאמעלט:

— א מענש וועסטו ווערען ביי מיר, א מענש! די שעהנסטע מיידען וועסטו האבען דו, בעסטארד! נישט דארפען זיך ארומשלעפען מיט פרעהליכע שוועסטער ווי דיין טאטע! — פאניע ארטיסטשע, גאספאדין ארטיסט, יור עקסעלענץ — האט מאררים אויסגעשריען און דערזיפט דאס לעצטע פון דער פלאש.

פון צווייטען צימער איז אריין מאררים'עס בעל־הבית'טע א הויכע, שווארצע חנ'עוודיגע ליטוואטשקע מיט א יצר־הרע פלאסטעריל אויף דער

באק. זי האט פערלייגט איהרע ענטבלויזטע הענט אויף דער פולער ברוסט און א סמאטשקע געטהאן מיט די ליפען.

— וואס זאגט איהר ניט צו דעם וועטער? ס'האלט אין איין גיסען

— — — און פאר פרנסה־געבער איז דאס א פיקניק, רק ער שלאפט.

מאררים, זעהענדיג זיין בעל־הבית'טע, איז גלייך אויפגעשפרונגען, זיך עלעגאנט פערנייגט און ער האט איהר אונטערגערוקט א שטוהל:

— זיצט מיסעס בלום!

— ווער האט צייט צו זיצען — האט מיסעס בלום געענטפערט, פערזשומערט עטוואס איהרע אויגען, וויסענדיג אז אזוי איז זי שעהנער— וואס האב איך אייך געוואלט בעטען?! יא, מאררים, האט איהר פילייכט א „קוואטער"? כ'ברויך אריין צו ווארפען אין „געז־מיטער".

—יא־וואהל, לײדי! יא־וואהל! — האט מאררים אונטערגעברומט, ארויסגענומען פון זיין טיעפער קעשענע א קוואטער, זיך געשטעלט אין א טראגישע פאזע און אויסגעדעקלאמירט:

—„מיין שעהנע „ווענוס", איך שענק דיר מיינע גיטער, גליקליך מאך איך דיך, איך שווער דיר ביים „יופיטער!" און האט זי ארומגענומען.

מיסעס בלום האט זיך בלומר'שט געוועהרט און איהם גענומען מוסר זאגען:

— אי, מאררים, מאררים, ווי שעהמט איהר זיך ניט, אן עלטערער איד, און ס'ליגט אייך נאך אין קאפ אזעלבע נארישקייטען.

דערוויל איז סילוועי, מיסטער בלום'ס טעכטעריל פון ערשטען ווייב, א בלאנדע מיידעל פון א יאהר עלף, אריין אין צימער און איז צו צו פיליפ'ען.

— פיליפ, וועסט געהן אין „מואווינג פיקטשורס"?

— „שור" וועל איך געהן, ווארט, ס'וועט באלד זיין געלד — האט פיליפ געזאגט, א ווינק געטהאן מיט זיינע שווארצע אויגעלעך און גע־וויזען אויפ'ן פאארעל.

— ווי שעהמט איהר זיך נישט, ס'איז דאך א חרפה פאר די קינדער — האט מיסעס בלום געזאגט זיצענדיג ביי מאררים'ען אויפ'ן שויס.

— געווים, געווים, ווי דען — האָט מאָררים געשמאָמעלט און אַ געשריי געטהאָן: — פיליפּ, אַ רוח אין דיין — — מאַרש מיט סילוועין, היגטישע לעבערם!

פיליפּ מיט סילוועין זיינען ארוים פון צימער, צוגעמאכט די טהיר און גענומען איינציגווייז אריינקוקען דורך דעם שלאָס־לעכיל. פיליפּ האָט פון גרוים שמחה ארומגעכאפּט סילוועין, איהר אַ קוש געטהאָן און איז צו צו מיסעם בלומ'ס מאן, דעם בלינדען זרח, וואָס איז געשלאָפען אויפ'ן בעטעל און איהם גענומען וועקען?

דער בלינדער איז אויפגעשפּרונגען, ווי אַן אָפּגעבריהטער, ברייט צועפענט זיינע היהנערשע אויגען:

— ווער איז דאָס? וואָס איז?

— זרח, גיב אַ „דיים“, וועל איך דיר עפּעס זאָגען!

— און אַ „ניקעל“ איז נישט גענוג, דו „סאָקער“?

— נישט ווענינער ווי אַ „דיים“, דו בלינדער „קאַיק“!

דער בלינדער האָט געקרעכצט, געשאָלטען, ארויסגענומען פינף סענט, געעפענט דאָס מויל און אין גאַנצען האָט ער אויסגעזעהן ווי אַ חינעזישער גאָט.

— נו, זאָג שוין, זאָג!

דער פּאַ קושט זיך מיט דיין ווייב! נור געדענק, זאָג נישט, אז איך האָב געזאָגט — האָט פיליפּ ארויסגעפּלאצט מיט אַ געלעכטער.

ער האָט געמאכט פאר גרוים שמחה דריי קאָזשאָלקעס און ארוים מיט סילוועין.

דער בלינדער איז אויפגעשפּרונגען, געכאפּט דעם שטעקען און טאַפּענדיג האָט ער אויפגעפּראַלט מאָררים'עס טהיר, מורא האָבענדיג אריינצוגעהן. ער האָט געטופּעט מיט די פיס, געקלאַפּט מיט'ן שטעקען אין דער פּאָדלאָגע, געגלאָצט מיט זיינע פאַרצעלאָנענע אויגען און געשריען:

— רבקה, אַ בראָך אין דיינע ביינער, וואו ביזטו, וואו, חצופה!?

רבקה האָט זיך אַ ריס געטהאָן פון מאָררים'עס הענט און איהם געוויזען אויף איהר בלינדען מאן:

— ליעבער גאָט, שלאַקרירעק זאָל ער ווערען! דער בלינדער הונד!
מאַררים איז געשטאַנען אין מיטען שטוב, געקוקט מיט א שמייכעל
דאַ אויפ׳ן בלינדען, דאָ אויף רבקה׳ן און האָט א טראַכט געטהאָן:
— „מוט פערליערען פאַסט נישט פאַר׳ן בראַווען קריגער,
אפילו אין דעם קלעם איז נאָך אלץ דער טיגער — טיגער"!

---

מיטאָג צייט איז מאַררים ארוים פון שטוב אין זיין קאָלירטען לייב־בעל אָהן ארבעל, מיט הנאה בעטראַכט די לענג פון פּיטקין עוועניו און זיך פונאַנדערגעפּייפט.

פון קעלער־שטוב איז ארוים דער „דזשעניטאָר", א פערציג־יעהרי־גער איירישער מיט א רויטע נאָז און א גלאַט ראַזירט פּנים. נאָך איהם — זיין ווייב, א הויכע, געזונטע ניגערטע, מיט ליפּען ווי פּלאַכטעס און מיט א גרויסען, קיילעכדיגען בויך. אין איין האַנד האָט זי געהאַלטען א בעזים און אין דער צווייטער א בלעכען קעסעלע פאַר ביער.

ביי איהר קלייד האָבען זיך געריבען דריי קליינע ניגערלעך, מיט דיקע ליפּעלעך, מיט קורצע אויפגעשטעלטע צעפּעלעך און אויסגעזועהן האָבען זיי ווי שווארצע קודלאַטע שצעניאַקעס.

— האַללאָ, מאַררים, א פיין וועטער, — האָט דער איירישער גע־זאָגט, און אויסגעשפּיגען פון מויל א גאַנצען פּלאַסטער קיי־טאַבאַק.

— יא, יא, יעס סער — האָט מאַררים געצויגען די ווערטער, פער־דרעהט די וואָנסע, א קלאַפּ געטהאָן דזשאַנען אין דער פּלייצע, ווייזענדיג אויפ׳ן ווייב׳ס בויך און געזאָגט:
— ביזט „ביזי" דזשאַהן!

דזשאַהן האָט מעשה בעל־הבית בעטראַכט דעם ווייב׳ס בויך און זיך נאַריש צושמייכעלט.

די ניגערטע האָט פערקאַשערט איהרע ליפּען, א גלאַנץ טהוענדיג מיט איהרע ווייסע צייהן, א בלאַץ געטהאָן מיט די אויגען, זיך איינגע־בויגען אין דרייען, צוהאַלטענדיג מיט ביידע הענד דעם בויך און זיך פאַנאַנדערגעלאַכט ווי א קאַבילע.

מאַררים איז לייכט אראָפּ פון טרעפּעל, זיך דורכגעשפּאַציערט אי־בער'ן טראַטואַר און האָט חשק געהאַט אריין אין „סאַלון" אויסטרינקען אַ גלעזעל ביער.

אויף אַ טרעפּעל איז געזעסען אַ אידענע פון אַ יאָהר פערציג, אַ קור־צע, אַ דיקע ווי אַ יאַטקע קלאָץ, מיט אַן איבערגעלעגטען גוידער און מיט אַ פּנים פון אַן אלטען מאָפּס. זי האָט געהאַלטען די פיס צושפּרייט און מיט הנאה האָט זי געכאַפּט ארץ ישראל ניסלעך, וואָס זיינען געלעגען ביי איהר אין שויס און זיי געוואָרפען אין מויל אריין.

— מיסטער מאַררים, איהר דערקענט מיך שוין גאָרנישט ? אַ מענש געהט דורך, כ'וויים, הינט, טייפעל, שמעק אריין !

— האַללאָ, האַללאָ, מיסעס סאַלאַמאַן, ווי געהטס ! — האָט מאַררים געזאָגט און זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט אריינגעשטעקט די האַנד אין איהר קלייד, געכאַפּט עטליכע ניסלעך און בשעת מעשה איהר אַ קיצעל געטהאָן.

— „שעהם יורסעלף" — האָט מיסעס סאַלאַמאַן געזאָגט כלומר'שט אַ בעליידיגטע, האָט צונויפגענומען די ניסלעך און מיט אַ קרעכץ זיך אויפגעשטעלט.

— אי, די היץ, די היץ ! ניט אויסצוהאַלטען ! די „פּייפּערס" שריי־בען — מענשען פאַלען ווי פליגען, קומט ארויף מאַררים. ביי מיר איז קיהל, אַ מחיה !

— יאָ, יאָ, מיסעס סאַלאַמאַן, דאָס איז פיין — האָט מאַררים גע־שטאַמעלט און נישט ווילענדיג זיך נאָכגעשלעפּט.

מיסעס סאַלאַמאַן האָט איהם אריינגעפיהרט אין איהר זאַאַל, זיך ענטשולדיגט און איז באַלד ארויס.

מאַררים האָט בעטראַכט דעם אבגעבליאַקעוועטען דיוואַן, וואָס איז געוועזן אויסגעשפּרייט אויף דער פּאָדלאָגע און פון וועלכען עס האָבען זיך געהויבען גאַנצע זיילען שטויב, ווען מען האָט געטרעטען איבער איהם. ער האָט בעטאַפּט די אויסגעבעטע שטוהלען, די איבערגעצויגענע פּיאַנאָ, האָט זיך בעקוועם אריינגעזעצט אין אַ וויעג שטוהל און שטיל געזונגען:

—„לילת האָט פערשפּרייט א נעץ, און זי ווייס נישט, אז כ׳בין א ליץ״.

מיסעס סאלאמאָן איז באַלד אריין מיט א טאַץ אין דער האנד. אויף דער טאַץ איז געשטאנען א סאַפאָן וואסער, א פלאַש ביער און א טעלער מיט אויבס.

מאָררים האָט געעפענט די פלאַש מיט א שאָם, געטרונקען א גלעזעל נאָך אַ גלעזעל, פערביסען מיט אויבס.

— איהר ווייסט, מיסעס סאלאמאן, מען וועט מוזען געהן אפטער צו אייך!

— מיט׳ן גרעסטען פערגניגען! — האָט זי געענטפערט א צופריע־דענע.

— כ׳זאָג אייך — האָט מאָררים פאַרטגעזעצט — כ׳בין גאָר פריי־שער געוואָרען! וואָס א גלעזעל ביער מאכט!

— דאָס טענה איך דאָך, מאָררים. איהר זייט דאָך עפּעס א מאן, ס׳איז דאָ אויף וואָס א קוק צו טהאָן און גאָר נישט — איהר פּלאָגט אפּ אייערע פאָר יאָהר! ווי לאנג איז דער שעור צו זיין אן אלמן?

— נו, נו, מיסעס סאלאמאן, זעהט טאקע עפּעס פאר מיר א שידוך?

— וואָס שידוך, ווען שידוך, די קאָץ שיקט מען נישט נאָך די פּוטער — האָט זיך מיסעס סאלאמאָן צולאכט — אז איהר האָט זיך פערדרעהט א קאָפּ מיט רבקה׳ן, די חצופה, ווער וועט דאָס וועלען האָבען „ביזנעס״ מיט אייך? כ׳ווייס, מען זאָגט עפּעס א אידענע, מילא, אָבער דאָס איז דאָך קיין אידענע אויך נישט, א בעזדיעטניצע, א יאלאווקע, אבגע־וואהנט מיט׳ן ערשטען מאן זעקס יאָהר און גאָר נישט — ער האָט זי אָבגעג׳גט. ווייסט איהר פאר וואָס? — האָט זיך מיסעס סאלאמאן צוגע־רוקט צו מאָררים׳ען און האָט זיך צולאכט — ס׳איז מיר אויף מיין וואָרט א חרפּה עס צו דערצעהלען פאר אַ מאנסביל — זי האָט דאָך קיין — — — כא, כא, כא! ווי איך בין א אידישע טאָכטער!

—יאָ, יאָ, דאָס איז אינטערעסאנט, שפּאנענד! — האָט מאָררים

דעקלאַמירט קנאַקענדיג די נעסלעך.

— ווען איהר פאַלגט מיך פאַר א יאָהרען — האָט מיסעס סאַלאַמאַן ווידער אָנגעהויבען, אראָפּלאָזענדיג די אויגען — און חתונה געהאַט, וואָלטען מיר געלעבט ווי לייטען גלייך. איהר וואָלט ביי מיר קיין פינגער אין קאַלטען וואסער ניט געדאַרפט אריינשטעקען, כ׳בין, ברוך השם, נישט קיין קבצנ׳טע. אין הויז ביי מיר, קיין עין הרע, פון כל טוב, און ס׳איז נאָך דאָ א פּאָר דאָלאַר אין באַנק אויך, פּאַרט א היימישע „ביזנעס״. כ׳גיעב אוועק א דאָלאַר אויף א הודש, קריג איך צוריק אנדערהאַלבען. ווער מאַכט דאָס היינטיגע צייטען בעסערע געשעפטען?

— אסור ראַקאַפעלאַ! — האָט זיך מאָררים צולאַכט.

— איהר זייט א לץ! — האָט מיסעס סאַלאַמאַן געזאָגט און מאָררים׳ען א קלאַפּ געטהאָן איבער׳ן פּיס — איהר באַרעכענט אייך בעסער, מאָררים, און זעהט, אז כ׳מיין אייערע טובה מעהר ווי מיינע. נור וואָס טויגען די רייד, ווי לאַנג איהר וועט וואוינען ביי רבקה טליק, זייט איהר א פערפאַלענער!

— וואָס איז שייך — האָט מאָררים א ברום געטהאָן, זיך אויפגעשטעלט, אריינגעלאָזט די הענד אין די הויזען קעשענעס, זיך איבערגעצויגען, גענומען שפּרייזען איבער׳ן דיוואַן און געטראַכט:

— „איך בין דיר מוחל, וואָס דו רעדסט, ווייל דו רעדסט ווי א קינד און פערשטעהסט נישט דיין געפעהרליכע לאַגע אצינד״.

— איהר וועט פיליכט נאָך טרינקען א גלעזעל ביער? — האָט מיסעס סאַלאַמאַן איבערגעריסען די שטילקייט.

— ווער זאָגט זיך דאָס אָפּ פון א גלעזעל ביער? — האָט מאָררים נעענטפערט שפּאַנענדיג איבער׳ן צימער.

מיסעס סאַלאַמאַן איז אריין אין קיך.

מאָררים׳ען איז מיט אמאָל איינגעפאַלען, אז ס׳וואָלט געווען א פּלאַן חתונה צו האָבען מיט דער אידענע. אמת, רבקה׳ן איז טאַקע א שאָד, נאָר גאָר נישט, ער וועט זי נאָך דער חתונה אויך קריגען און דערווייל וועט ער זיין א פערזאָרגטער! ווי זאָגט זי אליין: „נישט דאַרפען איינ־

טונקען א פינגער אין קאלטען וואסער". מען שמועסט, אז זי האט א שלל מיט גאלד.

דערווייל איז מיסעס סאלאמאן אריין מיט א פלאש ביער. מאררים האט גענומען די פלאש, זי בעטראכט, עטליכע מאל אפגעווישט דאס העל־זיל מיט'ן טישטוך, וואוילעריש א קלאפ געטהאן דעם דנא פון דער פלאש אן זיין האנד און דער קארק איז ארויס מיט א שאס. ער האט אריינגע־צויגען א גלאז נאך א גלאז, אויסגעדרעהט מיט צוויי פינגער די נאסע וואנסען און זיך אויפגעשטעלט.

— הערט, מיסעס סאלאמאן, איהר זייט טאקע גערעכט, כ'האב איך נאר וואס בארעכענט, אז דער שידוך איז פאר מיר ווי געוואונ־שען, ווי כ'בין א איד! נא, גיסט זיך איין א גלאז ביער און מיר וועלען טרינקען לחיים! געהט רבקה אויפ'ן פייער! מארגען „מזל טוב" איך ארויס!

ער האט ארומגעכאפט די דיקע מיסעס סאלאמאן, זיך צוקושט מיט איהר אויף איין באק, אויף דער צווייטער, דערטרונקען דאס גלאז ביער זינגענדיג:

— „לחיים מיין שאץ, לחיים מיין שעציל, לחיים מיין לאקרעץ־קלעציל".

---

סילווע איז איינע אליין געווען אין שטוב. זי האט ארויסגענומען רבקה'ס קעסטעלע פודער, זיך איינגעפודערט, אנגעטהאן רבקה'ס קאפע־ליוש מיט דער לאנגער שווארצער שטרוים־פעדער, זיך אריינגעשטעלט אין שפיגעל, עטוואס אויפגעהויבען דאס קורצע קליידעל און גענומען נאכ־זינגען, אפערווארפענדיג איהרע פיסלעך און ווינקענדיג מיט די בלויע אויגעלעך ווי א וואדעוויל־אקטריסע.

**"Hallo central! Hallo central!**
**Give me six-o three"**

סילווע איז געווען אזוי פערטהאן מיט איהר זינגען און טאנצען, אז זי האט גאר נישט בעמערקט ווי פיליפ איז אריין מיט זיינע „ראַ־לערס" פון דער גאס.

פיליפ איז געבליעבען שטעהן ביי דער טהיר מיט אן איינגעהאל־טענעם געלעכטער, זיך צוגעקוקט ווי סילווע „עקטעט“, און איהם איז איינגעפאלען זי איבערצושרעקען. ער האט שטיל אוועקגעשטעלט די „סקייטס“, אויפגעזוכט דעם בלינדען זרח'ס אן אלטען ראק מיט א פער־שוויצטען הארטען קאפעליוש, זיי אנגעטהאן. ער האט פערבויגען זיינע אויבערשטע לעפלעך פון די אויגען אזוי, אז דאס רויטע האט זיך ארויס־געזעהן, גענומען א שטעקען אין האנד אריין און איז, טאפענדיג, מיט שווערע טריט אריין צימער, נאכמאכענדיג זרח'ס קול:

— רבקה, א בראך אין דיינע ביינער, וואו ביזטו, וואו? רבקה, פער'שרפה'ט זאלסטו ווערען! חצופה! דערווערגען וועל איך דיך!

סילווע האט זיך איבערגעשראקען, אראפגעריסען דעם קאפעליוש, איהם א שליידער געטהאן אויפ'ן בעט. זי האט זיך אבער באלד צו־לאכט, דערזעהענדיג, אז דאס איז פיליפ.

— געה צום טייוועל! האסט מיך איבערגעשראקען צום טויט!

פיליפ האט זיך געמאכט נישט הערענדיג, געשאלטען, געטופעט מיט די פיס, געגלאצט מיט די רויטע אויגען, אנגעכאפט סילווע'ן פאר די האר, זי אויסגעצויגען אויף דער פאדלאגע, געשלעפט און געשריען!

— דערווערגען וועל איך דיך, דערווערגען! מיט'ן שכור, מיט דיין „ליובאווניק“!

סילווע האט זיך צוואויינט אויפ'ן קול.

פיליפ האט זיך צולאכט, אראפגעווארפען פון זיך דעם ראק מיט'ן קאפעליוש, זיך אראבגעלאזט אויף די קיטשקעס.

— וואס וויינסטו!? ס'איז דאך געווען א שפאס. ביזט א נאר! כ'האב געזעהן ווי דו „עקטעסט“ האב איך אויך „גע׳עקטעט“ — האט פיליפ געשמייכעלט און זיך אויפגעשטעלט.

סילווע האט זיך אויסגעווישט די אויגען און אן אונגעכמורעטע געזאגט:

— אז וועסט נאך איין מאל לאכען פון מיין פא, וועל איך מיט דיר אייביג זיין ברוגז, וועסט זעהן! פאר וואס לאך איך נישט פון

דיין פּאַ? אַ, ער איז דאָך אַזאַ שלעכטער! ווען נישט ער, וואָלט זיך מיין פּאַ נישט אַרומגעקריגט מיט רבקה׳ן!

דו ווייסט פאַרוואָס זיי קריגען זיך אַרום? „אַל בעטשע“ דו ווייסט נישט? רבקה וויל מען זאָל זי קושען. און דיין פּאַ וויל נישט. דעריבער „גלייבט“ זי איהם נישט.

— און דיין פּאַ קושט רבקה׳ן? — האָט זיך סילווע געפרעגט.

— „שור“ קושט ער, פּונקט ווי אין „מיינער׳ס וואָדעוויל“. דו ווייסט מיין פּאַ איז דאָך געווען אַן „עקטער“ און אַז איך וועל אונטערוואַקסען וועל איך אויך זיין אַן „עקטער“ אַט אַזוי:

דאַ האָט פיליפּ זיך געשטעלט אין אַ פּאָזע, מיט איין האַנד אַרומגענומען סילווע׳ן פאַר דער טאַליע, מיט דער צווייטער האַנד האָט ער אַנגענומען איהר הענטעל און איהר אַ קוש געטהאָן.

— „גראַדי היר“ — האָט סילווע אַ קוויטש געטהאָן, אויסגעשפּיגען, זיך אַרויסגעריסען פון פיליפּ׳ן און אַריין אין קיך — כ׳וועל דערצעהלען פאַר דיין פּאַ, וועסט זעהן? גיה, ביזט אַ חזיר! כ׳וועל מיט דיר קיינמאָל נישט רעדען.

זי האָט זיך אַנגעשפּיגען אויף דער האַנד, גענומען רייבען אויף דעם פּלאַץ, וואו זי האָט אַ קוש געקראָגען און אַרויס אויף דער גאַס.

---

מאָררים מיט רבקה׳ן זיינען בעפאַלען דעם בלינדען זרח און איהם גענומען שטיקען. זרח האָט געמאַכט קולות, זיך געבעטען זיי זאָלען איהם אָפּלאָזען. עס האָט נישט געהאָלפען. זיי האָבען איהם מיט אַמאָל אויפגעהויבען, אויפגערוקט דאָס פענסטער און איהם אַרויסגעשליידערט. זרח איז געפאַלען מיט אויפטרייסלענדע געשרייען, געפאַלען אַלס שנעלער און וואָס נעהנטער ער איז צו צו דער ערד, איז זי זיך צושווימען און ער איז ווייטער געפאַלען.

אַז אָפּגעגאָסענער מיט שוויים האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. ער האָט זיך באַלד בערוהיגט, אַז עס איז נישט מעהר ווי אַ חלום און זיך איבערגעצויגען. אין שטוב איז קיינער ניט געווען. דעם בלינדען האָט זיך געדאַכט, אַז אין מאָררים׳עס צימער סקריפּעט דאָס בעט.

— שוין ווידער! — האט זרח א ברום געטהאן און אויפגעשפרינ־גען אן אויפגעקאכטער פון זיין בעטעל.

ער האט גענומען רופען:

— רבקה! רבקה! סילווע! פיליפ! מאררים! א מיתה משונה אויף אייך אלע!

אין שטוב איז געוועז שטיל. זרח האט אויפגעשפיצט זיינע אויערען און איהם האט זיך ווידער געדאכט, אז דאס בעט ביי מאררים'ען קרעכצט. ער איז געוועזן זיכער, אז דארט איז קיינער ניטא, פון דעסט־וועגען איז ער פארזיכטיג אריין אין מאריסעס צימער און מיט א גע־מאכטען כעס גענומען קלאפען מיט'ן שטעקען איבער'ן בעטיל:

— אט אזוי! אט אזוי! נאט אייך! ממית'ען וועל איך אייך!

דעם בלינדען איז דאס עסק געפעלען געווארען, ער האט זיך צו־לאכט, זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן בעטעל, עס ארומגעטאפט פון אלע זיי־טען, ארומגעשמעקט עס, ווי א הונד, מיט דער נאז מיט א קרעכץ איז ער ארויס פון חדר.

איהם האט זיך אויסגעדאכט, אז אלע זיינען אין שטוב, בעהאלטען זיך אין די ווינקעלעך, אונטער די בעטען, אז באלד וועלען אלע מיט אמאל ארויסשפרינגען, איהם בעפאלען, דערווערגען.

אן אויפגעציטערטער איז ער צו צום פענסטער. ער האט ברייטער צועפענט זיינע אויגען און זיך איינגעהערט ווי דער רעגען קלאפט, שמייסט אין די שויבען, ווי מיט בייטשען. עס האט איהם דורכגעטרייסעלט. ער האט געפיהלט ווי א שרעק נעהמט איהם ארום און פון היימליכקייט ווע־גען האט ער גערופען: רבקה, רבקה! חצופה! עס איז געוועזן שטיל. פון א ווינקעל האט זיך געטראגען א הייזעריגער כככ... פון א קעציל.

— גאר צו רופען דאס קעציל — האט דער בלינדער צו זיך גע־זאגט. — פוססי, פוססי, קאם היר!

דאס קעציל איז באלד ארויס מיט א וואורטשען, זיך גענומען רייבען אן בלינדנעס פוס. זרח האט זיך איינגעבויגען, גענומען די קאץ אויף די הענד און איינגעטוליעט זיין פנים אין ווייכען, ווארעמען פעלכיל.

— פּוססי, דיר איז קאַלט ? — האָט זרח גע'טענה'ט צום קע־ציל, טוליענדיג שטארקער זיין פּנים אין ווייכען פעלכיל.

דאָס קעציל איז הפּנים ניט צופריעדען געוועזן פון בלינדענס צערט־ליכקייט, האָט עס א פריסקע געטהאָן און זיך ארויסגעריסען פון זיינע הענד. עס האָט זיך נעהערט א קלאַפּען אין טהיר.

— „קאָם אין“!

מיסעס סאַלאמאָן, וואַקלענדיג זיך ווי א פּעטע גאַנז, איז אריין.

— גוט איווונינג, זרח, ווי געהטס ? דאָס בין איך, מיסעס סאַלאַמאָן, וואו איז אייער פרוי ?

— בנאמנות, א גאַסט — האָט זרח געענטפערט א צופריעדענער — זייט זשע מוחל, מיסעס סאַלאַמאָן, נעהמט א שטוהל און זעצט אייך. איהר פרעגט זיך, וואו רבקה איז ? די שווארצע יאָהר ווייסען זי ! טלי־קעט זיך ארום !

איהר מעגט עס נאָכאַמאָל זאָגען — האָט מיסעס סאַלאמאָן געזאָגט זיך אוועקגעזעצט און אָפּגעפּראַכט — כ'האָב זי נור וואָס באגעגענט, מיט דעם קונצענמאכער, דעם שכור, אויף זיי מעג מען יאָ זאָגען : די „מיסעס“ מיט דעם „באָרדער“ !

— אזוי ? געטראָפען ? אי, אי, אי ! — האָט דער בלינדער זיך גענומען רייבען א האַנד אין א האַנד — נו, זאָגט איהר, מיסעס סאַלאַ־מאָן, איהר זייט דאָך קיין נאַר נישט, ווי לעבט מען ? וואָס קאָן איך מיר, אָרימער קאַליקע, העלפען ?

— וואָס הייסט ? — האָט מיסעס סאלאמאָן געפרעגט, צורוקענדיג איהר שטוהל צו זרח'ן — איהר זייט, דאכט זיך, א מאָן און די וועלט איז נישט הפקר. אמת, ס'איז אמעריטשקע גנב ! אין יוראָפּ וואָלט מען אזא יונג די ביינער צובראָכען, נאָר גאָרנישט ! איז ראשית, מאכט מען מאָררים'ען צו „מופּען“ ! און דערנאָך לאָזט מען זיך נישט בלאָזען אין דער קאַשע אריין. איהר זייט טאקע א בלינדער, אָבער פאָרט א מאַנס־ביל, און רבקה איז נישט מעהר ווי אן אשה. איהר נעהמט זי נאָר פעסט אין די לייצען אריין, וועט איהר זעהן, ווי זי וועט געהן אין שפּאָן !.. נאָר

ס׳ערשטע, מאכט צו מופען אַט דעם קונצען מאכער, אז ניעט זענט איהר אַן איבערגעפּיהרטער! ער וועט מיט זיינע זיסע ריידלעך ארויסציהען דעם לעצטען ביסען פון מויל! אוי, רבונו של עולם, אויסבאַליען זאָל ער מיינע פּאָר טאַלער!

— נו, נו, גיט טאקע אן עצה, מיסעס סאלאמאן, ווי מאכט מען דעם פארשוין צו „מופען" ? כ׳האָב מורא — האָט זיך דער בלינדער ביטער צולאכט — ער זאָל מיך נישט מאכען צו „מופען". די חברה וואָלטען מיך שוין לאנג ארויסגעפּאקט נאָך „ברוקלין".

— וואָס האָב איך דאָ א סך צו טענה׳ן ? — האָט זרח מיט א זיפץ געזאָגט, — כ׳בין א „דעם פול", אליין זיך שולדיג. גאָט האָט גע־שטראָפט, מיר צוגענומען די ראיה, האָב איך געדאַרפט נעהמען די טוי־זענד טאָלער, וואָס כ׳האָב געקראָגען און זיי ארייננגעבען אין א „האָם" — וואָלט איך מיר דאָרט געזעסען רוהיג און סילווען וואָלט די שטאָדט צוגענומען. האָט זיך מיר אָבער פערגלוסט חתונה צו האָבען און רבקה־לע, די חצופה, א בראָך אין איהרע ביינער, האָט דערשפּירט מיינע פּאָר סענט. ווי זי האָט זיך דאָס צוגעפּוצט צו מיר, די געקאָוועטע ליט־וואַטשקע, מיך גערופען „זרח׳קע" און „טייערינקער", און דער טייפעל ווייסט וואָס ? ווער פארשטעהט זייער לשון, ווער, פלעגט זיך פער־קאַטשען די ארבעל איבער די עלענבויגענס, מיר זיך הענגען אויפ׳ן האלז. צוזאָגען דאָס אויבערשטע פון שטויסעל, האָב איך גערעכענט: כ׳וויים, פאָרט בעסער אַן אייגען בעט, ווי צו זיין אין א „האָם". ווער האָט גע־וואוסט, אז זי וועט זיך ארייננעהמען א „ליובאָווניק", דעם שכור, און יעצט געה שריי חי וקים!

מיסעס סאלאמאן, וואָס זאָל איך אייך לאנג ברייען, זי לעבט מיט איהם אונטער מיינע אויגען, אז כ׳זעה נישט! און דו בלינדער הונד, ווער צופּלאצט! ביזט קיין מאן נישט מעהר! און ווער ווייסט, מיסעס סאלאָ־מאָן, אזוינע חברה קאָנען מיך נאָך אפּ׳סמ׳ען. און מיין סילווע, א פינס־טער יאָהר אויף איהר, זי האלט דאָך אויך מיט זיי. און זיין בנ׳אָקעל,

פיליפּ, א פער׳שרפ׳עט זאָל ער ווערען! א שעהנע קאַפּעליע, ווי איהר זעהט!

— עס געהט עמיצער — האָט מיסעס סאַלאַמאָן געזאָגט און זיך אויפגעשטעלט — צייט צו געהן! מען מוז צוגרייטען „סאַפּער“ פאַר די קינדער.

— וואָס איילט איהר זיך, מיסעס סאַלאַמאָן? דאָס איז דאָך רבקה!

— ניין, כ׳געה, „גוט באַי“, זרח.

ווען מיסעס סאַלאַמאָן איז צו צו דער טהיר, איז רבקה אריין מיט א שירם אין דער האנד. זי איז געבליעבען שטעהן. זיי האָבען זיך ביידע אַנגעקוקט ווי צוויי העהנער.

— עס געפעלט דיר שוין מיין בלינדער מאַן אויך? — האָט רבקה אויסגעשאָסען, אויסגעגלאָצט די אויגען און געכאַפּט די הענד פאַרבאַקעם — ניט געקאָנט קריגען מאָררים׳ן, איז דער בלינדער זרח אויך גוט! — האָט זי פאַרענדיגט מיט א ניגון.

— דערפאַר האָסטו שוין מאָררים׳ן מיט׳ן בלינדען צוזאַמען, הא?

— האָט מיסעס סאַלאַמאָן א רויטע ווי אן אינדיק געענטפערט.

— וואָס איך האָב, לאָז דיר דיין קאָפּ ניט דאַרען, נור, דו, יאַטקע קלאָץ, פלייש מיט אויגען, „גראַדי היר“, דען כ׳פלעט דיר דעם מח!

זרח איז אריין אין קיך, געבליעבען שטעהן ווי א גולם מיט א צוע־פענט מויל און געשריען.

— וואָס איז? רבקה׳לע, האָסט שוין צועפענט דיין צוואָווערכימ פּיסקעל?

דערווייל האָט זיך מיסעס סאַלאַמאָן ארויסגערוקט פון שטוב ניט טוידט ניט לעבעדיג. זי האָט געשפּרייזט איבער די טרעפּען, געשריען און געשאָלטען.

— וואָס איז? וואָס פאַר א חתונה האָסטו אויפגעקאָכט? וואָס האָסטו פון איהר געוואָלט, וואָס? — האָט זרח מיט כעס געפרעגט.

— בעליידיגט איהם די „ליובאַווניצע“ — דיין גליק, וואָס כ׳האָב אייך ביידע נישט געטראָפען -- האָט רבקה זיך צולאַכט.

— דו מיינסט אלע האָבען דיין טבע ? — האָט זרח געענטפערט— און וואו ביזטו דאָס פערפאַלען געוואָרען, כ׳האָב גערעכענט האָסט גע־מאכט פליטה מיט׳ן שיכור.

— ס׳וואָלט קיין עולה נישט געווען — האָט רבקה געענטפערט, איז צו צום אייז־שענקעל, ארויסגענומען א באַנאַנע און געגעסען.

— ווער האַלט דיך, ליטווישע נ׳אמונה ? גיעב צוריק מיין געלד, און געה ברעך הענט און פיס מיט׳ן גראָבען שכור צוזאַמען !

— ווער פרעגט דיך עצות, בלינדער הונד ! אז כ׳וועל וועלען, וועל איך געהן !

— חצופה ! — האָט דער בלינדער דורכגעזייט דורך די צייהן, זיך אויפגעשטעלט, אויסגעגלאָצט די פארצעלאַנענע אויגען, פארקוועטשט די פויסטען און זיך געטרייסעלט.

רבקה איז צו נאָהענט צום בלינדען און איהם א כראָקע געטהאָן גלייך אין פנים אריין. דער בלינדער האָט פון כעס א שליידער געטהאָן דעם שטעקען, גענומען יאָגען דאָס ווייב, איז געפאַלען ווי א זאַק זאַמד און זיך צוקלאַפּט. ער האָט גענומען רעווען ווי אַן אָקס.

רבקה איז צו צום מאַן, איהם גענומען קושען, האַלדזען, געהאָלפען אויפהויבען און געלעגט אויפ׳ן בעטיל.

— אז אלץ איז איבער דיר, זרח, — האָט רבקה א שולדיגע גע־זאָגט, גענומען דעם מאַנ׳ס האַנד און זיך געזעצט אויפ׳ן בעטיל — ביזט מיך אלץ אין איינעם חושד, אז כ׳האָב עסקים מיט מאַררים׳ען, כ׳ווייז דיר, אז מאָרגען „מופּט" ער ארויס פון אונז, למאי, „רענט" ? מיר קענען אזוי פיעל ניט צאָהלען, וואָס געהט עס מיך אָן ! ביי אונז אין שטוב איז דאָך פּשוט א גהינום !

— אויף מיין וואָרט, רבקה׳לע, מאַך איהם צו „מופּען", וועסט זעהן, איך אליין וועל בעצאָהלען דעם „רענט". כ׳וועל געהן אין די הייזער, א בלינדען וועט יעדער געבען און דו וועסט דיר לעבען ווי א גרעפין, ווי א „לעדי", אבי מאַך איהם צו „מופּען", דער שכור !

— לייכט צו זאָגען, וועסט געהן אין די הייזער, מיר פערשווארצען

דאָס פּנים. דאָס פעהלט מיר נאָך! כ'ווייס, כ'האָב גערעכענט, מיר ווע־לען זיך מאַכען עפּעס אַ שטיקעל „ביזנעס", גאָט וועט העלפען, מיר ווע־לען ווי עס איז דורכקומען, מיר זיינען דאָך ניט מעהר ווי דריי מענשען? און דו האָסט מורא ארויסצוגעבען דאָס בייטעלע פון דער האַנד, גע־טרויסט נישט דיין אייגען ווייב, און וואָס וועט זיין דער סוף?

— דאָס שריי איך דאָך, — האָט דער בלינדער אַ צופריעדענער גע־זאָגט, — פּערקאַטשענדיג דעם ווייב די אַרבעל פון דער בלוזקע, — וואָס הייסט, מענשען לאַכען דאָך פון מיר אין די פּויסטען, זיי טענה'ן, אַז דו מיט מאַררים'ען, כ'ווייס... מיינסט כ'גלויב? אסור נישט! נור צו וואָס זאָל מען מאַכען מענשען רעדען! און צוריק גערעדט, לאָז דיך נישט פּערדריסען, קיינער הערט דאָך ניט, מיר לעבען עפּעס צוזאַמען, נו? מיינסט טאַקע, כ'ברויך געלד? אָט, נאַ, דו האָסט דעם גאַנצען בייטעל.

רבקה האָט איהם ארומגענומען און גענומען קושען. זרח האָט זי ארויפגעשלעפּט אויפ'ן בעטעל.

---

מאַררים איז אהיים געקומען שפּעט ביי נאַכט. ער איז גלייך אריין צו זיך אין צימער, פּערמאַכט נאָך זיך די טהיר און האָט אָנגעצונדען די גאַז.

איבער דער ברייט פון בעט איז געלעגען פּיליפּ, אָן אָפּגעדעקטער, און געכראָפּעט. מאַררים האָט איהם אויסגעדרעהט, אריינגערוקט אין אַ ווינקעל און זיך גענומען אויסטהאָן.

די טהיר האָט זיך שטיל געעפענט און רבקה איז אריין אין אַ לאַנג, ווייס נאַכט־העמד. די האָר פּערקעמט מיט אַ צאָפּ אראָפּ, און געבלי־בען שטעהן. מאַררים האָט עפּעס ווי ניט געגלויבט זיינע אויגען, געקוקט אויף רבקה'ן און געשמייכעלט. ער איז צו איהר צוגעגאַנגען און האָט זי ארומגענומען. רבקה האָט זיך ארויסגעדרעהט פון זיינע הענד, זיך גע־זעצט אויפ'ן בעט און איהם געצייגט מיט דער האַנד ער זאָל זיך זעצען ביים טיש.

מאָררים האָט זיך אוועקגעזעצט און געוואַרט וואָס ווייטער וועט זיין.

— הער, מאָררים, — האָט רבקה שטיל געזאָגט, — ווייטער אַזוי צו לעבען איז אונמעגליך! אויב דו האָסט מיך אין אמת'ן ליעב, קום, לאָמיר אוועק פון דאַנען נאָך היינט ביי־נאַכט, און אויב ניט — „מוף", כ'וויל ניט האָבען קיין צוויי מאַנען!...

מאָררים איז ווי צומישט געוואָרען, גענומען שטאַמלען:

— יאַ, יאַ, אָבער וואו נעהמט מען געלד?

— דער בלינדער האָט מיר אוועקגעגעבען די גאַנצע צוויי הונדערט דאָלאַר, כ'זאָל דיך מאַכען צו „מופען", — האָט זיך רבקה צולאַכט.

מאָררים, ניט ערוואַרטענדיג אַזאַ ענטפער, האָט זיך אין גאַנצען פערלוירען. ער האָט אריינגעכאַפּט אין מויל אריין איין וואָנסע און זי גענומען קייען.

ער האָט געקוקט ווי רבקה ציהט זיך אויס אויפ'ן בעט ווי גרויס זי איז, מיט'ן פּנים צום סופיט. ציהט איין איהר לאַנג נאַכט־העמד ארום דעם לייב, אַזוי אַז אַלע גליעדער פּרעסען זיך בולט'ער ארויס, פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, וואַרפט אריבער אויפ'ן ווייסען האַרץ דעם שוואַרצען צאָפּ, נעהמט די הענד צוקאָפּענס און שמייכעלט צו איהם. מאָררים האָט מיט אמאָל אָן אַלעם פערגעסען, דערפיהלט, אַז עפּעס וואַקסט אין איהם, ער ווערט יונגער, שטאַרקער, האָט ער זיך מיט אימפּעט אַ שטעל אויף געטהאָן און גענומען געהן צו רבקה'ן. רבקה האָט שמייכלענדיג אָפּגענומען אַ האַנד, געוואָרען מיט אמאָל ערנסט, און איהם געגראָזשעט ער זאָל נישט צוגעהן צו איהר.

מאָררים איז געבליעבען שטעהן מיט אַ פּאָר גלאַנציגע אויגען, זיך ארומגעקוקט ווי איינער, וואָס זוכט הילף, און זיך גענומען קראַצען דעם קאָפּ.

פּיליפּ האָט זיך דערוויייל איבערגעוואָרפען, צועפענט די אויגען, און מיט אַ זיפץ ווידער אנשלאָפען געוואָרען.

— און וואָס וועט זיין מיט פּיליפּ'ן? — האָט מאָררים געפרעגט.

— מען מוז דאָך איהם מיטנעהמען!

מען וועט קיינעם ניט מיטנעהמען! — האָט רבקה געענטפערט, פערנאַנדערפלעכטענדיג איהר לאַנגען צאָפּ, — אויב דו ווילסט, טהו זיך אָן און מיר פאָהרען, גיכער!

דאָ האָט רבקה א ציה אריין געטהאָן איהרע פיס אין לאַנגען נאַכט־העמד, א צאַפּעל געטהאָן מיט איהרע אַקסלען און מיט אזא גלאַנציגע פייכטקייט פערזשומערט די שוואַרצע אויגען, אז מאַררים'ען איז א וואַרעם פרעסטיל דורכגעלאָפען איבער'ן לייב.

ער האָט זיך לייכט אראָפּגעלאָזט אויף די קניען, צושפּרייט די הענד, אַנגענומען א טראַגישע פּאָזע און מיט פּאַטהאָס אויסדעקלאַמירט:

— אָ, מיין זיסער אמאָר! דיין וואָרט גיעב נור — גיעב!...

—איך האָב דיך ליעב, זאָג! האָסטו מיך אויך ליעב?"

---

פּאַרטאָג האָט זיך דער בלינדער אויסגעטשוכעט, גענומען וועקען דאָס ווייב: רבקה! רבקה'לע! זי געזוכט נעבען זיך מיט די הענד. ער האָט געפיהלט, ווי עפּעס רייסט זיך אָפּ ביי איהם אין הארצען, נישט געפינענדיג רבקה'ן. אַן אויפגערעגטער איז ער אראָפּ פון בעט און איז צו צו סילווען.

— שטעה אויף, ממזרת, דערשטיקען וועל איך דיך!.. — האָט זרח געשריען, טרייסלענדיג די פערשלאָפענע סילווע. — האָדעווע אויס טעכטער, אויסגערונען דאַרפען זיי ווערען!...

סילווע האָט זיך אַן איבערגעשראָקענע אויפגעכאַפּט, **זיך** צעוויינט:

— וואָס ווילסטו פון מיר? וואָס קניפּסטו מיך?

— געה שוין אריין צו מאַררים'ן! זעה צו רבקה איז דאָרט דאָ, גיכער! זי האָט דעם לעצטען סענט פון מיר צוגענומען, די „באַמערקע"! וואָס ליגסטו? געה!

סילווע איז א געגאַנגען אראָפּ פון בעטעל און, כליפּענדיג, אריין אין מאַררים'עס צימער. דער בלינדער איז איהר נאָכגעגאַנגען.

— רבקה איז דאָ ניטאָ, — האָט סילווע א פערוויינטע געזאָגט.

— ניטאַ ? און מאָררים שלאָפט נאָך ?

— מאָררים איז אויך נישטאַ, פיליפ אליין שלאָפט אָהן קישענס.

— א בראָך צו מיר, — האָט דער בלינדער א רעווע געטהאָן, — ס'האריץ האָט מיר באַלד געזאָגט, אז ס'איז נישט גלאַטיג, זיי זיינען אנט־לאָפען, מיך איבערגעלאָזט א בלינדע קאַליקע, אָהן א סענט ! וואָס טהוט מען ? וואָס טהוט מען ?

פיליפ איז פון די קולות אויפגעקומען און א פערוואונדעטער זיך געפרעגט: וואָס איז דאַ ?

— דיין טאַטע, אז דער ערשטער דונער זאָל איהם טרעפען, איז אנטלאָפען מיט רבקה'ן, צוגענומען דעם לעצטען סענט און דיך אויך איבערגעלאָזט! וועסט קומען די הינט צוטהיילט !—האָט זיך דער בלינדער צושריען און זיך א וואַרף געטהון מיט צושפּרייטע הענד אויפ'ן בעט, אָנגעכאַפּט פיליפ'ען פאַר'ן קאָפּ און איהם גענומען שטיקען, ארויסלאָ־זענדיג בשעת מעשה אויפטרייסלענדע קולות.

פיליפ האָט געשליידערט מיט די פיסלעך, געביסען דעם בלינדען, געשריען : „בעסטאַרד, געט יאָר סיין !" געבעטען סילווע'ן זי זאָל איהם נישט לאָזען שלאָגען.

סילווע האָט זיך א פערוויינטע ארומגעוויקעלט ווי א שלאַנג ארום דעם פאָטער'ס פיס, געקנייפּט וואָס כח נור, געקוויטשעט ווי א יונג חזר'ל.

דער בלינדער האָט מיט אמאָל אָפּגעלאָזט פיליפ'ן, דערלאַנגט סיל־ווע'ן א שליידער פון זיך און געבליבען שטעהן אין מיטען שטוב, א בלאַסער, מיט א פּאָר פערגלייזעלטע אויגען, מיט א ברייט צועפענט מויל. ער האָט פערבראָכען די הענד און געטענה'ט מיט א ניגון, ווי מען בעקלאָגט א טוידטען:

— וואָס טהוט מען ? ווי האָבען זיי מיך איבערגעלאָזט ? ס'בלייבט מיר נישט איבער מעהר, ווי צו וואַרפען זיך אין ים אריין !...

סילווע איז געלעגען אין א ווינקעל און געכליפּעט.

פיליפ האָט, ווי פארגעסען אין די קלעפּ, דאָ געקוקט אויף דעם

בלינדען, דא אויף סילווען, דערזעהן, אז ער שלאפט אהן א קישען, אז דעם טאטענ'ס וואליז איז נישטא, אז ער האט איהם איבערגעלאזט,— האט עס איהם פארקוועטשט אונטער'ן הארצען און ער האט זיך שטיל צואויינט.

---

פארנאכט.

פיליפ איז אריין אין שטוב מעשה בעל הבית, מיט א ברייטען „גוט איווענינג".

ביים טיש איז געזעסען דער בלינדער, געשניטען א טאמעיטא אין קליינע רייפלאך, געטונקען אין זאלץ און געגעסען מיט ברויט.

פון קיך איז אריין סילווע מיט פערקאטשעטע ארבעלעך. ארום די זייטען רבקה'ס אן אלטער פארטוך, און מיט א שמייכעל פון א יונג ווייבעלע האט זי פיליפ'ן געפרעגט:

— האסט עפעס א סך געלד געמאכט?

פיליפ האט געשמייכעלט, ארייננעשטעקט די הענד אין די הויזען־קעשענעס, און גענומען שלעפען „פענעס".

— נא, — האט ער גדלות'דיג ארויסגעזאגט — דא האסטו א טאלער מיט פופציג סענט.

— דזשי! „א האל לאט" מיט געלד, — האט סילווע אויסגעשריען ארויף אויף א בענקיל, געכאפט א פולע האנט פענעס און זיך קא־קעטיש געפרעגט ביי פיליפ'ען:

— נו, טרעף: „דראד — אום"?

— דראד, — האט פיליפ געענטפערט.

סילווע האט געעפענט דאס הענטיל.

— אבע, נישט געטראפען, „אום"!

— גרייט בעסער צום טיש, סילווע, וועסט שפעטער שפיעלען! פיליפ איז דאך הונגעריג — האט זרח זיך ארייגגעמישט.

פיליפ האט הנאה געהאט פון זרח'ס רייד, ער האט זיך געפיהלט מעשה גרויסער מענש. ביים טיש האט זרח איהם דערצעהלט מעשיות,

וועלכע ער האָט ניט פערשטאַנען, נאָר גאַרנישט, ער האָט אויסגעהערט, געפיהלט אז ער איז געוואָרען מיט אמאָל עלטער.

נאָכ'ן עסען האָט פּיליפּ געהאָלפען סילווע'ן אָבוואשען דאָס געפעס, אוועקגעגעבען דאָס געלד דעם בלינדען, איינגעזונגען א ליעד און אוועק מיט סילווע'ן אין „מואווינג פּיקטשורס".

עס האָט זיך געוועבט אן אונענדליכע פּריירי מיט כוואַליענדע גראָז.

פּיליפּ'ס שווארצע אויגען האָבען א פינקעל געטהאָן, ער האָט זיך פעסט צוגערוקט צו סילוו'ען, אנגענומען איהר ווארעם הענטיל, איהר א שטורך געטהאָן מיט'ן עלענבויגען און געהייסען האָט עס: „קוק!" עס האָט זיך עפּעס בעוויזען פון דער ווייטענס — א פלעק. דער פלעק איז געשוואומען, געשפּאַנט אַלס נעהנטער און אַט האָט ער זיך פערוואַנדעלט אין א גערדיכטען נעבעל, איינגעהילט די פּריירי: דער נעבעל האָט זיך צושפּאַלטען, פונאַנדערגעשוואומען און א מחנה נאַקעטע אינ־דיאנער מיט קאָלירטע פעדערען און די רויט־געפאַרבטע האָר זיינען ארויסגעשפּרונגען אויף צוואוילדעטע פערד, געפיהרט א ווייס מיידעל מיט צולאָזטע, גאָלדענע לאָקען און פערשוואונדען. דער נעבעל האָט זיך פערצויגען.

סילווע איז געזעסען מיט טרעהרען אין די אויגען און ארויסגעלאָזט א וויינענדיגען „דזשי". פּיליפּ איז געוועזען רוהיגער. ער איז געווען זי־כער אז באַלד וועלען ארויס „קאָו־באָיס" מיט „פּיסטאָלס" און וועלען „פּייטען" די אינדיאַנער.

פון דערוויטענס האָבען זיך געזעהן „קאָו־באָיס" אין העמדער, ברייטע פילצענע קאַפּעלושען, מיט קאָלירטע טיכלעך ארום האַלז. זיי האָבען זיך געטראָגען ווי פייל פון בויגען אויף זייערע אויסגעצויגענע פערד, זיך געריסען פון דעם לייוועגט, ארומגערינגעלט די אינדיאַנער, גענומען שיסען. די אינדיאַנער האָבען געלאָזט דאָס מיידעל און זיינען אנטלאָפען.

— שעהן ? — האָט פּיליפּ א צופריעדענער געפרעגט סילווע'ן.

— זעהר שעהן ! — האָט סילווע געענטפערט.

— און דו וואָלסט ניט מורא געהאַט צו פאָהרען אין דער „וועסט“ זיך „פּייטען“ מיט אינדיאַנער? — האָט סילווע געפרעגט.

— „שור“ נישט — האָט פיליפּ געענטפערט. וואַרט, מיר וועלען נור אונ־טערוואַקסען, וועלען מיר פאָהרען צוזאַמען, וועסט זעהן ווי איך וועל זיך יאָגען נאָך אינדיאַנער. כ׳וועל שיסען מיט א רעכטען „פּיסטאָל“ ווי א פּאָליסמאַן, אָט אַזוי! פּיף־פּאַף!

— און אַז זיי וועלען מיך כאַפּען? — האָט סילווע טרויעריג גע־פרעגט.

— וועל איך צונויפנעהמען א חברה „קאָו־באָיס“ און דיך ברענגען צוריק.

— און אַז זיי וועלען מיך אויפעסען? זיי עסען דאָך מענשען!

דאָ איז פיליפּ געבליבען שטעהן אין א פערלעגענהייט, ניט ווי־סענדיג וואָס צו ענטפערען. באַלד האָט ער א שפּיי געטהאָן, מעשה כוואַט, און געזאָגט:

— זעהסט, כ׳געה שוין עטליכע יאָהר אין „מאָווינג פּיקטשורס“ און איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזעהן זיי זאָלען עסען א ווייסען, תמיד כאַפּט מען זיי.

דאָס האָט סילווע׳ן בערוהיגט און זיי זיינען געגאַנגען אהיים.

אין דער היים איז דער בלינדער ניט געווען — די קינדער האָבען ניט אָנגעצונדען די גאַז און זיך אוועקגעזעצט אויפ׳ן בעט.

— ווייסט — האָט פיליפּ זיך געווענדעט צו סילווע׳ן — אַז כ׳וועל אונטערוואַקסען, וועל איך אָנזאַמלען געלד, אריין אין א סקול און ווערען אַן עקטער. דו ווייסט, דער טאַטע פלעגט מיר זאָגען, אַז די שעהנסטע מיידלעך וועלען צו מיר קומען?...

— און דו וועסט זיי אריינלאָזען?

— שור! זיי וועלען מיך בעטען כ׳זאָל פאַר זיי זינגען...

— כ׳וויל נישט! — האָט סילווע אין אַנגע׳ברוגז׳טע געזאָגט. אַז זיי וועלען דיך וועלען הערען לאָזען זיי געהען אין טהעאַטער אריין. כ׳וויל דו זאָלסט זינגען נור פאַר מיר!

— טא פאר וואס ביזטו אזא שלעכטע, ווילסט מיר קיינמאל קיין קוש ניט טהאן ? — האט פיליפ געזאגט.

— מען טאר זיך ניט קושען ! — האט סילווע קאקעטיש געענטפערט.

— טא פאר וואס האט דער טאטע געקושט ? — האט פיליפ זיך שטיל געפרעגט. — דו ווייסט, פיעל מאל, ווען כ'פלעג אויפקומען ביינאכט האב איך געזעהן ווי דער טאטע האט רבקה'ן געקושט.

— טאקע ? — האט זיך סילווע געפרעגט א נייגיריגע.

— כ'זאל אזוי לעבען ! איין מאל בין איך אויפגעקומען האב איך זיך דערשראקען, רבקה, א נאקעטע האט מיך ארומגענומען און געקושט. דער טאטע האט מיר א „פאנטש" געטהאן און מיר זיך געהייסען אויסדרעהען צו דער וואנד.

— און וואס האט דער טאטע געטהאן ?

— ער האט זי ארומגענומען, געקושט, געביסען, כ'וויים וואס ?

— דו ווייסט — האט סילווע געזאגט — אזוי ר'נאך האט מען קינדער !

— געה, ביזט א נאר ! פון קושען האט מען נישט קיין קינדער ! סילווע, דו ווייסט דורך וואן מען האט א קינד ?

— שור, ווייס איך. דורכ'ן נאפעל !

— טאקע ? כ'האב גאר נישט געוואוסט ! כ'האב גערעכענט, כ'ווייס

— מען שיקט עס אראפ צי מע...

די קינדער זיינען אבגעזעסען ביז א שטיק אין דער נאכט אריין, זיך אויסגע'טענה'ט, און אז די אויגלעך האבען זיך גענומען ביי זיי קלעפען, האבען זיי זיך ארומגענומען, איינגעפלאכטען די הענטלעך און צוזאמען אנשלאפען געווארען אויפ'ן בעטעל.

שפעט ביי נאכט איז דער בלינדער אהיים געקומען, אויפגעזוכט די קינדער, זיי ארומגעטאפט און זיך פונאנדערגעוויינט: „מיינע פרנסה געבערם".